STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10215

NAYE VERK

Abraham Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרויסע פאָלקס־ביבליאָטעק.

אברהם רייזען.

נייע ווערק.

ערשטעס בוך

ערצעהלונגען.

(נייע זאמלונג).

פערלאג „ביכער־פאר־אלע", ווארשע, דלוגא 11.

ווארשע, — תר"ע.

דרוק „האור", דלוגא 11.

НОВЫЯ СОЧИНЕНІЯ

А. Рейзина.

Томъ Первый.

Изданіе „Бихеръ-Фаръ-Алэ", Варшава, Долгая 11.

Druk. J. Jeżyńskiego Nowy-Świat 8

אינהאלט:

I.

איינזאַמע מענשען.

זייטע

דאָס הענדלערס האָפנונג 7

דאָס בעקער־יינגעלע 13

אויפ'ן גרינעם גראָז 21

דער געהער 31

גאַסען־בילדער 37

נישטאָ קיין עצה 45

רייזעלע 53

אַ בעל־חוב 65

II.

היימישע בילדער.

דאָס קליינע שטיבעל 71

די ערפינדערין 79

דער פראָלעטאַריער אויף פרישע לופט 87

אברהם דער שוסטער 95

דער רייכער 109

זייטע

דער מילכיגער טשאָלענט 119

די קאָפּיקע חנוכה־געלד 131

די נייע לאַטע 139

די לעצטע האָפנונג 149

גבירה'שע מצה 155

אָרימע־לייט 171

דער קורצער שלום 177

III.

דער פאַלשער פערציגער 187

IV.

דראַמאַטישע פראַגמענטען 201

איינזאמע מענשען.

דעם הענדלערס האפנונג.

דאָס בעקער־יוּנגעל.

צי ער האָט קיין כח ניט געהאַט, צי ער האָט זיך גע־שעמט, — ווער קאָן וויסען, אפשר ביידע זאַכען. אָבער שרייען אויפ'ן הויף: האַנדעל! האַנדעל! ווי אַלע הענדלער, פלעגט ער ניט. מיט'ן זעקעל אין האַנד פלעגט ער פון דירה צו דירה אַרײַנ־געהן און שטיל פרעגען:

— אפשר האָט איהר עפּיס צו פערקויפען?

מיט דער זעלבער פראַגע איז ער אַמאָל, אַ דאַרער, אַ בלייכער מיט פערשמאַכטע ליפען מיט רויטע אויגען, אַריין אין מיין צימעריל.

— ניין! — האָב איך ווי שולדיג געענטפערט.

— אפשר אַ פּאָר אַלטע שיך? — האָט ער תחנונים'דיג גע־פרעגט און זיך איינגעבויגען אונטער מיין בעטעל.

— ניין איך האָב נאָר איין פּאָר.

— אפשר אַן אַלטען הוט? — האָט ער ווייטער מיט'ן זעלבען טאָן געפרעגט, און געהויבען דעם קאָפּ אין דער הויך אויף דער שאַפע, מיין בעל־הבית'טעס שאַפע.

— ניין!

— אפשר אַ העמד? — האָט ער ניט אויפגעהערט צו פרע־גען, קוקענדיג אויף דעם טשעמאָדאַן, וואָס איז געלעגען אויף אַ שטוהל.

— ניין, איך האָב ניט, האָב איך געענטפערט — און אַ קוק טהוענדיג אויף איהם, האָב איך דערזעהן, ווי זיין פּנים דריקט

אוים שרעקליכע פערצווייפלונג. איך האב חאטש געוואלט איהם אויסדריקען מיין מיטגעפיהל און האב איהם געפרעגט:

— וואס, ר' ייד ניטא קיין פרנסה?

— אי, ניטא, ניטא! — האט ער זיך אנגעחאפט אן מיינע ווערטער, — אבער טאקי גאר ניטא! חאטש נעם און ציה זיך אוים אויף דער גאס.

איך בין גערירהרט געווארען. פאר מיר איז געשטאנען, האלטענדיג אין די הענד א לידיגען זאק, די פערצווייפלונג אליין, און האט זיך ניט גערירהרט פון ארט.

איך האב איהם געוואלט געבען א פאפיראס.

ער האט מיר געדאנקט און געענטפערט:

— עס איז אזוי אויך ביטער...

וואס זאל איך מיט איהם טהון, אזוי אוועקלאזען טאר איך איהם ניט, פערקויפען איהם עפּיס, האב איך ניט וואס, א פאפּיראס נעמט ער ניט און קיין נדבה האב איך ניט (און אפשר וואלט ער ניט גענומען), און פלוצים האט זיך פון מיין מויל ארויסגעריסען:

— אין א וואך ארום קויף איך מיר א נייעם אנצוג, קומט צוגעהן, וועל איך אייך פערקויפען דעם, וואס איך טראג.

— הא, וואס זאגט איהר! — האט ער, ווי ערוואכט פון א גליקליכער בשורה, אויסגעשריען און זיך צוגערוקט צו מיר נעהנטער — אין א וואך ארום? געווים?...

— אפשר אין צעהן טעג ארום! — האב איך געפרובט אפּלעגען זיין יום טוב אויף שפעטער — אבער ווי איך קויף א נייעם, פערקויף איך אייך דעם, וואס איך טראג...

— מילא זאל זיין אין צעהן טעג ארום. קיין נפקא מינא ניט... איך קאן ווארטען... — האט ער געשמאמעלט, און אין זיינע אויגען האט זיך אנגעצונדען א פרעהליך פייעריל... ער איז פאר

שמחה צו מיר צוגעגאנגען גאר נאהענט און א טאפּ געטהון דעם ארבעל...

— א פראסט סחורה'לע... — האט ער געזאגט מבינות, און צוקוקענדיג זיך טיעפער, האט ער צוגעגעבען:

— שוין גוט אבגעטראגען... נאר עס מאכט ניט אויס: איך קויף ביי אייך אב... איז, הייסט עס, ווען זאגט איהר — אין עטליכע טעג ארום...

— אין צעהן טעג ארום! האב איך איהם בעשטימט...

— גאנץ גוט! גאנץ גוט! — האט ער ווי צורודערט פאר גליק גערעדט און ניט אראבגענומען די אויגען פון מיין אנצוג, וועלכער איז קענטיג איהם יא געפעלען געווארען...

ער האט זיך שוין געזעגענט, געזאגט א גוטען טאג, נאר פלוצים איז זיין פנים ווידער דונקעל געווארען און מיט א צי־טערדיגער שטימע האט ער זיך געווענדט שטעהענדיג ביי'ן טיהר.

— און מיט וואס בין איך זיכער, אז איהר וועט איהם מיר פערקויפען? אפשר וואלט איהר ביי מיר גענומען א פאר גילדען האנד־געלד?

— ניין! האב איך זיך ווי פערשעמט פון דעם מאדנעם מסחר — איידער איך קויף א נייעם, קאן איך דאס ניט טהון, אבער איך פערזיכער אייך, אז אייך אליין וועל איך פערקויפען...

— נו, טא געזעגנט־זשע... איז ער ווידער פרעהליך גע־ווארען, דער אנצוג געהערט מיר...

* *
*

אין א וואך ארום איז ער צו מיר געקומען.
איך האב זיך פערשעמט און קוים געקאנט ענטפערן.
— נאך ניט.

— נו, נו, עס מאַכט ניט אויס, האָט ער מיר ווי געֿטרייסט, — אָבער פערקויפען איהם וועט איהר דאָך מיר?

— אודאי — אייך, זיכער!

— נו, וועל איך וואַרטען.

ער איז אַ פרעהליכער געבליבען שטעהן, און האָט עפּיס ווי געוואָלט זאָגען, נאָר קאָנטיג ניט געוואַגט.

איך האָב איהם געפרעגט:

— וואָס ווילט איהר ווייטער?

— אַז איהר וואָלט אַזוי גוט געווען ווייזען מיר דעם אונטערשלאַק פון רעקעל. איך דאַרף איהם אָנקוקען. איך בעט אייך.

זיין בקשה איז געווען לעכערליך. איך אָבער האָב זי פערשטאַנען און האָב ניט געלאַכט. פערקעהרט — איך האָב אַ טיעפען זיפץ געטהון און האָב אַראָבגעצויגען דאָס רעקעל פון זיך.

ער האָט זיך גענומען מיט מבינות בעטראַכטען, געדרעהט דאָס רעקעל אין אַלע זייטען און אויסגערופען:

— אַ פראַסטינקער אונטערשלאַק... נאָר נישקשה... איך קויף ביי אייך... איז הייסט עס, ווען זאָל איך אַריינגעהן...

— העכסטענס אין אַ וואָך אַרום...

— זעהר גוט! זעהר גוט! — האָט ער פרעהליך און אויפגעֿרעגט פאַר גליק געמורמעלט. — הייסט עס, אַז דער אַנצוג איז מיינער — אין אַ וואָך אַרום.

און פול האָפנונג איז ער אַרויס פון מיין צימער, איך האָב געקוקט אויף מיין אַנצוג מיט כבוד און אָביזיי, עפּיס איז עס ניט קיין געוועהנליכער אַנצוג. איך האָב איהם גענומען שטאַרק היטען, ניט נאָך מיין געוואָהנהייט, איך זאָל חלילה ניט צערייסען דעם אָרימען הענדלערס האָפנונג, וואָס איך טראָג אויף זיך...

דאס בעקעריונגעל

דעם הענדלערס האפנונג.

האט איהר עפעס ליעב פרישע, נאך ווארימע געבעקס. ערשט פון אויווען? א, יא! איהר האט ליעב — איך ווייס, אז איהר האט ליעב! איך האב אמאל אליין געזעהן, ווי א שענע בעל-הבית'טע האט, גוט אויסזידלענדיג, ארויסגעטריבען א געבעקס-טרעגערין, ווען יענע האט איהר געבראכט געבעקס, וואס, אז מען האט עס געפרובט קנייפען מיט די פינגער, האט עס נישט געקנאקט. פרישע געבעקס, ווי בייגעל, זעמעל, האט א בעזונדערען קנאק. עס איז א קנאק, וואס רייצט דעם אפעטיט, און וועה איז צו דעם בעקער-יינגעל, אדער בעקער-מעדעל, וואס טראגען פונאנדער דאס געבעקס אויף פריהשטיק צו רייכע בעל-הבית'טעס, וועה איז צו זיי, ווען די בייגעל, צי די זעמעל פערליערען זייער אויפרייצענדען קנאק.

און אז איהר האט פרישע געבעקס אזוי ליעב און האט אזא הנאה, עסענדיג עס מיט קאווע, צי גאר מיט קאקאא, — א קשיה וואס מענשען קענען זיך פערגינען, — פארוואס זאלט איהר נישט וועלען וויסען די געשיכטע, ווי אזוי די געבעקס, וואס „קנאקט" ווערען בעשאפען? מיר לעבען אין א צייט פון וויסענשאפט, פון אויספארשונגען, פון סטאטיסטיק, און עס וואלט געווען א גרויסע זינד געגען דער וויסענשאפט דורכצולאזען אזא וויכטיגע ערפארשונג, ווי אזוי פרישע געבעקס ווערען געבאקען.

בעגעגענט האב איך דאס יינגעלע אין א שפייז-געוועלב האלב צעהן א זייגער אווענד, זומער.

געזעסען איז דאס יינגעלע ביי דער טיהר פון געוועלב אויף

אַ קאַסטען. נעבען זײַנע דאַרע, נאַקעטע, קױטיגע פיסלעך איז געשטאַנען אַ קויש מיט עטליכע איבערגעבליבענע בײַגעל, בלײַכע דאַרע און אויסגעקניפּטע פון טויזענדער הענד און פערבראַקירט געוואָרענע. ווען נישט דאָס יינגעלע, וואָלט איך אויף די דאָזיגע איבערגעבליבענע בײַגעל רחמנות בעקומען. איך האָב אָבער לאַנג אויף זײ נישט געקוקט. וואָס קענען מיך אינטערעסירען עטליכע בײַגעל, ווען פאַר מיר זיצט אַ יינגעל, וואָס ברענגט נאָך אַזוינע נוצען דער וועלט און וואָס קען ערשט פערבראַקירט ווערען אין יאָהרען אַרום?

איך האָב אויף איהם אַ קוק געטהון און איך האָב געמײַנט, אַז פאַר מיר זיצט אַ קינד, וואָס מען האָט נאָר וואָס פון שפּיטאָל אויסגעשריבען, אָדער בעסער, וואָס מען דאַרף איהם אין שפּיטאָל אַרײַנגעהמען...

— וואָס זעהסטו אַזוי שלעכט אויס, יינגעל? האָב איך איהם אַ פרעג געטהון.

ער האָט זיך געפּוילט, אָדער נישט געקענט ענטפערען. ער האָט אָנשטאָט אַן׳ענטפער שווער געאָטהעמט.

— ביזט קראַנק?

ער האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ אויף נישט. קענטיג, אַז ווענען קראַנק זײַן האָט ער געהאַט אַ בעגריעף, אַז מען מוז ליגען אין בעט און מען קען שוין קיין שריט נישט מאַכען.

— וואָס־זשע זעהסטו אַזוי שלעכט אויס?

ער האָט געשוויגען און האָט נאָר מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע גרויסע, אויסגעלאָשענע אויגען.

— ביזט פערמאַטערט?

דיעזע פראַגע האָט ער שוין פערשטאַנען. דאָס וואָרט פערמאַטערט איז איהם בעקאַנט. און ער האָט גלײַך, ווי צופריעדען פון דעם וואָס איך האָב געטראָפען, געענטפערט.

— יאָ, פֿערמאַטערט.

— וואָס פֿרעגט איהר? — האָט זיך שוין אַריינגעמישט די בעל־הבית'טע, זעהענדיג, אַז איך, אַ מענש אין אַ קאַפּעלוש, אינ־טערעסיר מיך מיט אַזעלכע נאַרעשקייטען, — ער איז קוים אַריינ־געפֿאַלען אין געוועלב.

— דאָ איז אַפֿילו נישט קיין אָרט... האָט זי צוגעגעבען.

דאָס יינגעלע האָט אויף איהר אַ מאַטען בליק אַ וואָרף גע־טהון; עס האָט זיך גערעכט, אַז דער בליק בעדייט: נאָך איין ווייִ־ליטשקע.

— פֿאַרוואָס געהסטו נישט אַ היים שוין שלאָפֿען? — האָב איך איהם געפֿרעגט.

— איך וועל יעצט דאַרפֿען אַרבייטען — האָט ער שטיל גע־ענטפֿערט.

— וואָס הייסט, דו אַרבייטסט נאָר ביי נאַכט? — האָב איך געפֿאָרשט.

— ניין — האָט ער קוים געענטפֿערט.

— בייטאָג אויך?

— יאָ.

— ווען־זשע שלאָפֿסטו?

— פֿון 2 ביז 5.

איך האָב שוער נישט אויסגעשריגען: ביזט אַ קליין ליגנע־ריל — נאָר איך האָב אַ קוק געטהון אויף זיין אויסגעדאַרט, פֿאַר דער צייט פֿערעלטערט פּנים'ל, און האָב איהם געגלויבט...

— און דער בעל־הבית אַרבייט אויך אַזוי פֿיעל? — האָב איך געפֿרעגט.

— ער אַרבייט גאָרנישט.

— און די בעל־הבית'טע?

— אויך נישט.

— און די קינדער זיינע?

— אויך נישט, איך און נאך דריי „מענשען“ ארבייטען.

— וויפיעל נעהמסטו א וואך?

— גארנישט...

— וואס הייסט?

— צוויי יאהר אומזיסט.

— דאס קען נישט זיין! — האב איך, גרויסער חכם, אויס־געשריגען, — דאס קען נישט זיין! זאג דעם אמת.

דאס יינגעלע האט שוין אבער געשוויגען. וואס ארט עס איהם, אז איך גלויב נישט; און אז איך וועל איהם יא גלויבען, וועט איהם שוין בעסער זיין? אין דער צייט, וואס ער וועט מיר ענטפערען, וועט ער בעסער צומאכען אויף א קליין רגע'לע די אויגען. עס איז אזא מחיה!...

— וואס גלויבט איהר דא נישט! — האט זיך די קרעמערין אריינגעמישט. — בעקעריי איז א קאטארזשנע ארבייט. די געבעקס מוז זיין פריש, מוז מען ארבייטען ביי דער נאכט...

איך האב געוואלט עפעס זאגען דערויף, נאר דאס יינגעל האט זיך אויפגעכאפט און קראצענדיג זיך אין הוילער, ערטערווייז צעבלוטיגטער ברוסט, האט ער מיט תחנונים גע־פרעגט:

— ווי שפעט איז יעצט?

— 3 פיערטעל צעהן.

— אוי-אוי-אוי! האט ער אויסגעשריגען און האט זיך אויפ־געשטעלט, נאר ער איז שיער נישט אומגעפאלען.

— וואס איילסטו זיך, נאר? — האב איך איהם געפרובירט פערהאלטען, געה אהיים און לעג זיך שלאפען.

— איך האב נישט קיין היים...

„ער האט נישט קיין היים“. ער האט נאר א בעקער, מיט

אַנ׳אויווען, מיט אַ קויש און אַ שטיקעלע פּאָדלאָגע אויף דריי שעה צו שלאָפען, מעהר האָט ער גאָרנישט...

מיר אָבער האָבען אַלץ, אַפילו פרישע בייגעל, וואָס קנאַקען, און וואָס רייצען אַזוי דעם אַפּעטיט.

— ווער איז זיין בעל־הבית? — האָב איך געפרעגט דער קרעמערין, ווען דאָס יינגעלע איז זיך וואַקלענדיג אַוועקגעגאַנגען.

— איהר קענט נישט זיינע בעלי־בתים? — האָט זי זיך געוואונדערט — האָט איהר געהערט אַביסעל! ווער קען זיי נישט? ער איז אַ דיקער ייד, זי — אויך! אַז זיי געהען אַרויס שבת אין גאַס, שטעלט זיך יעדער אויף זיי אָב קוקען, זעהר שענע, דיק, געזונד, און האָבען טאַקע, זאָגט מען, אַ סך געלד...

— יאָ, האָב איך געטראַכט, מען קען טאַקע זיין שען און דיק און האָבען אַ סך געלד, ווען אַזעלכע קליינע יינגלעך אַרבייטען צוויי יאָהר אומזיסט צו 18 שעה אין מעת־לעת...

אויפ'ן גרינעם גראז.

אויפ'ן גרינעם גראז.

בערמאן, א בוכהאלטער אין א גרויסען קאנטאר, א יונגער מאן מיט א מיטעל־מעסיגען געהאלט און גרויסע פערלאנגען, געפינט זיך שוין צוויי וואכען אויף א זומער־וואהנונג, א האלבע שטונדע פון ווארשע. איידער ער האט בעקומען דעם מאנאט אורלויב ביי זיין פרינציפאל, האט זיך איהם די זומער־וואהנונג, מיט די גרויסע געדיכטע בוימער, מיט דער פרישער לופט און איבערהויפט — די רוהיגקייט, פארגעשטעלט פאר דאס גרעסטע גליק אין דער וועלט. אז ער האט זיך אבער דא בעזעצט אין א קליין צימער'ל, וואס א פאמיליע האט איהם אבגעטראטען פאר צעהן רובל א חודש, וואו אינוועניג איז געווען ענג און דושנע, און פלעגט דערפאר ליעגען, זיצען און אומשפאצירען א גאנצען טאג אין וואלד, — זענען איהם די בוימער, די רוהיגקייט נמאס געווארען, אנ'אומעט האט זיך בעזעצט אין זיין ברוסט און האט עפעס גענאגט און געפאדערט...

ארום איהם האבען אפילו געוואויהנט פיעל פאמיליעס, וואס האבען געהאט שענע יונגע פרעהליכע טעכטער. נאר ער איז מיט איינער פון זיי ניט בעקענט געווען, האט ניט געוואוסט ווי אזוי מען הויבט דאס אן, און פלעגט זיך נאר וואונדערן, ווי אזוי אנדערע יונגע־לייט, ארעמערע, אונגעבילדעטערע, און ניט שענערע פון איהם זענען מיט זיי אזוי נאהנט, געהען צוזאמען לאכענדיג, ארומגענומען און פערשווינדען צווישען די געדיכטע בוימער...

אברהם רייזען.

דאַן פֿלעגט איִהם אָנשטאָט אומעט אָנהויבען נאָגען אַ בענקשאַפֿט נאָך ליִעבע, אָהן וואָס קיין זאַך האָט קיין ווערט ניִט.

צייטענווייז פֿלעגט איִהם אייַנפֿאַלען אַ געדאַנק, ער וועט האָטש צוגעהן צו דער שטוב-מעדעל, וואָס געפֿיִנט זיִך ביי דער פֿאַמיִליע וואו ער וואויהנט און וועט מיט איִהר ווערן נאָהנט, געהן מיִט איִהר שפּאַציִרען צוויִשען די בוימער, און קושען זי, האַלזען, און ווער ווייס וואָס די פֿאַנטאַזיע האָט איִהם נאָך געמאָלט, פֿון וואָס דאָס בלוט פֿלעגט ווי פֿייער ווערן און ברענען איִהם דעם גוף מיִט דער נשמה...

נאָר אַפּילו מיִט דער דאָזיִגער אָרעמער מעדעל, וואָס פֿלעגט אַלע אָבענד צו איִהם קומען איִן ציִמער און אויסבעטען דאָס בעט, און אַלע פֿריה-מאָרגען, ווען ער פֿלעגט נאָך איִן בעט ליִעגען, די אויסגעפּוצטע שיִך ברענגען, אַפּיִלו מיִט איִהר האָט ער ניִט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוהויבען...

— דיִר בלייבט נאָר אַ גאַסען מעדעל! — פֿלעגט ער זיִך אַליין רייצען.

און דערביי פֿלעגט ער זיִך שטענדיִג דערמאָהנען אָן העלענקע, אַ יונג פֿרעהליִך מעדעל, וועלכע ער האָט מיִט אַ האַלב יאָהר צוריק איִן אַ פֿערוואָרפֿענעם געסעל געטראָפֿען. און בעזוכט זי, ווען ער פֿלעגט זיִך געפֿיִנען איִן שטאָדט, יעדע וואָך...

די דאָזיִגע העלענקע איִז איִהם אַזוי געפֿעלען געוואָרען, אַז די ערשטע צייט פֿלעגט ער איִהר יעדעם מאָל נאָכ'ן פֿערקעהרען מיִט איִהר, זאָגען מוסר און בעטען זיִך ביי איִהר, זי זאָל פֿון דאַנען אַנטלויפֿען, — ער האָט אויף איִהר גרויס רחמנות... העלענקע פֿלעגט ערנסט אויסהערען, צוזאָגען איִהם, אַז זי וועט נאָר אָנקלויבען אַביסעל געלד אויף אָבצוצאָהלען דער בעל-הבית'טע, וועט זי געוויס, מיִט גאָט'ס היִלף, פֿון דאַנען אַרויס... און נאָך איִהר הבטחה פֿלעגט זי איִהם אַרויפֿלעגען די האַנד אויפֿ'ן פּלייצע און פֿלעגט ליִעבליִך בעטען:

— אבער דערווייל שענק מיר בעזונדער אויף קאווע... און בערמאן, מיט א מינע פון א פערליעבטען, פלעגט איהר שענקען בעזונדער גאנצע 20 קאפיקעס, חוץ דעם בעשטימטען פרייז...

איינמאל בלאנזשענדיג אליין אין וואלד און בענקענדיג נאך ליעבע, איז איהם איינגעפאלען א געדאנק, ער וועט פאהרען אין ווארשע און ברענגען אהער העלענקען אויף א גאנצען טאג...

אנפאנגס איז איהם דער געדאנק אויסגעקומען ווילד: וואס הייסט, ער וועט בעצאהלען פאר געזעלשאפט אזוי פיעל געלד! — עס איז דאך פשוט ניט נארמאל. אבער וואס מעהר ער האט דעם געדאנק פאר ניט נארמאל געפונען, אלץ מעהר האט ער איהם ניט געלאזט רוהען. די פאנטאזיע האט איהם געמאלען פערשיעדענע בילדער, ווי אזוי ער וועט מיט העלענקען אומגעהן אין אלע ווענעלעך, אין אלע שטעגעלעך, ווי מיט אנ'אמת'ער געליעבטער, אזוי ווי עס געהען אום א סך יונגע לייט מיט זייערע חבר'טעס. קיינער דארף דאך ניט וויסען, אז זי איז פון אזא הויז. זי זעהט דאך אויס אזוי יונג און צנועה'דיג, דערצו וועט ער בעטען, זי זאל זיך אנציהען וואס בעשיידענער, און דאמאלס איז זי ניט צו דער־קענען. ער וועט איהר גאר בעטען, זי זאל איהרע האהר אין צעפ פלעכטען. אך, צעפ האט ער אזוי ליעב! ער אליין וועט פערגע־סען ווער זי איז. ער וועט א טאג האבען א שען יונג מעדעל, א גאנצען טאג וועט זי איהם, איהם אליין געהערען... אמת, ער וועט איהר דערפאר בעצאהלען... נו, וואס איז... און א ווייב צאהלט מען דען ניט?... עס געהט דאך נאר אין דער פארם, און אז ער וויל שפייט ער אויף דער פארם...

און אויף מארגען איז בערמאן געפאהרען נאך ווארשע און איז גלייך אוועק צו העלענקען.

אברהם רייזען.

עֶס אִיז גֶעווען דריַי אַ זייגער בייטאָג, אַלס ער איז אַריין אין הויז, וואו העלענקע האָט זיך געפונען. אויף די שמוציגע, שמאָלע און קרומע טרעפּ, האָט ער בעגעגענט די ווירטהין, אַ דיקע, שוואַרצע פרוי מיט אַ פערשייטען בליק. בערמאַנען האָט זי שוין גוט געקענט, און האָט איהם געהאַלטען פון די בעסטע געסט, דעריבער האָט זי איהם אָבגעשטעלט און געפרעגט:

– איהר געהט צו העלענקען?

– יאָ... נאָר ניט אויף בלייבען דאָ... איך וויל זי מיטנעהמען צו מיר...

– צו אייך?... – האָט די ווירטהין געפרעגט – צו וואָס?

– פערשטעהט איהר מיך... – האָט בערמאַן גענומען שטאַמלען, – איך וואָהן אויף אַ זומער-וואָהנונג... ס'איז זעהר אומעטיג... איך וואָלט וועלען האָבען העלענקען אויף אַ טאָג... איך וועל בעצאָהלען!...

– נו, אייך געטרוי איך זי, – האָט די ווירטהין געענטפערט... אָבער עס וועט אייך קאָסטען די חתונה 15 רובל...

– אֶפשר גענוג 10? – האָט בערמאַן זיך געפּרובט, שוין דרייסטער ווערענדיג, דינגען.

– אַך, וואָס רעדט איהר? – האָט די ווירטהין זיך אָנגעהאַפּט, – 10 רובל פאַר אַ גאַנצען מעת-לעת! פאַר אַ נאַכט נעמט זי דאָך 5 רובל...

– מילא... – האָט בערמאַן אַרויסגערעדט... – זאָל זיין 15! וואו איז זי?...

– זי איז דאָ, העלענקע! – האָט די ווירטהין אַ רוף געטהון.

באַלד איז פון אַ טהיר אין לאַנגען קאָרידאָר אַרויסגעשפרונגען אַ יונג שען מעדעל מיט בלאָנדע פאַנאַנדערגעלאָזענע האָהר אויף די האַלב נאַקעטע אַקסלען און אין אַ פּאָר שטעק-שיך אויף די ווייסע באָרפעסע פיס.

— העלענקע! — האָט בערמאַן איהר אויסגעשטרעקט די האַנד.

— אַ! וואָס מאַכט איהר! — האָט זי איהם פֿרעהליך געענטפֿערט — וואו זענט איהר געוועזן אַזוי לאַנג?...

— דער הערר וואָהנט אויף אַ זומער־וואָהנונג... ער וויל דיך געהמען אויף אַ טאָג... — האָט די ווירטהין פֿאַר בערמאַנען געענטפֿערט. — ווילסט?...

— אויף אַ זומער־וואָהנונג... אויפֿ'ן גרינעם גראָז... — האָט העלענקע געלאַכט מיט אַ פֿרעהליכען קלינגענדיגען געלעכטער — אַלע גוטע זאַכען וויל ער!...

— וועסט קיין חרטה ניט האָבען, העלענקע! — איז בערמאַן ענטציקט געוועזן פֿון איהר, און איז שוין אין גאַנצען צופֿריעדען געוועזן מיט זיין אויפֿטהו!...

— איך לאַך זיך אוים פֿון זיי! — האָט ער אַ טראַכט געטהון, מיינענדיג דאָס די בעל־בתישע פֿאַמיליעס!

אין אַ האַלבע שעה ארום איז שוין העלענקע, אַנ'אָבגעצאָהלטע, אַנ'אַנשטענדיג אָנגעצויגענע, מיט לאַנגע צעפּ געשטאַנען גרייט צו דער רייזע.

— אַ בעל־בתיש מעדעל! — האָט די ווירטהין געלאַכט.

— איך האָב זיי אין דר'ערד! — האָט העלענקע געענטפֿערט, — האָט גענומען דעם זאַנטיק און איז אַרוים צוזאַמען מיט'ן גליקליכען בערמאַנען...

און דאָך, אַז בערמאַן איז געקומען מיט העלענקען אויפֿ'ן וואָקזאַל, וועלכער איז געוועזן פֿול מיט פּאַסאַזשירען, צווישען וועלכע עס זענען געוועזן פֿיעל בעקאַנטע, האָט איהם דאָס האַרץ געקלאַפּט, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַ גנבה בעגאַנגען מיט שרעק האָט ער געקוקט אויף איהר און אַלץ געזוכט און געפֿאָרשט: צי דערקענט מען זי צי ניט. ערשט אַז ער האָט זי פֿאָרגעשטעלט

פאַר זײַנעם אַ בעקאַנטען, וועלכער איז אויפ׳ן וואָקזאַל געווען — אַלס זײַנע אַ לאַנדס־מעדעל, און יענער האָט קײן שום מינע פון חשד ניט אַרויסגעוויזען, האָט ער זיך בערוהיגט און האָט זאָגאַר זי גענומען אונטער די הענד און האָט מיט איהר אַזוי געשפּאַצירט הין און צוריק איבער דער פּלאַטפאָרם, ביז עס איז אָנגעקומען דער צוג... דערשרעקען פּלעגט ער זיך נאָר ווען זי פּלעגט זיך פּלוצלונג פון עפּעס הויך פערנאַנדער־לאַכען, דאַן פּלעגט ער זי שטרענג אָנקוקען און שטראָפען:

— וואָס לאַכסטו אַזוי הויך?... אַלע קוקען.

ענדליך איז דער צוג אָנגעקומען. בערמאַן מיט העלענקען האָבען אויסגעזוכט אַ לעצטען וואַגאָן, וועלכער איז געווען גאַנץ לעדיג. נאָר אויף אַ הינטערבאַנק זענען געזעסען צוויי אַלטע פּויערים און האָבען געראויכערט זייערע לולקעס און געווען פערטהון אין אַ טיפען שמועס און האָבען דאָס פּאָר פּאָלק אפילו ניט אָנגעקוקט. העלענקע האָט זיך גלייך אַוועקגעשטעלט נעבען אַן אָפענעם פענסטער און האָט דערזעהן אַ גרויסען ברייטען הימעל, ווייטע פעלדער און וועלדער, און האָט ענטציקט אויסגערופען:

— אַי, זעהט!

— וואָס? — האָט בערמאַן זיך געווענדט צו איהר.

— זעהט ווי שען...

נאָר בערמאַן האָט ניט געקוקט אויף די ווייטע פעלדער און וועלדער און ניט אויפ׳ן בלאָהען הימעל, נאָר אויף איהר שטראַהלענדען יונגען געזיכט. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען און איבערצייגענדיג זיך, אַז קײנער זעהט ניט, האָט ער זי גע־שלעפּט פון פענסטער, געקושט און געשעפּטשעט:

— יאָ, העלענקע, יאָ, העלענקע... אויפ׳ן גרינעם גראָז וועט עס גוט זײַן...

זיין ברוסט האָט ווילד געקלאַפּט פון לוסט און אויפרעגונג.

ער האט זי געדריקט אין די ארעמס, געקושט און געפליסטערט.

העלענקע האט זיך אבער געריסען צום פענסטער און געבעטען:

— איך בעט אייך, לאזט... לאזט מיך קוקען, דא איז אזוי שען...

— אז מיר וועלען קומען וועט נאך שענער זיין, — האט בערמאן אבלאזענדיג זי געזאגט און האט זיך אויך געשטעלט אין פענסטער און ווידער זי גענומען דריקען און קושען, נאר זי האט אל'ץ אונצופריעדען איהם אבגעווענדט און זיך געבעטען:

— איך בעט אייך לאזט... שפעטער... שפעטער...

ענדליך איז דער צוג אנגעקומען אויף דער סטאנציע, פון וועלכער בערמאנס וואהנונג האט זיך געפונען א האלב ווארסט וועג. אראבגעהענדיג מיט איהר פון וואגאן האט ער זי ווידער גענומען אונטערן ארעם און האט זיך מיט איהר געלאזט געהן אין א שמאל וועגעל, צווישען געדיכטע הויכע בוימער. העלענקע האט זיך ווידער געריסען און געבעטען:

— איך וויל געהן ניט געארעמט... איך וויל אליין... בערמאן האט זיך עפעס ווי פערשעמט און בייז געווארען. ער האט זיך שיער ניט ארויסגעחאפט: 15 רובל...

באלד זענען זיי געשטאנען ביי א שטיקעל פעלד בעוואקסען מיט הויכען גראז און ארומגעצוימט מיט בוימער.

— אוי, דא זעץ איך מיך צו! — האט העלענקע ענטציקט אויסגערופען — אוי, מאמעלאך, ווי שען דא איז!

— אהא — האט בערמאן מיט א געמאכטען זיגערישען טאן זיך געווענדעט צו איהר — איך האב דיר געזאגט, אז עס וועט זיין גוט.

ער האט זיך נעבען איהר אוועקגעזעצט און געוואלט אוועקלעגען זי אויפ'ן גרינעם גראז.

— ניין! לאזט... לאזט. איך וויל זיצען...

— העלענקע וואס איז מיט דיר? — האט בערמאן מיט א ברענענדען פנים גענומען פראטעסטירען.

אברהם רייזען.

ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, פאַר'ן וואַלד, פאַר די גראָז און העלענקען ... נאָר אַ געפיהל, וואָס איז שטאַרקער פון אַלץ האָט איהם אַרומגעכאַפּט, און ער האָט מיט אַ פיבערהאַפטער שטים גערעדט:

– העלענקע... איצטער... דאָ איז דאָך אַזוי גוט...

– ניין! ניין! – האָט העלענקע געבעטען. און בעפאָהלען – דאָ ניט... שפּעטער ביי אייך...

– פאַר וואָס? – האָט ער זי מיט אָנגעצונדענע אויגען ווילד אָנגעקוקט...

– איך ווייס אויך ניט... עפּעס דאָ שעם איך זיך... איך שעם מיך אויף נאמנות... אין צימער יאָ, און דאָ וויל איך ניט, דאָ קען איך ניט...

– טאָ קום צו מיר אין צימער, ס'איז ניט ווייט... – האָט בערמאַן זיך געבעטען...

– אַח, ס'אַראַ שלעכטער מענש איהר זענט, – האָט העלענקע גוטהערציג זיך געבייזערט – שוין שלעפּט איהר מיך אין צימער!... וואָס איילט איהר זיך. איך וואָלט דאַכט זיך פון דאַנען קיינמאָל ניט אַוועקגעהן... אוי, אוי, זעהט, זעהט, זעהט, האָט זי פלוצים זיך פאַר שמחה ווי צוזונגען – דאָרטען איז אַזאַ שען פעלד... אָדער קומט אַהין, דאָרטען איי נאָך שענער!... אָדער איהר זיצט דאָ און איך וועל דאָ אַליין געהן... ווילט איהר?...

בערמאַן האָט איהר אָבער גאָרניט געענטפערט.

העלענקע האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

– נו, אַז איהר ווילט קומט אויך... אָבער איהר זאָלט מיך ניט טשעפּען, דאָ דאַרף מען ניט... דערפאַר אָבער, אַז איהר וועט קומען צו מיר אין שטאָדט...

בערמאַן איז איהר נאָכגעגאַנגען שטום ווי אַ פערזינדיגט=קינד...

דער גזהער.

דער געהער.

אין דעם פעקעל, וואס איין העלפט הענגט איהם איבער די פלייצעס און די אנדערע העלפט — איבער׳ן ברוסט, געפינען זיך: גאפלען, מעסער, קעמעלעך, בערשטעלעך, ספינקעלעך, בײטעלעך און נאך אזעלכע מיני סחורות.

און מיט דיזען פעקעל געהט ער פון איין קאפע אין דער צווייטער, פון איין רעסטאראן אין דעם צווייטען, און בײ יעדען טישעל ווייזט ער זײנע סחורות די געסט, וואס זיצען דארט און רופט מיט א קול וואס קלינגט אי מיט א בקשה אי מיט א פראגע צוזאמע:

— א קליין גוט מעסעריל!?

— א קליין בערשטעלע!?

— א שען בײטעלע!?

דער שלעכטער מענש, וואס זײנע אויגען און זײן הארץ איז פערטהון אין דער אכילה, ענטפערט ניט און קוקט איהם אפילו ניט אן. אנפאנגס האט איהם אזא אונאנגענעהמער קבלת פנים זעהר ערבּיטערט, אבער ער האט זיך שוין דערצו לאנג צוגעוועהנט.

דער ניט־שלעכטער מענש קוקט אריין אין דעם פעקעל, טהוט פריהער א זופ פונ׳ם נלאז, וואס שטעהט פאר איהם אויפ׳ן טיש, אדער ער פערזוכט א שטיק עוף פון טעלער — דאס ווענדט זיך, זעלבסט־פערשטענדליך, וואו דער ניט־שלעכטער מענש געפינט

זיך דאמאָלסט, צי אין אַ קאַפֿע, צי אין אַ רעסטאָראַן, אָדער אין שענקען — דאַן ערשט ענטפֿערט ער קורץ און טרוקען:

— איך דאַרף גאָרנישט!

דער גוטער מענש הויבט אויף די אויגען צו׳ם געהער, קוקט זיך איין אין זיין געקנייטשטען שטערן, אין זיינע איינגעשרומפּענע, איינגעפֿאַלענע באַקען, אין די בלויע פֿאַסען אונטער זיינע אויגען, אין זיינע מלבושים: אַ צופֿליקט זומער־רעקיל אין ווינטער און זאָגט:

— גלויבט מיר, אַז איך דאַרף גאָרנישט...

— אַ שען גוט מעסעריל — 30 קאָפּיקעס...

און דער גוטער מענש ענטפֿערט מיט נאָך אַ ווייכערע שטימע:

— גלויבט מיר, ליעבער ייד, אַז איך דאַרף גאָרנישט.

אָבער דער אמת־גוטער מענש, וועלכען מען דאַרף לאַנג אַרומזוכען אין אַלע קאַפֿעען, רעסטאָראַנען און שענקען, ענטפֿערט:

— אַנו, ווייזט עפּעס אהער אַ שען גוט קעמעלע, אָבער ביליג.

— אָ, געזונד און שטאַרק זאָל ער זיין! — ער וועט שוין בע־שטימט עפּעס געבען צו פֿערדיענען.

און דער געהער עפֿענט זיין פּעקיל, פּאַקט אויס, און לעגט אויס אַלע זאָרטען קעמעלעך, וואָס ער האָט נאָר: ווייסע, שוואַרצע, גרויסע, קליינע, שיטערע און געדיכטע, און דער אמת־גוטער מענש פֿרעגט:

— וואָס קאָסט, למשל, אַזאַ מין קעמעלע?...

דאַמאָלס הויבט אָן דעם געהערס האַרץ שטאַרק צו קלאַ־פּען, ער ווייס נים וואָס צו טהון, וויפֿיעל צו זאָגען; ער וואָלט וועלען פֿערדיענען אָן דעם קעמעלע 7 קאָפּיקעס, ער וואָלט זיך אָבער בעת הדחק געלאָזט בעגוגענען מיט 2 קאָפּיקעס ריוח. אָבער געה און טרעף, וואָס פֿאַר אַ שטיינער קונה דאָס איז — אַ נאַר אָדער

א קלוגער, א גוטער אָדער אַ שלעכטער, אַ רײַכער אָדער אַנ׳אָרימער?
דער געהער ווערט צומישט און גיט פּלוצים אַ זאָג:

— 25 קאָפּיקעס! — דערהערענדיג דעם פּרײַז וואָס זײַן מויל האָט אַרויסגעזאָגט, ווערט ער אַלײן דערשראָקען און גיט צו:

— גלויבט מיר, הערר לעבען — אַז עס איז גאָרניט טײַער...

דער אֶמת־גוטער מענש אָבער, וואָס געהט געבען פֿערדיענען אַנ׳אָרימען געהער, ווערט שטאַרק אָנגעברוגז׳ט: ווי האָט מען דאָס אַ חוצפּה אויסצובעטען 25 קאָפּיקעס פֿאַר אַזאַ קעמעלע!

— וויפֿיעל דען וועט דער הערר געבען? — פֿרעגט דער געהער ענטמוטהיגט.

דער אֶמת־גוטער מענש איז פֿערטהון מיט׳ן גאַנצען לײַב און לעבען אין טעלער געבראַטענע געניזענס, ער איז שרעקליך אין כּעס אויפ׳ן געהער, וואָס האָט די העזה געהאַט אַזוי פֿיעל אויסצובעטען — און שווײַגט...

— 10 קאָפּיקעס! — בעט זיך דער געהער.

אָבער דער ניעדריגער פּרײַז געפֿעלט נאָך אַלץ ניט דעם אֶמת־גוטען מענשען, ער שווײַגט ווײַטער, 10 קאָפּיקעס איז נאָך אויך צופֿיעל.

— 8 קאָפּיקעס — לאָזט ווײַטער אָב דער געהער. ער וויל חאָטש פֿערדינען ווענינגסטענס 2 קאָפּיקעס.

דאָס מאָל מאַכט שוין דער אֶמת־גוטער מענש אויף דאָס מויל און זאָגט:

— 7 קאָפּיקעס, גאַנץ גענוג!

— נעהמט עס, הערר לעבען!

און דער געהער לאָזט זיך ווײַטער פֿון אײַן קאַפֿע אין דער צווײַטער און פֿון אײַן רעסטאָראַן אין דעם צווײַטען, אָבער זעהר זעלטען געפֿינען זיך אַזעלכע גוטע מענשעלעך, וואָס זאָלען קויפֿען פֿון אַ געהער אַ קעמעלע פֿאַר גאַנצע 7 קאָפּיקעס...

און אַ לאַנגע צײַט דאַרף דער אָרימער געהער איהם זוכען, זעהר אַ לאַנגע צײַט, און עס ווערט איהם מיאוס פאַר'ן לעבען, פאַר די וועלט, און פאַר אַלע מענשען. אַלעס ערגערט איהם, רעגט איהם אויף. און ער שילט אַלעס, אַלעמען און זיך אַליין, און ער וואָלט וועלען טהון עפּעס אַזאַ מין זאַך, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך אַרומזעהן, ווי שלעכט און פערדאָרבען זי איז, אַז אַלע זאָלען פיהלען ווי אַכזר'יש זיי בעגעהען זיך מיט זייערע מיט־מענשען...

אָבער וואָס קען אַזאַ אָרימער געהער ווי ער, אָבטהון די וועלט?

ער קען נאָר אויפהערען צו זאָרגען פאַר די בעזוכער פון די קאַפעען און רעסטאָראַנען, און זיי מעהר ניט צושטעלען זײַנע סחורות... זאָלען די שלעכטע מענשען וויסען ווי אַזוי זיך מיט איהם צו בעגעהן... זאָלען זיי זעהן איין טאָג, צוויי, דרײַ — ניטאָ מעהר דער הויכער און דער דאַרער, וואָס האָט קנײַטשען אויפ'ן שטערן, בלויע פאַסען אונטער די אויגען און צוויי פעקלעך אויף זײַנע אײַנגעבויגענע פלייצעס, אײַנגעפאַלענער ברוסט!...

אָבער ניין! דאָס טאָר ער פאַר קיין פאַל ניט טהון. זײַן פרוי, זײַנע קינדערלעך זײַנע בלײַכע, באָרפעסע, הונגעריגע קינדערלעך, וואָס וואַרטען אויף איהם אַ גאַנצען טאָג...

ניין! ער וועט ווײַטער געהן: הײַנט, מאָרגען און איבער־מאָרגען! — זײַן גאַנצעס לעבען וועט ער אַזוי געהן.

און ער הויבט זיך אויף און געהט...

גאסען=בילדער.

גאַסען־בילדער.

I.

קום מײַן ליעבער.

אַרויס איז זי אָבענדס־צײַט, אַלט אַ זײַנער. פֿון איהר פֿערוואָרפֿענעם געסעל, איז זי גלײַך אַרײַנגעפֿאַלען אין דער רוישענדער, ברײטער רײַכער גאַס און האָט זיך געלאָזט געהן אויף יענעם טראָטואַר, וואו עס געהען וועניגער מענשען. זי האָט נאָך צײַט! רוהיג און צופֿריעדען האָט זי מיט איהר ווײַכער האַנד, מיט די לאַנגע דינע, ערשט אויסגעוואַשענע פֿינגער געטאַפּט די פֿריזור. רוהיג און כמעט ווי צנועה׳דיג, האָט זי געהויבען דאָס קלײדעל נאָר עטוואָס העכער איבער׳ן שוך. זי האָט נאָך צײַט! אויף פֿערבײַגעהענדע מענער האָט זי כמעט ניט געקוקט. ניט פֿאַר כעס, אַדרבא זי איז זעהר גוט אויפֿגעלעגט, האָט זיך גוט אויסגעשלאָפֿען און די טאַסע שאָקאָלאַד, וואָס זי האָט פֿאַר׳ן אַוועקגאַנג אויסגעטרונקען האָט איהר אויך גוט געשמעקט. נאָר זי האָט נאָך צײַט! דער שוואַרץ־יאָהר וועט דער בעל הבית׳טע ניט נעהמען -- ס׳איז היינט אַ שענער אָבענד — ס׳וועט זײַן גענוג! די תאוה רוקט זיך שוין אַרויס פֿון אַלע ווינקעליך, פֿון אַלע לאַמטערנעם .. זי געדענקט נאָך אַזעלכע אָבענדען, ווען זי פֿלעגט פֿון דער פֿאַבריק געהן אַהײם, און ווי אַזוי דאָס האַרץ האָט געבענגט, געוואָלט עפּיס אַזוינס, וואָס זי האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס הײסט, אַצונד

וויים זי שוין... אצינד אָבער בענגט זי נאָלדעם קיינמאָל ניט. זי וואָלט אַמ אַזוי געשפּאַצירט און געשפּאַצירט, אַ זאַטע, אַנ׳אויסגע-שלאָפענע, אַ רוהיגע...

אַ ווייגער נייַן איז זי שוין עטוואָס אונרוהיגער געוואָרען און אַ ביסעל אויפגערעגט. שוין צייט אָנהויבען ווינקען, לאַכען און הייבען העכער דאָס קליידעל – עס איז דאָך ניט קיין שכל... זי איז דאָך ניט קיין גימנאַזיסטקע, וואָס געהט גלאַט שפּאַצירען...

און זי טהוט עס. הויבט אָן צו ווינקען צו יעדען אַנשטענ-דיג געקליידעטען יונגען מאַן, לאַכען און הויבט דאָס קליידעל העכער און העכער... די שילד איז שוין אַרויסגעשטעלט – אַ ווייסע אונטער-קליידעל שוואַרצע זאָקען מיט רויטע בענדליך... די גוטע ליינע הויבט אָבער אָן צו שווינדען. פרעג צו וואָס? געה און געה און געה!...

דאָך ביי איז זי נאָך ניט, נו, וואָס איז: ס׳איז דאָך אַ פּרנסה... דאַרף מען טאַקי זעהן עפּיס פערדיענען.

און זי געהט ווידער הין און צוריק, ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַכט, ווינקענדיג, לאַכענדיג, רופענדיג.

יאָ – ס׳איז שוין צייט. העלענקע האָט שוין געפאַקט אַ יונגען מאַן, אַנ׳אורח קענטיג, ווייל ער געהט און טרייסעלט זיך: גאָט ווייס וואוהין מען וועט איהם פערפיהרען... זי דאַרף אויך זעהן פּאַקען עמיצען.

צו אַלדי שוואַרץ-יאָהר! שוין האַלב עלף! באַלד וועט „ער“ קומען זעהן, וואָס זי טהוט אַזוי לאַנג אויף דער גאַס. אָ, ווי זי האָט איהם פיינד, איהר בעל-הבית׳טעס „געליעבטען“, מיט זיינע ברייטע פּלייצעס און אייזערנע הענד! אַלע נקבות פון „שטוב“ זענען איהם וועניג, נעכטען פיער אַ זייגער אין דער פריה, איז ער צו איהר געקומען. קענסט עפּיס העלפען... אויך אַ גאַסט, אויס-קרענקען זאָל ער!...

און די צייט געהט פלינקער פאַר איהר,, און עס מאַכט זיך קיינער ניט... די מוראָ פאַר דער ווירטהין, פאַר איהם — וואַקסט און דער צאָרן נאָך גרעסער. פערברענט זאָל אַלץ ווערען. פער־זונקען! און די אַלע מענשען, וואָס געהען און די אַלע טראַמווייען מיט די פערד, מיט די וועגען מיט דעם קאָמיסאַר וואָס קוקט שוין אויף איהר און ווינקט דאַכט זיך דעם סטויקאָווע — ער זאָל זי נעהמען — אַלע, אַלע — פערשאָלטען זייט!...

און דאַן בעגעגענט זי אַנ׳אַלטינקען בעאַמטען און ווענדט זיך צו איהם אַזוי זיס:

— קום, מיין ליעבער.

און דער ליעבער געהט...

II.

דער רעקלאַמענטיילער.

שוין צוויי טעג, אַז ער שלעפט זיך אום גאַנץ הונגעריג. האַלב הונגעריג איז ער שוין אומגעגאַנגען לאַנג, זינט ער איז דאָ אין דער גרויסער שטאָדט וואַרשע

ער האָט שוין קיין כוחות, ניט נאָר צו געהן, אַפילו אום־צושלעפען זיך. אין זאַקסען־גאָרטען לאָזט מען ניט אַריין, די הויזען זענען אונטען צו שטאַרק אויסגעריבען, דאָס רעקעל אַפילו קורץ, אָבער לעכעדיג, און דער קראַגען — וויעגען קראַגען איז שוין ליעבער צו שווייגען... דער הוט צעקנייטשט נאָך מעהר ווי זיין פנים. מען קען צו׳ם סטויקאָווע קיין טענה ניט האָבען וואָס

עֶר לאָזט איהם ניט אַרײַן... עֶר היט דעם אַלט־פּױלישען געזעץ, חאָטש אַלײן איז עֶר אַן׳עָלט־רוסישער.

אין קראַשינסקי׳ם גאָרטען איז אַפילו עֶרלױבט איהם אַרײַנ־צוגעהן, נאָר דאָרט זענען שטענדיג אַלע בענק פערנומען און די פרישע לופט ברויך ער ניט. ער דאַרף, א שטיקעל ברויט און אַ שטיקעלע באַנק, נאָר אין דער גרױסער שטאָדט װאַרשע איז דאָס פאַר איהם ניטאָ.

ניטאָ און ניטאָ!

און הונגעריג און מיעד שלעפּט עֶר זיך אום און די אויגען גלאַנצען אַזױ װילד, אַז אַן׳אַנשטענדיגער מענש בעגעגענדיג זיך מיט זײַנע בליקען, רוקט זיך אָב אויף עטליכע טריט...

הײַנטיגע צײַטען דאַרף מען זיך היטען פון אַזױנע...

און עֶר שלעפּט זיך אום פון אײן גאַס אין דער צװײטער, פון אײן פּלאַץ אויפ׳ן צװײטען.

װאָס זוכט עֶר? װאָס װעט עֶר געפינען?

און דאָך – פאָרט אַ גרױסע שטאָדט, ניט אומזיסט האָט איהם אַהער אַזױ געצױגען. דאָ קומט דאָס גליק גאָר אומגערעכטערהײט.

הינטער זיך האָט עֶר אַ „סיקען״ דערהערט,

עֶר האָט זיך אַפילו ניט געװאָלט אומקעהרען, געװיס מײנט מען ניט איהם. װער קען איהם רופען אין אַזאַ רײַכער גאַס, װאו עֶר האָט סתם פערבלאָנדזשעט אָהן ציעל און אָהן אַ מײן.

און װירקליך מען רופט איהם.

בײַ אַ גרױסען נײַען קאַפע־הויז איז געשטאַנען אַ גרױסער דיקער מענש און האָט איהם געפרעגט בעטראַכטענדיג פון אױ־בען אַראָב, צי װיל עֶר פערדינען דרײַסיג קאָפּיקעס.

– װי אַזױ? – האָט עֶר דערשראָקען געפרעגט.

דער דיקער מענש האָט איהם אַרױסגעטראָגען אַ גרױסען פּאַק געדרוקטע גרינע פּאַפּירלעך – אָט דאָס דאַרפט איהר

צוטײַלען אין גאַס יעדען אַנשטענדיג-געקלײדעטען מענשען. איהר פערשטעהט — ניט אַבי װעמען, נאָר אַזױנע, װאָס זעהען אױס װי אַרענטליכע מענשען...

— גוט! — האָט ער שװאַך געענטפערט און האָט צוגענומען דעם פּאַק.

ער איז אַװעק און האָט גענומען טײלען, היטענדיג דעם בעפעהל: אַנשטענדיג געקלײדעטע מענשען. איבערהױפּט האָט ער געקוקט אױף די קראַגענס און היט.

אַ מענשען מיט אַ שװאַרצען קראַגען און אַ צעקנײטשטער הוט האָט ער דאָס פּאַפּירעל ניט פאָרגעלעגט. ער האָט מורא געהאַט.

און פערגעסענדיג זײן מידקײט, זײן הונגער, האָט ער גע-טײלט און געטײלט די פּאַפּירלעך, װאו עס װערט פערשפּראָכען גוטע קאַפע, ליכטיגע צימערן און שײנע מוזיק בײנאַכט...

און די פּאַפּירלעך װערען אַלץ װעניגער, װעניגער און די האָפנונג צו בעקומען דרײסיג קאָפּיקעס — גרעסער, גרעסער.

אַט האָט ער שױן צוטײלט אַלע פּאַפּירלעך. דער גרױסער גאָט האָט איהם געגעבען כּוחות און לײטזעליגקײט אין די אױגען פון אַנשטענדיג-געקלײדעטע דורכגעהער, סײ מענער, סײ פרױען: אַלע האָבען גענומען!...

עס איז שױן פאַרנאַכט, ער לאָזט זיך געהן מיט אַ האַרץ-קלאַפּען צו דער גרױסער נײער קאַפע

װאָס װעט ער טהון פאַר די צװײ גילדען, האַ? װאָס װעט ער טהון?

און פערשידענע מאכלים און משקאות טאַנצען פאַר בײ די אױגען און שפּרינגען איהם װי אין מױל אַרײן, און מונטערען איהם און שטאַרקען איהם...

און אַט איז ער שױן בײ דעם קאַפע הױז. אָ, ער האָט די 30 קאָפּיקעס פערדינט: עס איז פול געסט, אַ דאַנק איהם!

 אברהם רײזען.

און ער לאָזט זיך מיט אַמין שטאָלץ צום טהיר, צו דער גרויסער אָפּענער טהיר, ביי וועלכער עס שטעהען צוויי שוויי־צערס...

– וואָהין? – פּערשטעלען זיי איהם ביידע דעם וועג.

– צום ווירט... צוויי גילדען קומט מיר...

– מאָרגען פריה... מאָרגען פריה... איצט געה אַוועק... נו גיכער... געסט געהען...

און געסט זענען ווירקליך געגאַנגען – אַסך, אַסך.

אָ, די 30 קאָפּיקעס האָט ער כשר פּערדיענט, ווי דערלעבט מען אָבער מאָרגען פריה?

און ער צווייפעלט שטאַרק...

ניטא קיין עצה.

ניטאָ קיין עצה.

נאָכדעם, ווי ליב, אַ נגיד'יש בחור'ל, פון אַ יאָהר 22, איז אָבגעזעסען פיער חדשים אין טורמע אויפ'ן אַדמיניסטראַטיווען שטייגער, איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרען אויף דריי יאָהר נאָך אויסלאַנד, אַלס שעדליכער עלעמענט פאַר דער רוסישער געזעלשאַפט.

אויב ער איז געווען שעדליך פאַר דער רוסישער געזעלשאַפט, איז ער אָבער שטאַרק נוצליך געווען דער קליינער קאָלאָניע, וועלכע האָט זיך געפונען אין דער גאַליצישער שטאָדט, וואוהין ער איז אַריינגעפאַלען און זיך בעזעצט. טרעפענדיג די אַלע עמיגראַנטען אין אַ זעהר שווערער מאַטעריעלער לאַגע, האָט ער גלייך זיין ביסעל געלד, וואָס זיין טאַטע האָט איהם מיטגעגעבען, צוטיילט צווישען די ניט־האָבענדע חברים. נאָכדעם, ווי ער איז געבליבען אָהן געלד, האָט ער די עטליכע טעג, וואָס איהם איז אויסגעקומען צו וואַרטען אויף פריש געלד פון דערהיים, אַביסעל צוגעהונגערט, אָבער זעענדיג איבערגעגעבען זיינע נייע חברים, האָט ער זיין לאַגע אָנגענומען פאַר ליעב, טרייסטענדיג זיך, אַז אַזוי דאַרפען לעבען אַלע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע ריכטען אָב ביז אַ צייט גלות... עס האָט איהם נאָר באַנג

געטהון א פאר עמיגראנטקעס, איידעלע מיידלעך, וועלכע האבען אויסגעזעהן זעהר חושך פון שוין צופיעל הונגערן און טאקע צוליעב זיי האט ער פערקויפט זיין זייגעריל און האט זיי דאס געלד אוועקגעבארגט, איבערלאזענדיג זיך נאר א פאר קרייצער, פאר וועלכע ער האט געקויפט א בולקע און געהענדיג צו זיי עס געקייט, ווי אנ׳עכטער רעוואלוציאנער...

בעקומענדיג דאס ערשטע מאל פון דערהיים פריש געלד, איז ער גלייך אוועק אין דער לעזע-האלע, וואו די עמיגראנטען פלעגען זיצען דאס רוב, און ער האט זיי געמעלדעט, אז ער האט בעקומען געלד און ווער עס דארף, זאל זיך ניט שעמען...

אין א פאר טעג ארום איז די בעקומענע סומע ניט געווארען, און בלייבענדיג אהן געלד, האט ליב זיך ווידער דערפיהלט, אז ער איז א רוסישער רעוואלוציאנער, וואס איז ניט געבוירען געווארען צוליעב תענוגים. ס׳איז נאר א שאד, וואס א פאר עמיגראנטען פון דער קאלאניע, וועלכע האבען יא א ביסעל געלד, פיהרען זיך גארניט, ווי רעוואלוציאנערען. זיי, אז זיי בעקומען געלד, פערטהוען זיי עס פאר זיך אליין. מיט וואס פאר א רעכט זענען זיי רעוואלוציאנערען און וואס טראכטען זיי זיך — קאן ער ניט פערשטעהן. ווארשיינליך האט די רוסישע אדמיניסטראציע זיי ארויסגעשיקט על פי טעות. נעהמענדיג זיך אויספארשען, ווער זיי זענען, האט ער טאקע ערפאהרען, אז איינער איז גאר אנטלאפען פון פריזיוו און דער צווייטער פון אנארכיסטען...

בעקומענדיג נאכאמאל פון דערהיים געלד, האט ער וועגען דעם, נאטירליך, אויך גלייך מודיע געווען די חברים. איצט אבער האט ער שוין דריי רובל פון דער בעקומענער סומע פון די חברים אראבגע׳גנב׳עט, ניט אויסגעזאגט זיי. ס׳איז איהם שוין עטוואס ניט געפעלען געווארען דאס הונגערן, ביז ער בעקומט דאס געלד. די גאנצע אראבגע׳גנב׳עטע דריי רובל האט ער אבער

ענדליך ניט אויסגענוצט פֿאַר זיך אַליין. זעהענדיג זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום מיט אַ פּאָר פֿרישע אַרויסגעשיקטע עמיגראַנטען, וואָס האָבען ניט געהאַט אויף אַ נאַכט-לעגער, האָט ער פֿאַר זיי זיך מודה געווען, אַז ער האָט נאָך אַביסעל געלד און ער קאָן זיי אַוועקבאָרגען...

קומענדיג נאָכדעם אין דער לעזע-האַלע און אָבזיצענדיג דאָרט עטליכע שעה בײַ אַ דיקען ערשט-אָנגעקומענעם רוסישען זשורנאַל, איז ער ענדליך שטאַרק הונגעריג געוואָרען. ניט איבערלאָזענדיג זיך פֿון דעם געלד קיין העלער, האָט ער געוואָרפֿען אויגען אויף די עמיגראַנטען, קלערענדיג בײַ וועמען קאָן ער איצט קריגען לײַהען אַליין עטליכע צענט... זעהענדיג אָבער אַלע פֿערחושך'טע, פֿינסטערע פּנים'ער, האָט ער ניט געוואַגט צו קיינעם צו צוגעהן און ער האָט בעשלאָסען היינט לעגען זיך שלאָפֿען אַ הונגעריגער, טרייסטענדיג זיך מיט דער האָפֿנונג, אַז ווי ער וועט בעקומען נאָך אַביסעל געלד, וועט ער, ערשטענס, אַראָבגנב'ענען אַ גרעזערע סומע און, צווייטענס, וועט ער גלײַך קויפֿען טהיי און צוקער און אַ גרויסען לאַבען ברויט און זאָל זײַן שטענדיג וואָס צו עסען.

זײַן האָפֿנונג איז ערפֿילט געוואָרען. בעקומענדיג ווידער געלד פֿון דער-היים, האָט ער, נאָכדעם, ווי ער האָט פֿערליהען דעם גרעסטען טייל די אָרימע עמיגראַנטען, זיך איבערגעלאָזט אַ גרעסערע סומע, פֿאַר וועלכע ער האָט זיך אָנגעגרייט שפּײַז אויף אַ גאַנצען חודש...

טרעפֿענדיג זיך אָבער אויף מאָרגען מיט אַ פּאָר נײַע עמיגראַנטען, וועלכע האָבען בײַ איהם געבעטען עפּיס געלד לײַהען, האָט ער זיי, ווי פֿערשולדיגט, געענטפֿערט:

— קיין מזומן געלד, ברידער, האָב איך ניט, נאָר איך האָב שפּײַז. קומט צו מיר, וועלען מיר עפּיס עסען.

אברהם רײַזען.

— מיר דאַרפֿען ניט קיין מזומנים! — האָבען די עמיגראַנטען פֿרעהליך געענטפֿערט. מיר ווילען פּשוט עסען.

אויף אַזאַ אופן האָט די אָנגעגרייטע שפּייז זיך געצויגען נאָר דריי טעג, אויפ׳ן פֿירטען טאָג איז ליב׳ן געבליבען נאָר אַ ביסעל טהיי און עטליכע שטיקלעך צוקער, וועלכע זענען געלעגען יתומדיג צושפּרייט איבער׳ן טישעל אין זיין קליין צימער׳ל. ער האָט די דאָזיגע עטליכע שטיקלעך צוקער צונויפֿגענומען, איינגעוויקעלט אין אַ שטיקעל פּאַפּיר און געטראַכט, אַז זיי וועלען צו־נוץ קומען אויף מאָרגען פֿריה — טהיי טרינקען.

גאָר איידער ער האָט נאָך געענדיגט דעם דאָזיגען געדאַנק, זענען אַריין צו איהם די צוויי אײדעלע מיידלעך און איינע פֿון זיי האָט געפֿרעגט:

— האָט איהר, ליב, אַ ביסעל געלד?

און ווי אַ פֿערשולדיגטער האָט ער געענטפֿערט:

— ניין, קיין געלד ניט... טהיי און צוקער אויב איהר ווילט...

— אַ פּאָר זעמעל צו טהיי? — האָט איינע געפֿרעגט — וועט איהר געבען?

— זעמעל?... האָט ער אויסגעשטאַמעלט — זעמעל... ניין, זעמעל האָב איך ניט...

און אָבשטאַמלענדיג די עטליכע ווערטער, האָט ער ענדליך צוגערופֿען:

— איך וועל זיכער די טעג בעקומען געלד...

— זאָלט איהר מיך האָבען אין זינען! — האָט בעשטעלט איינע פֿון די צוויי מיידלעך.

— ווי דען! — האָט ליב געענטפֿערט, און האָט דערווייל געמאַכט טהיי פֿאַר די געסט.

זעהענדיג, אַז אַראַב׳גנב׳ענען פֿון די בעקומענע געלד העלפֿט ניט, איז ליב ענדליך געפֿאַלען אויף אַ גליקליכען פּלאַן. אין דער

בילינגער קיך, וואו אַ צעטיל אויף אַ מיטאָג האָט געקאָסט 15 קרייצער, און וואו עס האָבען געגעסען אַלע טאָג נאָר די עטליכע רייכע עמיגראַנטען פֿון דער קאָלאָניע, האָט ער געקויפֿט 30 צעטליך אויף אַ גאַנצען מאָנאַט, טראַכטענדיג: „איצט בין איך געראַטעט!”

און ווירקליך איז ער די ערשטע טעג געווען פֿערזאָרגט אַלע טאָג מיט אַ גאַנץ נישקשה׳דיגען מיטאָג. אײפֿ׳ן זעקסטען טאָג אָבער האָט ער זיך בעגעגענט ווידער מיט עטליכע עמיגראַנטען און ווען אײנער האָט איהם געפֿרעגט: „איהר האָט, ליב, אַביסעל געלד?”, האָט ער גלייך געענטפֿערט:

— איך האָב, נאָר צעטליך...

— וואָס מאַכט עס אויס? — האָט אײנער פֿון זײ געזאָגט. גיט אַהער צו צעטליך.

— צעטליך קאָן איך אײַך געבען, וויפֿיעל איהר ווילט! — האָט ליב געענטפֿערט, ניט וויסענדיג אַליין, צי ער איז צופֿריעדען, צי ניט.

בלײַבענדיג אין אַ פּאָר טעג אַרום אָהן איין צעטיל אויף אַ מיטאָג, האָט ליב זיך שטאַרק פֿערטראַכט, זוכענדיג אַ מיטעל, ווי אַזוי אײַנאָרדנען זיך צווישען די עמיגראַנטען, ער זאָל ווייניגער הונגערן, נאָר אומזיסט האָט ער געזוכט. נאָכדעם, ווי די אָנגעגרייטע צעטליך האָבען אויך ניט געהאָלפֿען, האָט ער זיך מיאש געווען און שטיל געפֿליטטערט:

— ניטאָ קיין עצה!...

אברהם רייזען.

רייזעלע.

רײזעלע.

I.

אַז דאָס אַכט־יאָהריגע רײזעלע שטעהט אויף אין דער־פֿריה, רײַבט זי אויס די פֿערשלאָפֿענע אײגעלעך, קוקט זיך אום אין אַלע פֿיער ווינקעלעך פֿון דעם קלײנעם שטיבעלע און זוכט עפּיס.

זי זוכט די מאַמען. נאָר די מאַמע איז שוין לאַנג אַוועקגע־גאַנגען אין מאַרק מיט'ן קויש עפּיל און רײזעלע זיפֿצט אָב:

— אַזוי גיך איז זי שוין אַוועקגעגאַנגען!

פֿויל טהוט זי אָן דאָס אַלט צוריסען קלײדעלע, וואַשט זיך און געפֿינט עפּיס אַ שמאַטע, ענליך צו אַ האַנטוך און ווישט זיך אָב. דעמאָלט ווערט איהר קלאָרער דאָס מוח'ל, זי דערמאָנט זיך, אַז הײַנט איז דינסטאָג, נאָכדעם דערמאָנט זי זיך, אַז די מאַמע האָט אַ גאַנצע נאַכט געהוסט, געפּאָכט מיט דער נשמה. זי האָט איהר דערלאַנגט קאַלט וואַסער מיט אַ שטיקעל צוקער, נאָר עס האָט ניט געהאָלפֿען... די מאַמע האָט אויף איהר עפּיס אַזוי מאָדנע געקוקט... „רײזעלע האָט זי געזאָגט, דו האָסט אויף מיר רחמנות?“ זי האָט ניט געענטפֿערט, זי האָט זיך נאָר פֿונאַנדער געוויינט און איז אַוועקגעלאָפֿען אין אַ ווינקעלע, שטאַרקער אויס־געוויינען זיך. מעהר געדענקט זי ניט. זי ווײסט נאָר, אַז איהר האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט גע'חלומט.

— זי איז שוין געזונד — טרייסט זיך רייזעלע - אזוי וואלט זי דאך אין מארק ניט געגאנגען.

זי געהט צו צו׳ם טיש און געפינט דארט גרייט פאר איהר „אנבייסען״ — א שטיקעל ברויט, און אביסעל מילך אין א צובראכענעם גלאז.

אז זי עסט אב דאס אנבייסען ווערט איהר אומעטיג. זי בעט גאט, עס זאל פינסטערליך ווערען און די מאמע זאל שוין קומען. זומער קען זי זיך נישט איינהאלטען און לויפט אין מארק זעהן, וואס מאכט דארט די מאמע, און חאטש די לעצטע פלעגט זיך שטענדיג קלאגען, אז זי האט גארנישט געלייזט, פלעגט דאך רייזעלע קלויבען נחת שטעהענדיג נאהענט נעבען דער מאמען. איהר נחת פלעגט זיך דייטליך אויסדריקען, ווען א קונה פלעגט אונטער קומען צום קאשיק עפעל און געבען עפים צולייזען. זי פלעגט פרעהליך אויסרופען:

— מאמעלע, דו לייזט!

נאר די מאמע פלעגט דאס רוב טרויריג ענטווערן:

— אז אך און וועה מיין טאכטער צו׳ם לייזונג — פאר א גאנצען טאג ערשט די דריטע קאפיקע...

ווינטער אבער פלעגט רייזעלע דעם פערגעניגען אויך ניט האבען. קיין שיך האט זי קיינמאל נישט געהאט און לויפען אין מארק א באָרפיסע איז קאלט. די מאמע זאגט, מען קען זיך פערקיהלען און חלילה שטארבען. און שטארבען האט זי געוואוסט איז זעהר א ביטערע זאך. ווען איהר טאטע איז געשטארבען געדענקט זי ניט, נאר זי ווייסט, אז ער ליעגט דארטען וויים אונטער דער שטאדט אויפ׳ן בית-עולם אין א טיעפער גרוב און קען פון דארט קיינמאל נישט ארוים, אפילו זומער אויך ניט... קיינמאל ניט!... דעריבער היט זי זיך און זי זיצט ווינטער א גאנצען טאג אין שטוב אוןווארט ביז וואנען עס ווערט פינסטער, ווען די מאמע דארף קומען.

— שוין פֿינסטער! גיעהט זי צו אַלע ווײַלע צום פֿענסטער. באַלד, באַלד קומט זי.

נאָר עס קומט איהר אויס נאָך פֿיעל צו וואַרטען. אין דעם קלײנעם שטיבעל מיט די פֿערפֿרוירענע קלײנע שײַבעליך ווערט פֿינסטער בשעת אויפ'ן גאַס איז נאָך גוט ליכטיג און עס ציהט זיך רײזעלען אַזוי לאַנג די צײַט.

— עס איז דאָך שוין פֿינסטער, פֿאַר וואָס קומט זי ניט? זיפֿצט זי מיט אונגעדולד.

און אַז אין קלײנעם שטיבעלע ווערט שוין די פֿינסטערניש געדיכט און רײזעלע קען שוין ניט זעהן, וואָס אַרום איהר געפֿינט זיך אויסער דאָס שטיקעלע פּריפּעטשיק, וואָס די מאַמע האָט ניט לאַנג אָבגעקאַלכט, דאַמאָלס דערהערט זי אַ קלאַפּ אין טהיר. איהר קלײן הערצעלע שפּרינגט שיער נישט אַרויס פֿאַר שמחה און זי צעזינגט זיך:

— די מאַמע געהט, די מאַמע געהט!

זי ווײסט, אַז קײן אַנדערער קומט צו זײ קײנמאָל נישט, און ווירקליך, עס קומט צו געהן די מאַמע, אַ פֿערפֿרוירענע, שטעלט אַוועק דעם קאַשיק נעבען טהיר און רופֿט אויס:

— וואו ביזטו רײזעלע?

— אָט בין איך, מאַמע, דאָ לעבען בעט — צינד אָן פֿײַער.

די מוטער רײַבט אָן אַ שוועבעלע, און צינדט אָן דאָס לעמפּעלע, אַ שוואַכע שײַן בעלײַכט דאָס שטיבעלע, נאָר פֿאַר רײזעלע איז גענוג — זי דאַרף נאָר דערזעהן די מאַמע און זי זעהט איהר פֿאַר'ן רויכיגען פֿײַער גאַנץ גוט און זי ווערט פֿרעהליך.

— מאַמע, וועטשערע וועסטו קאָכען?

— ווי דען? — ענטווערט די מוטער. — ביזט אודאי אַ הונגעריגע.

— נײן! איך וויל גאָרניט עסען — דו ווילסט דאָך אָבער עסען.

— איך וויל אויך ניט, איך האָב אויפ'ן מאַרק געקויפט אַ האַלב פונט ברויט און געגעסען מיט אַ צופוילטער עפּיל — אַ מחיה!...

די מוטער לעגט פערנאַנדער אַ פייער, אַז עס ברענט זיך פערנאַנדער שטעלט זי צו אַ טעפּעל וואַסער און זי זעצט זיך אַוועק מיט רייזעלען. רייזעלע קוקט דאָ אויפ'ן פייער, דאָ אויף דער יאַמען און עס איז איהר אַזוי גוט, אַזוי וואַרים...

דאָס טעפּעל וואַסער הייבט פרעהליך אָן צו זידען. די מוטער פערקאָכט אַביסעל גרויפּען און אין אַ האַלבע שעה עסען זיי ביידע די וועטשערע.

ביי די ערשטע צוויי לעפּעל פערהוסט זיך די מוטער. רייזעלע הערט אויף צו עסען און וואַרט ביז וואַנען די מאַמע וועט זיך אויסהוסטען. די מאַמע וויל איהר זאָגען, זי זאָל נישט וואַרטען און עסען, נאָר דער הוסט וואַרגט זי און זי קען אַ וואָרט נישט אויסרעדען.

— מאַמעלע, גענוג דיר צו הוסטען —, בעט זיך די קליינע רייזעלע מיט טרעהרען.

— דו זאַלעוועסט מיר? — פרעגט די מוטער נאָכ'ן אויסהוסטען זיך, גלעטענדיג רייזעלען איבער'ן קעפּעלע.

נאָר אַנשטאָט אַן'ענטפער נעהמט זי רייזעלע אַרום און וויינט זיך פערנאַנדער...

II.

רייזעלע איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר.

עס איז זומער געוועזען. דורך די קליינע מיט שטויב פערצויגענע שייבעליך האָבען זיך די שטראַהלען פון דער זון, ווי מיט

געוואַלד אַריין געשפּאַרט אין שטיבֿעלע און זיי זענען געפֿאַלען אויף רייזעלעס פּנים׳ל. רייזעלע, וואָס איז דעם גאַנצען פֿריה־מאָרגען געזעסען פֿערטרויערט האָט זיך פֿון דאָס זיסע ליכֿט ערמונטערט און עס האָט זי געצויגען אויפֿ׳ן גאַס... נאָר וואָס וועט זי דאָרט טהון? שפּיעלען זיך האָט זי ניט מיט וועמען, אַלע מיידלעך אין איהרע יאָהרען געהען אין פֿיינע קליידעלעך, און זי האָט אַפילו קיין שיך ניט. אַלע שעמען זיך מיט איהר. איין חבר׳טע האָט זי נאָר — די מאַמע!... זי איז אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע... אַלץ פֿאָלגט זי איהר, די גוטע מאַמע, אַפילו אַז זי הוסט זיך פֿערנאַנדער קו־מענדיג אַהיים פֿון מאַרק, און זי בעט זי זאָל אויפֿהערען, פֿאָלגט זי איהר אויך. נאָר ביינאַכֿט העלפֿט נישט איהר בעטען. היינט ביינאַכֿט האָט זי אַזוי געהוסט... רייזעלע האָט איהר צוויי מאָל וואַסער דערלאַנגט, נאָר עס האָט ניט געהאָלפֿען... וואָס הוסט אַזוי די מאַמע? זי זאָגט דאָס איז אַ פֿעהלער, נאָר מען קאָן דער־מיט אויסלעבֿען די יאָהרען. איהר מאַמע — די באָבֿע — איז אויך אַזוי געוועזען און האָט אויסגעלעבֿט די יאָהרען... „אוי גאָט, זאָל די מאַמע לעבֿען!” צעוויינט זיך אין רייזעלען דאָס קליינע הערצעלע. דער מאַמעס בלאַס פּנים מאָלט זיך איהר און עס ציהט זי צו איהר... דאָס ענג שטיבֿעלע, ווערט איהר נאָך ענגער... „אין מאַרק” בליצט איהר דורכֿ׳ן קליין קעפּעל — „צו דער מאַמען”...

און אַ באָרפֿיסע, אין אַן׳אַלט־צוריסען־קליידעלע לויפֿט זי גלייך אַוועק צו דער מאַמען.

— נו, וואָס ביזטו געקומען, רייזעלע? — פֿרעגט זי די מאַמע מיט ליעבשאַפֿט.

— אַזוי זיך, מאַמע... אומעטיג... — ענטפֿערט רייזעלע, ווי שעמעדיג.

— נו, נו, קיין בייז ניט... טרייסט זי די מאַמע — שטעה זיך דאָ, קיין געלד לייזט זיך טאַ ווי סיי ניט.

אַ זיצערין פֿון קענען איבער, וואָס קריגט זיך שטענדיג מיט רייזעלעס מוטער פֿאַר אַ קאָפּיקע פּדיון און ווערט „גוט־פֿריינד“ בשעת ביידע לייזען נישט, פֿערלאָזט איהר בענקיל און געהט־צו צו זיי ביידען. בעטראַכטענדיג רייזעלען מיט דורכדרינגענדע בליקען רופֿט זי זיך אָן.

— דו ווייסט, חייענע, אַז דיין רייזעלע וואַקסט אָהן עין־הרע.

— זאָל נאָר אַזוי איהר מזל וואַקסען! זיפֿצט אָב חייענע, קוקענדיג מיט פֿייכטע אויגען אויף איהר קליין־דאַר טעכטער׳ל.

— וואָס מיינסטו, רעדט ווייטער די זיצערין — נאָך אַ יאָהר, נאָך אַ יאָהר — באַלד ווערט זי אַ „מויד“ און זי דאַרף שוין אַ חתן. די יאָהרען לויפֿען... ווי לאַנג בין איך געווען אַזאַ מיידעלע? דאַכט זיך נעכטען... אַ גאַנץ שען מיידעל — ענדיגט די זיצערין, בעטראַכטענדיג רייזעלעס געקרייזעלטע העהרעליך, וואָס פֿאַלען אַראָב אין לאָקען אויפֿ׳ן בּרייטען שטערענדיל, בעטראַכטענדיג איהר בּלאַס פּנים׳ל, מיט די טיעפֿע, שוואַרצע אויגעלעך.

רייזעלע קען נישט פֿערטראָגען דער זיטצערינס בּליקען. אויף איהר בּלייכען פּנים׳ל בעווייזען זיך אַ פּאָר רויטליכע פֿלעקען און זי ווערט נאָך שענער. די זיצערין לויבּט ווייטער:

— גאָר אַ שען מיידעל!

— זאָל זי האָבען נאָר אַזאַ שען מזל ווי שען זי איז — זיפֿצט אָב חייענע, — איהר טאַטע זאָל פֿאַר איהר זיין אַ גוטער בעטער, רבונו־של־עולם!

— אַודאי! ענטפֿערט די זיצערין — ווער דען אַז ניט „ער“. פֿון דעסטוועגען, חייענע, האָסטו אַליין געדאַרפֿט עפּיס אָנהויבען זאָרגען פֿאַר איהר, עס איז קיין תכלית ניט...

— נו, וואָס זאָל איך טהון — זיפֿצט די מוטער — איך זאָל זי שטעלען מיט אַ קויש עפּיל? — איך אַליין לייז גאָרנישט.

— וואָס עפּעס מיט אַ קויש עפּעל! — האַקט אָב די זיצערין,

ווי זי וואלט זיך דערשרעקן פאר נאך א קאנקורענטקע. גיעב זי בעסער אוועק אויף א „שטעל״...קיין יחוס איז היינטיגע צייטן ניטא...

חיינע מיט רייזעלען האבען זיך איבערגעקוקט, ביידענס געזיכטער האט א טויטליכע בלאסקייט בעדעקט און האבען שטרענג א קוק געטהון אויף דער זיטצערין, ווי זיי וואלטען פארגעווארפען:

– מערדערין! צושיידען ווילסטו אונז!...

רייזעלע איז שוין פון דער מאמען ניט אוועקגעגאנגען. זי האט געווארט ביז עס איז פינכטער געווארען און זיי זענען ביידע אהיים געגאנגען; אויפ'ן וועג האבען זיי צווישען זיך ניט גערעדט, ווי זיי וואלטען פלוצים שטום געווארען. מינוטען־ווייז פלעגט רייזעלע אננעמען דער מאמען פאר'ן קלייד, ווי זי וואלט פאר עפיס זיך געשראקען...

אז זיי זענען געקומען אין שטיבעלע, איז שוין פינסטער געווען, רייזעלע האט אנגעצונדען פייער און האט זיך דערשראקען: איבער דער מאמעס געל־דאר פנים האבען זיך געקויקעלט צוויי גרויסע טרעהרען.

– מאמעלע, דו וויינסט! האט זי מיט שרעק אויסגעשריגען, צוטולענדיג זיך צו איהר.

– וואס דען, מיין טאכטער, לאכען זאל איך?... „זי״ איז דען ניט גערעכט? וועה צו מיר, דו ביזט שוין א מיידעל פון 12 יאהר און האסט אפילו קיין פאר שיך ניט, קיין העמד אויפ'ן לייב. און איך בין קראנק, איין גאט ווייס, ווי אזוי איך שטעה אויפ'ן מארק... וואס וועט זיין דער סוף?״...

– נו, וואס זאל איך טהון? – האט רייזעלע געפרעגט – אז איך וואלט געקענט פערדינען געלד, וואלט איך זיך געמאכט א קליידעל מיט שיך און דיר וואלט איך אויך געמאכט אויף יום־טוב א שיין קליידעל״...

די מוטער האט א ווייללע געשוויגען, קוקענדיג מיט פולע

בליקען אויף איהר טעלטעריל, נאָלדעם האָט זי שטיל געפרעגט

— „דו, רייזעלע, וואָלסט וועלען פערדינען געלד?"

— „אָהאָ! — האָט רייזעלע זיך דערמונטערט — „איך וואָלט נאָר געוואוסט ווי אזוי. איך וואָלט גאָר וועלען זיין אַ שניידערין. לאה שרה'ס, וואָס וואוינט קעגען אונז איז אויך אַ שניידערין. און זי פערדינט אזוי פיעל געלד! אַלע שבת זעה איך זי שפּאַצירען אין אַזאַ שיין קליידעל!... אפילו אין מיטען וואָך געהט זי אין אַ היטעלע. נאָר איך וואָלט קיין היטעלע נישט געטראָגען' איך וואָלט בעסער געקויפט דיר אַ נייעם פּאַרוק, דיינער האָט זיך שוין גאָר צוריסען...

— „ניין, מיין טאָכטער" — האָט איהר די מוטער איבערגעשלאָגען — אַ שניידערין איז ניט פאַר דיר, ביז וואַנען דו וועסט אָנהויבען נעהמען געלד וועט געדויערען דריי יאָהר און קיין קליידעל וועסטו זיך אַליין נישט קענען מאַכען, ביי'ן אָנקומען דאַרף מען נאָך געבען דער „בעל-הבית'טע" צעהן רובל פאַר'ן אויסלערנען זיך.

— „טאָ, ווי-זשע פערדינט מען געלד?" — האָט רייזעלע אומעטיג געפרעגט.

— „דו האָסט דאָך געהערט, וואָס „זי" האָט געזאָגט"...

רייזעלעס בלייך פּנים'ל איז בלייכער געוואָרען, און איהרע טיפע אויגעלעך איז אומגעשוואומען אַ שרעק.

— און דיך לאָזען אַליין, מאַמע, ביינאַכט זאָלסטו אפילו ניט האָבען ווער עס זאָל דיר אַביסעל קאַלט וואַסער דערלאַנגען?

די מוטער האָט גאָרנישט געענטפערט — נאָר צוויי טרעהרעזענען אַראָב געראָנען פון איהרע מאַטע אויגען אויף רייזעלעס פּנים'ל...

— „נו, מאַמע, וויין נישט", האָט רייזעלע זי געבעטען, — דו וועסט דאָך מיך אָבגעבען צו אַ גוטער „בעל-הבית'טע", וועט זי מיך לאָזען אַלע נאַכט געהן צו דיר שלאָפען...

— ניין, מיין טאָכטער — קיין גוטע „בעל־הבית'טעס" זענען ניטאָ — אַז זיי צאָהלען געלד, ווילען זיי האָבען אַ נוץ בייטאָג און ביינאַכט.

— און זיי האָבען גאָר קיין רחמנות ניט?... — האָט רייזעלע דערשראָקען געפרעגט.

די מוטער האָט אויף דער פראַגע נישט געענטפערט. זאָגען זיכער „ניין" האָט זי ניט געוואָלט איבערשרעקען איהר איינציג ליעב קינד, וועלכע וועט געוויס שוין מוזען צו „זיי" אַריינפאַלען, און זאָגען „יאָ" האָט איהר די צונג ניט געדיענט: וויפיעל בעל־הבית'טעס זי האָט געקענט, זענען אַלע בייזע געוועזען, און זי האָט געשוויגען...

III.

אין אַלט טאָג אַרום איז רייזעלע אָנגעקומען צו מאַדאַם גלאָצמאַן:

— דו זאָלסט נאָר זיין אַ בריה, — האָט איהר די מאַדאַם גלאָצמאַן די ערשטע אונטערריכט געגעבען — אַ בריה האָבען אַלע ליעב. און דו זאָלסט פאָלגען, וואָס מען וועט דיר הייסען, אַלע־מען דאַרפסטו פאָלגען, אפילו דער קעכין, וועט דיר דאָ זיין גוט.

רייזעלע האָט אויסגעשטעלט די אויגען אויף דער גרויסער, גראָבער מאַדאַם. זי האָט ניט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי קען דאָס זיין „גוט" אַז אַט די גרויסע, גראָבע מאַדאַם וועט איהר געבען עסען, וועט איהר זאָגען: „געה לעג זיך שלאָפען!" אַז אַט די גראָבע מאַדאַם וועט איהר „הייסען" טהון אַנ'אַרבייט און זי וועט

קיינמאָל ניט זאָגען „מיין קינד", „מיין טאָכטער", אַפילו רייזעלע וועט זי ניט זאָגען, זי וועט איהר שטענדיג רופען „דו".

— ניין! דו ביזט אַ ליגנערין, אַ שלעכטע! — האָט רייזעלע די ערשטע נאַכט געקלערט, ליגענדיג אויפ'ן בעטעל אין קיך: „גוט" קען דאָ מיר ניט זיין; גוט איז דאָרטען אין דעם קליינעם שטיבעלע, נעבען דער קראַנקער מאַמען. דאָ איז פאַר מיר אַנ'אַסטראָג... ביינאַכט וועט די מאַמע דאָרט הוסטען און איך וועל דאָ דאַרפען אַרבייטען... און אויף וואָס דאַרף „זי" מיך, אָט די גראָבע גרויסע „בעל=הבית'טע", זי הוסט דען, ווי מיין מאַמע, וואָס?... זי איז דאָך אַזאַ געזונטע... און טאָמער וואָלט זי אַמאָל אַ הוסט געטהון — האָט זי אַזוי פיעל מענשען, וואָס וואָלטען איהר אַפילו ווײַן דערלאַנגט. און דאָרטען ליעגט מיין מאַמע אַליין און הוסט, הוסט. בעט זיך רייזעלע, רייזעלע... אַביסעל וואַסער... רייזעלע, אַביסעל וואַסער...

און רייזעלע האָט זיך אַראָבגעכאַפּט פון בעטיל, צו געגאַנגען צו'ם פענסטער, געזוכט מיט די אויגעלעך יענעם קליין=שטיבעלע — וואו איהר מאַמע ליעגט אַליין און רופט זי...

— מאַמע, מאַמע, טהייערע מאַמע! האָט רייזעלע ניט אויסגעהאַלטען און האָט זיך פערנאַנדער געוויינט, איינגורענדיג דאָס קעפּעלע אין קישען.

איהר געוויין האָט אָבער קיינעם ניט געוועקט, אַלע זענען פעסט געשלאָפען...

א בעל־חוב.

אַבַּעַל חוֹב.

די יונגע צוואַנציגיעהריגע בערטע, וועלכע ערנערט זיך פון לעקציעס, לעבענדיג אַליין אין דער גרויסער שטאָדט, געהט איף און אָב איבער'ן קליינעם צימער'ל איפ'ן דריטען שטאָק, און קען זיך ניט בערוהיגען.

זי איז אַ „בעל חוב!"

שולדיג איז זי אַלעמען, נאָהנטע בעקאַנטע און ווייטע. אייערנעכטען האָט זי געליהען גאָר בייַ אַ ווילד=פרעמדען יונגען מאַן. זי האָט איהם נאָר איין מאָל געזעהן... געליהען האָט זי בייַ איהם דערפאַר, ווייל ער האָט געטראָגען אַ שענעם מאַנטעל און האָט רוהיג געשמייכעלט.

— לייהט מיר דריי רובל! — האָט זיך בייַ איהר אַרויסגעריסען פון מויל.

זי האָט באַלד חרטה געהאַט. עס איז איהר געוואָרען הייס אין קאָפּ און שיער=שיער האָט זי זיך ניט צוריק אַרויסגעחאַפּט: „איך לאַך דאָס!" אַז דער בעקאַנטער אָבער האָט גלייך אַרויסגענומען פון טאַש דריי שווערע זילבערנע רובל און איהר איבערגעגעבען, האָט זי געזאָגט:

– איבערמאָרגען, העכסטענס זונטאָג, בעקומט איהר אייער געלד צוריק!

זי איז באלד אהיים געלאָפען און געוואָרפען זיך אויפ'ן בעט; זי האָט שטארק געוויינט און געריסען זיך די האָר פון קאָפּ. וואָס האָב איך געטהון? מיאוס געמאכט זיך... וועה מיר, וועה מיר!...

שפּעטער אָבער, אז די בעל=הבית'טע איז אריינגעקומען און געפרעגט:

– נו, פריילין, איהר האָט? – איז זי אויפגעשפּרונגען און האָט איהר דערלאנגט די דריי שווערע זילבערנע רובל נאָך מיט אפערוויינט, נאר א שטאָלץ פּנים און האָט צוגעברומט:

– נו, וואָס האָט איהר אזוי מורא געהאט?...

– מורא? – האָט די בעל=הבית'טע געשמייכעלט – וואָלט איך דאָס פערמעגען וואָס איך וואָלט אייך געטרויט. איך ווייס דען ניט, אז איהר זייט קוראנט. מען דארף אָבער האָבען. אָט איז דער בעל=הבית פון הויז שוין דריי מאָל געוועזען.

אצונד געהט זי אויף און אָפּ און קלערט וואָס מען טהוט נאָך מיט דער קרעמערין! צוועלף רובל איז זי איהר שולדיג... זי האָט נעכטען פאר איהר געוויינט. „א פּוסטע קראָם האָט איהר מיר געמאכט, גזלן'טע... איך בין אן'אלמנה מיט קליינע קינדער...”

און דער קרעמערינס וויינענדיגע שטימע, איהר שנייצען די נאָז און דער גאנצער קרעמערישער הילוך קענען איהר פון קאָפּ ניט ארויס.

און מיט א פערשטיקט קול פון טרערען האָט זי געשטאמעלט:

– מאָרגען, חייקעלע, מאָרגען גיב איך אייך!

– געוויס? – האָט די קרעמערין געפרעגט.

– געווים! געווים!

מיעד, פערמאטערט און הונגעריג האט זי זיך צוריק־געוואָרפען אויפ'ן בעט און אריינגעגראבען דעם קאפ אין קישען און וויטער געוויינט...

די טרערען האבען איהר לייכטער געמאכט. זי האט זיך אויפגעהויבען, אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צו'ם פענסטער און איז געבליבען שטעהן פערטראכט, אהן געדאנקען. אין דרויסען האט דער ווינד געהוליעט און געריסען די דעכער. זי רוקט זיך צוריק אב אין שטוב אריין און שפרייזט וויטער אויף און אב איבערן צימער. דער קרעמערינס געשטאלט שוועבט איהר פאר די אויגען און דאס ברומען פון ווינד בייזערט זיך פאר איהר!

עס פאלט איהר איין, אז אזא ווינד קען איבערקעהרען דאס הויז... אלע הייזער. זי טראכט: ווען ער שטארקט זיך, קעהרט ער איבער די וועלט... עס וואלט געווען אויס קרעמערין.

נאר דער ווינד ברומט און ברומט און קלערט גארניט אומצוקעהרען א וועלט...

– וואלט ער חאטש די שויבען אויסגעהאקט!

זי שטעלט זיך פאר: דער ווינד האט אויסגעהאקט די שויבען. א גאנצע נאכט פריהרט זי און ווערט אפשר קראנק. אין דערפריה קומט די אלמנה. „נו, פרייליין איהר האט?" און זי ענטפערט איהר: „קוקט נאר אין פענסטער אריין!" די אלמנה קוקט און פרעגט: „וואס?" „דער ווינד", זאגט זי „האט אויס־געהאקט"... א־וואַ! מאכט די אלמנה און פערגעסט א ווילע אן חוב. דערנאך דערמאהנט זי זיך, און עפענט דאס מויל און וויל וויטער מאהנען, נאר זי זאגט איהר: „און א גאנצע נאכט האט ער געריסען, דער ווינד, אריינגעבלאזען האט ער א קעלט... איך האב מיך שטארק פערקיהלט... א גאנצע נאכט האב איך גע־

ציטערט... עס וועט זיין א קרענק, אפשר א לונגען־ענטצינדונג"...
און די אלמנה שווייגט.

און בערטע שטעלט זיך אב א ווײַלע, געהט דערנאך צו
צו'ם פענסטער און האקט אוים צוויי שויבען.

היימישע בילדער.

דאס קליינע שטיבעל.

דאָס קליינע שטיבעל.

דאָס שטיבעלע, וואו אהרן-ליב, אַן אָרימער תבואה-הענדלער, האָט געוואוינט מיט זיין זעקס-נפשות'דיגער פאַמיליע, — דאָס שטיבעלע איז געווען אַ קליינס און איז בעשטאַנען נאָר פון צוויי חדרים, אויב מען זאָל דעם אויווען, וואָס איז געווען כלומר'שט אָבגעצוימט מיט אַ דורכגעלעכערט שפּאַניש ווענדטיל, אויך אַריינגעהמען אין חשבון. אהרן-ליב איז געווען אין חדרים ניט שטאַרק געניט און דער אָבגעצוימטער אויווען איז ביי איהם געווען פערעכענט פאַר אַ בעזונדער חדר, דערפאַר אָבער, דאָס ווייב,ביילע, וואָס האָט געשטאַמט שוין פון אַ רייכערער פאַמיליע, האָט דערפון חוזק געמאַכט און שטענדיג פאָרגעוואָרפען אהרן-ליב'ן זיין נחלה, און אויב אהרן-ליב פלעגט זיך איינעק'שנ'ען און האַלטען זיך ביי זיינס, אַז דאָס שטיבעל בעשטעהט בפירוש פון צוויי חדרים, ווייל דער אויווען איז פאָרט אָבגעצוימט, פלעגט זיך ביילע ניט פוילען, אויפהויבען מיט די הענד דאָס גאַנצע שפּאַנישע ווענדטיל און פערוואַרפען אויפ'ן אויווען, דעמאָלט פלעגט ערשט אהרן-ליב מוזען מיט שווייגען אליין מודה זיין, אַז זיין שטיבעל האָט טאַקע נאָר איין חדר. נאָר אהרן-ליב פלעגט אויך דעמאָלט זיין שטאָלץ ניט פערליערען. אַדרבה, ער פלעגט נעהמען אין האַנד אַריין די גראָה-געוואָרענע באָרד, אַ הוסט טהון, מיט אַ רחבות אויסשפּייען אויפ'ן מיטען פאָדלאָגע, מעשה בעל-הבית, און זיך אָנרופען:

— אַבי אַן איינגענס! קיין שכנ'טע ביזטו גאָט צו דאַנקען ערגעץ ניט!

אברהם רייזען.

ערשט דערמאָלט פלעגט בײַלע װײַבער װערען, אראָבגעמען צוריק פון אױװען דאָס שפּאַנישע װענדטיל, אױעקשטעלען אױפ׳ן פריהערדיגען פלאַץ און פלעגט מודה זײַן:

— אַנ׳אײַנגענס איז טאַקע אַנ׳אײַנגענס.

דערזעהענדיג צוריק דעם אױװען אָבגעצױמט מיט׳ן װענטיל פלעגט אהרן־ליב װידער זיך ניט קאָנען אײַנהאַלטען און אױסרופען:

— עס איז פאָרט צװײ חדרים!...

— תרח! פלעגט שױן בײַלע װידער בײַז װערען, זאָג חאָטש אַ חדר מיט אַ קיך!...

אױף דער פּשרה פלעגט שױן אהרן־ליב אײַנגעהן,

— אַקיך — פלעגט ער גוטמוטהיג מורמלען — געהט אױך ניט באָרוועס..

און מאַן און װײַב פלעגען אױף אַ צײַט שלום װערען...

דאָס אײַנגשאַפט פון שטיבעל װאָלט שױן ניט אַזױ אױסגעמאַכט, װי דאָס, װאָס דאָס שטיבעל איז געװען אַ צו־אַלטס. און ניט נאָר אין דער צאָהל פון די חדרים איז מאַן און װײַב ניט געװען אײַנשטימיג, נאָר אפילו אין דער צאָהל יאָהרען, װאָס דאָס קלײנע שטיבעל האָט געצעהלט. לױט אהרן־ליב׳ס רעכענונג איז דאָס שטיבעל אינגאַנצען אַלט געװען אַ יאָהר אַכציג, נײַנציג. ד. ה. געבױעט האָט עס זײַן זײדע. בײַלע אָבער, װאָס איז אױך געװען אַ געבױרענע אין דעם זעלבען שטעדטעל און װײס די גאַנצע געשיכטע פון אהרן־ליב׳ס משפחה, — בײַלע האָט היסטאָרישע דאָקומענטען, אַז דאָס שטיבעל איז שױן אַלט אַ יאָהר 150. און אַז אהרן־ליב פלעגט שװער אָנקומען אױפצעװײַזען די אמת׳ע עלטער פונ׳ם שטיבעל, פלעגט ער זיך װידער לאָזען אױף אַ שלום:

— און אַז 150 יאָהר ביזטו בדלות. אדרבא, װאָס עלטער אַלץ בעסער. הלואי זאָלען מיר זײַנע ד. ה. דעם שטיבעל׳ס יאָהרען דערלעבען.

פלעגט אָבער בײלע אויפװײזען, אַז דאָס שטיבעל שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך, פון די שינדלען פון דאַך איז קײן זכר ניט געבליבען און װען ניט דער דיק־בעװאַקסענער מאָך אויפ׳ן דאַך, װאָלט דער רעגען און שנײ אין שטוב אינװײניג אַרײנגעקאַפּעט.

— און הלואי זאָל איך ליגען זאָגען — פלעגט זי ענדיגען שטאַרק פּעסימיסטיש — דאָס שטיבעל װעט אַמאָל בײַ אַ זאַװערוכע נאָך אײַנפאַלען און זאָל גאָט נאָר אויסהיטען, װאָס פאַר אַן׳אומגליק עס קאָן טרעפען...

אַזאַ נבואה האָט אַהרן־ליב׳ן צײַטענװײַס געשראָקען. און אַרויסגעהענדיג פון שטוב אין דער־פריה דאַװנען פלעגט ער ניט אײנמאָל זיך אַװעקשטעלען בײַ זײַן שטיבעל, בעטראַכטען די װענד, דעם דאַך און פלעגט משער זײַן, אַז דאָס שטיבעל שטעהט טאַקע בחזקת סכנה... און אין יענעם טאָג פלעגט ער בײַם בענשען שטאַרק מכוון זײַן דאָס װאָרט אֶת ביתי, טײַטשענדיג אין געדאַנק ניט װי דער פשט איז מײַן הויזגעזינד, נאָר מײַן שטיבעל... און חאָטש ער האָט געװאוסט, אַז גאָט איז אַ יודע מהשבות, פלעגט ער דאָך זיך ניט פערלאָזען אויף דער מחשבה אַלײן און פלעגט מיט די ליפען שטיל אויסרײדען: אֶת ביתי — מײַן שטיבעל...

אַז ער בעגעהט ניט קײן עולה קעגען זײַן הויזגעזינד איז ער געװען זיכער, װאָרום אויסער ביתי איז דאָך דאָ בפירוש אֶת אשתי ואֶת זרעי. און עס איז טאַקע אַ סברא, בעדאַכט ער זיך דעמאָלט, אַז את ביתי מײנט מען טאַקע אין פשטות דאָס שטיבעל, װאָרום װען ניט, צו װאָס דאַרף שטעהען את אשתי ואת זרעי?...

אָבער אויפ׳ן בענשען אַלײן פערלאָזען זיך איז צו־ריזיקאַליש, חאָטש אַהרן־ליב איז אַ ייד אַ מאמין... און אַז דאָס שטיבעלע האָט אין אַ װינטערדיגען אָװענד בײַ אַ גרויסען שטורם אַזױ װי אַ קנאַק געטהון איז אַהרן־ליב, װעלכער איז דער אײנציגער אין שטיבעל נאָך ניט געשלאָפען, שטאַרק אונרוהיג געװאָרען: גאָט זאָל היטען װאָס קאָן זיך טרעפען. דאָס שטיבעל שטעהט שוין באמת אויף משקולת.

אויף מאָרגען האָט ער געהענדיג צוריק פון דאַוונען אָבגעשטעלט לייזער דעם טשעסלער, וועלכער איז אויך געגאַנגען פון דאַוונען, אונווי אַ חולה וועגדט זיך צו אַ דאָקטאָר האָט ער זיך געווענדט צום אַלטען טשעסלער.

– איך האָב געוואָלט ביי אייך עפּיס אַ פרעג טהון, ר׳ לייזער.

– נו, נו... האָט דער טשעסלער רוהיג, ווי זיין שטייגער, אָבגעענטפערט און געפּיפקעט די לאַנגע ליולקע...

– דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט, אַז איהר זאָלט זיך מטריח זיין אָנקוקען מיין שטיבעל... עפּיס דאַכט מיר, אַז זי זינקט אונטער אַביסעל אין דער ערד אַריין... עס הייסט, ניט קיין סך, גאָט צו דאַנקען, די פענסטער דערגרייכען נאָך, גאָט צו דאַנקען, ביז די פריזבעס, נאָר דער פונדאַמענט, וואָלט איך שווערען, איז אַריין אַ ביסעל אין דער ערד, דאָס הייסט, עס האָט זיך אַראָבגעזעצט...

– מיר וועלען אָנקוקען, וועלען מיר זעהן... האָט לייזער געענטפערט רוהיג, טאַקע ווי אַ דאָקטאָר, וואָס האָט צו טהון מיט אַ סך חולאים, און וואָס – מישטיינס געזאָגט – געהט איהם אָן וואָס איין מענשעלע איז ערגיץ מסוכן קראַנק.

און חאָטש אַהרן=ליב איז געווען אַ ייד אַ בעל=הבית, אַ למדן, אַ יחסן, און לייזער דער טשעסלער – נישט מעהר ווי אַ ייד אַ בעל=מלאָכה, האָט דאָך אַהרן=ליב אין דער מינוט געפיהלט אַ טיעפע אַכטונג צום לעצטען און האָט זיך געפיהלט, אַז אין יענעמס הענד ליעגט זיין גאַנץ לעבען... זאָל נאָר יענער אויסריידען אַ שלעכט וואָרט און דאָס שטיבעלע איז קאַפּוט.

דעריבער האָט ער געהענדיג ניט געהאַט קיין העזה קיין סך צו דולען אַ קאָפּ לייזער טשעסלער, נאָר נאָך אַ לאַנגע פויזע האָט ער איידעל און ווייך אַ פרעג געטהון:

– איהר קענט דאָך, ר׳ לייזער, מיין שטיבעל...

– אַ שאלה! האָט לייזער אָבגעענטפערט און אַהרן=ליב איז געוואָרען פון ענטפער, ווי געהויבענער...

צוקומענדיג צום שטיבעל האָט אהרן־ליב זיך דער ערשטער אָבגעשטעלט און זיך געווענדט מיט הכנעה...

— איצט, זענט מוחל, ר' לייזער, בעטראַכט עס און זאָגט אייער מיינונג...

— מיר וועלען שוין זאָגען! איז לייזער שוין באמת שטאַרק געוואָרען און גענומען אָבגעבען זיך אַליין גרוים כבוד, רעדענדיג אויף „מיר", האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל, ווי זי וואָלט איהם געשטערט צו קוקען און אַריינגעלעגט אין בוזעם, צוגעגאַנגען צו די פריזבעס, וואָס זענען געווען פערוועהט מיט שניי, אַ טאַפּ געטהון די ווינקלען פון די וואַנד, פון איין אָרט אַרויסגעשלעפּט אַ ביסעל טרוקענע „פּולווער", געריבען עס מיט גרויס מבינות צווישען די פינגער, אַרויסגענומען פון בוזעם צוריק די ליולקע און געשוויגען.

— איז וואָס זאָגט איהר, ר' לייזער?... האָט אַהרן־ליב ניט געקאָנט אויסוואַרטען...

— וואָס איז דאָ וואָס צו זאָגען? — האָט ר' לייזער געענטפערט און האָט פּערדרוקט צוריק די ליולקע — דאָס שטיבעל דאַרף האָבען אַ תיקון...

— אַ גרויסען תיקון?... האָט אַהרן־ליב מיט דערשראָקענע אויגען איבערגעפרעגט.

— פערשטעהט זיך, אז ניט קיין קליינעם... האָט לייזער זיך אַליין געהאַלטען ביי זיין רוהיגען, קאַלטען טאָן... מען דאַרף עס אונטערהויבען אויף אַלט בערווענעס אין אַ וואַנד און מען דאַרף אַ נייעם פונדאַמענט און מען דאַרף נייע באַלקענס און אַ דעכעל אַ נייעם וועט מען שוין ממילא דאַרפען...

— האָס הייסט, מען דאַרף בויען אַ נייע שטוב, האָט אהרן־ליב ביטער געשמייכעלט... דאָס איז אָבער ניט ביי מיינע כחות... איך וויל נאָר וויסען, צי איז חלילה קיין סכנה ניטאָ דערווייל, ביז

גאָט וועט העלפֿען, צו בלײַבען וואוינען נאָך ...

— קײן גאָט בין איך ניט, האָט ר׳ לײזער ווי חוזק געמאַכט, אַז עס זאָלען זײַן שטילע פּאָגראָמען איז קײן סכנה ניט...

„אָבגעזאָגט הײסט עס״, האָט אַהרן־ליב אין געדאַנק אויסגעטײַטשט ר׳ לײזער׳ס ענטפער און מיט אַ געבראָכענעם קול האָט ער געזאָגט:

— אַזוי צי אַזוי, אַ יישר איַך, ר׳ לײזער, פֿאַר אײַער טרחא.

פֿון דעם דאָזיגען יישר איז דער רוהיגער ר׳ לײזער אַ ביסעל ווײכער געוואָרען און האָט דאָך געפֿונען אַ טרײסט־וואָרט:

— עט... קײן סכנות איז ניטאָ... מען וואוינט אין ערגערע שטיבלעך בײַ אונז... גאָט איז אַ פֿאָטער...

און איז אַוועק...

האָטש די לעצטע ווערטער פֿון ר׳ לײזער׳ן האָבען אַהרן־ליב׳ן אַ ביסעל צוריק בערוהיגט, איז ער דאָך אַ גאַנצע טאָג אומגעגאַנגען ווי צודולט. אַלע ווײלע געהויבען די אויגען צום באַלקען, געטאַפּט אינווײניג די ווענד, די פֿענסטער, אַזוי אַז בײלע האָט עס בעמערקט און געפֿרעגט איהם:

— וואָס טאַפּסטו אַ גאַנצען טאָג...

— וואָס טאַפּ איך, וואָס — האָט ער צודולט געענטפֿערט — איך טאַפּ גאָר ניט...

און אין אָוועגד, ווען אַלע זענען אין שטיבעל געשלאָפֿען, האָט ער אַראָבגענומען פֿון אַלטען אַלמער דעם צווײ קאָפּיקענעם לוח׳ל און געזוכט די „וועטערונג״.

דער לוח האָט צוגעזאָגט אויף אַפּאָר חדשים פֿרעסט, שפּעטער רעגענס! ווינדטען ערשט אין אַ האַלב יאָהר אַרום..

און אַהרן־ליב האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט...

די ערפינדערין.

די ערפינדערין.

אַז איך לעז אין היסטאָריע די פֿיעלע טרויעריגע פֿאַקטען ווי ביטער עס האָבען געענדיגט די יעניגע, וואָס האָבען זיך געאָפּפֿערט פֿאַר דער וויסענשאַפֿט, פֿאַר זייערע נייע ערפֿינדונגען, דערמאָהן איך זיך נאָך אָן אַ טרויעריגען פֿאַקט, נאָך אָן אַ קרבן, און פֿאַר מיינע אויגען שטעלט זיך פֿאָר דאָס טרויעריגע געשטאַלט פֿון אסתר-חשה'ן.

אסתר חשה איז ניט געווען קיין געלעהרענטע, זי האָט אַפֿילו שרייבען יידיש ניט געקענט, זי האָט קוים די צאינה וראינה דורכגעקראָכען און אויך דאָס מיט פֿיעל גרייזען, און מעהרער האָט זיך געהערט איהר וויינענדיגער נגון, ווי ווערטער, און דאָך איז די דאָזיגע אוננגעלעהרענטע פֿרוי שיעור ניט געפֿאַלען פֿאַר אַ קרבן אויפֿ'ן מזבח פֿון דער וויסענשאַפֿט און שיעור ניט געלאָזען נאָך זיך פֿיער קליינע יתומים.

בלויז פֿיער וואָכען האָט זי געהאַט פֿערגעניגען פֿון איהר ערפֿינדונג, האָט עס געהאַלטען בסוד סודות און יעדען דאָנערשטאָג, ווען זי אַליין פֿלעגט זיך בענוצען מיט איהר ערפֿינדונג, פֿלעגט זי ליעבליך שמייכלען.

— אַז זיי וואָלטען דאָס וויסען!

און אַ פֿרעהליכע פֿלעגט זי זיך נעמען צו איהר ערפֿינדונג! די געבאַקענע קאַרטאָפֿעל אָב צו שיילען, גוט צורייבען און דורך אַ רעשעטע דורכקוועטשען די שיטערע שטאָף פֿון די קאַרטאָפֿעל און אַריינלייגען עס נאָכהער אין מולטער טייג און גוט אויסמישען

עֶס, און אִיהר דאַרע בּרוּסט פלעֶגט ווערֶען לעֶנגער און בּרײטער, אַז זִי פלעֶגט בּעֶמערקעֶן, ווִי אִיהר עֶרפִינדונג ווִירקט, דאָס טײג הויבּט זִיךְ העֶכער און העֶכער; עֶס וועֶט נאָךְ אַרויסגעהן פון אויוועֶן אויסגעבּאַקענעֶ, וועֶט מעֶהר נאָךְ וואַקסעֶן – עֶס וועֶט זײַן חלה אויף חדושים.

אויף מאָרגעֶן פרִיה פלעֶגט זִי נאָךְ מעֶהר נחת האָבּעֶן: דִי קדוש חלות זעֶנעֶן אויסגעוואַקסעֶן ווִי בּעֶרג אִין זעֶנעֶן קלאָהר ווִי דִי זון.

– דאַנקעֶן גאָט – פלעֶגט זִי מִיט אַ זִיסעֶן שמײכעֶל פאַר זִיךְ רעֶדעֶן, אִיבּעֶרטאַפּעֶנדִיג יעֶדעֶ חלה. – קײן פלײש, בּרוּךְ השם, אִיז נִיטאָ קײן סךְ, זאָל חאָטש זײַן געֶראָטעֶנעֶ חלה, אַ גאַנצעֶ וואָךְ דאַרט מעֶן און מעֶן קוואַרט.

נאָר נִישט לאַנג האָט זִי געֶקענט אײַנהאַלטעֶן דעֶם סוד: אײנמאָל אִין אַ פרײַטאָג פרִיה אִיז אַרײַן אִיהר נאָהנטעֶ שכנה פעֶשעֶ טבִיה'ס, לײַעֶן דִי פאָמעֶלעֶ.

זִי האָט גראָד דאַמאָלס אַרויסגעֶנומעֶן דִי חלה פון אויבעֶן. פעֶשעֶ אַלס אַ נאָהנטעֶ שכנה האָט געֶנומעֶן אִין האַנד אַ חלה און מִיט גרויס מבינות בּעֶטראַכט.

– בּײַ דִיר אִיז דאָךְ עֶפּעֶס זעֶהר געֶראָטעֶנעֶ חלה; פִיעֶל הײוועֶן נעֶהמסטו?

– נִיט קײן סךְ, – האָט אסתר חשה שמײכלעֶנדִיג געֶענטפעֶרט.

– אִיךְ נעֶהם – זאָגט פעֶשעֶ – אַלעֶ וואָךְ פאַר אַ גרִיוונעֶ הײוועֶן און עֶס וואַקסט אויךְ נִיט אַזוי שעֶן! דִי רבִּי'צִין זאָל געֶזונד זײַן, גִיט אַ מאָן הײוועֶן – זִי קלאָגט זִיךְ אַלץ, אַז עֶס אִיז נִיטאָ פון וואַנעֶן צו לעֶבּעֶן – דִי גאַנצעֶ שכירות דעֶם רבּ'ס אִיז דִי קאַראָבּקעֶ פון הײוועֶן.

– זעֶהסט דאָךְ! אִיךְ נעֶהם נאָר לפנים וועֶגעֶן אַ לויט הײוועֶן, אַלײן געֶה אִיךְ נִיט, אִיךְ שִיק מײַן בּײלִינקעֶן.

– אליהו הנבִיא געֶהט אַרײַן אִין דײַנעֶ טײג! – האָט פעֶשעֶ געֶלאַכט – ווִי זאָגט מעֶן עֶפּעֶס: פון על חטא ווערט מעֶן נִיט פעֶט. אִיךְ גלויבּ נִיט, אַז פון אַ לויט הײוועֶן זאָל אַזוי שעֶן וואַקסעֶן דִי חלה.

דאָ האָט זיך שוין אסתּר חשה ניט געקענט איינהאַלטען און האָט איהר דערצעהלט פון איהר ערפינדונג:

– דו באַק נאָר אָפּ אַ צעהנדליג קאַרטאָפעל, צורייב זיי און קוועטש עס אויס איבער אַ רעשעטע און לעג עס אַריין אין מולטער טייג, וועט די חלה וואַקסען בעסער, ווי אויף הייוועו! לפנים וועגען זאָלסטו נעהמען פאַר צוויי קאָפּיקעס, עס פּאַסט דאָך ניט, די רבי'צין קאָן נאָך פאַרשטעהן.

– וואָס איך הער!.. האָט זיך פעשע געוואונדערט. דאָס איז דאָך אַ וואוילע זאַך, כ'לעבען. איך טהו עס פון היינט אָן.

– דו זאָלסט עס קיינעם ניט דערצעהלען; די רבי'צין וועט זיך דערוויסען וועט זי מייקערען, קעהרען די וועלט.

– איך האָב עפּעס אַ סך סודות דיינע דערצעהלט? – האָט פעשע ווי בעליידיגט זיך – ביי מיר איז אַ סוד ווי אין אַנ'אייזערנעם קאַסטען.

און אויף איבער אַלטאָג דאָנערשטאָג האָט זיך פעשע בענוצט מיט אסתּר חשה'ס ערפינדונג – הייוועו האָט זי נאָר גענומען פאַר צוויי קאָפּיקעס – דאָס איבעריגע האָט זי געמאַכט מיט קאַרטאָפעל, ווי אסתּר חשה האָט איהר געלערענט.

די חלות זענען אַרויס געראָטען.

און חאָטש פעשע האָט צוגעזאָגט, אַז דער סוד וועט זיין ווי אין אַ אייזערנעם קאַסטען, האָט זיך דאָך די קאַסטען אויפגע-עפענט אין אַ פּאָר וואָכען אַרום פאַר איהרע אַ נאָהנטע שכנה, און יענע האָט עס אויך, פאַרשטעהט זיך, נישט לאַנג געהאַלטען אין איהר אייזערנעם קאַסטען, אין אַ חודש אַרום האָבען די גאַנצע גאַס ווייבער געוואוסט פון דער ערפינדונג און האָבען געבאַקט זייערע חלה אויף קאַרטאָפעל-הייוועו.

די רבי'צין האָט אָנגעהויבען צו בעמערקען, אַז די לעצטע וואָכען לייזט זי עפּעס וועניגער פאַר הייוועו. זי האָט עס דערצעהלט דעם רב.

— דו זעה מאַך וועגען דעם אַ חקירה ודרישה (די רבי׳צין האָט זיך טאַקי אַזוי אויסגעדריקט, ווײַל רײַבענדיג זיך שטענדיג צווישען מורי הוראות פלעגט זי רעדען מיט זײער סטיל...) דו האַסט עפּעס אַגדערע הכנסות אויסער די הייוועןּ? דו וועסט דען לעבען פון די שמורה מעהל וואָס אַ צעהנדליג חסידים קויפען בײַ דיר פּסח; צי פון אַ דין תורה, וואָס די קצבים האָבען מיט׳ן חוכר? די גאַנצע הכנסה אונזערע איז די הײוועןּ און דאָס טהוט זיך מיט פאַלשקייט. די קרעמער מוזען אודאי בגנבה ברענגען הײוועןּ פון שטאָדט און פערקויפען.

דער רב האָט געפאָלגט די רבי׳צין און האָט געהייסען ישראל דעם שמש מאַכען אַ שטרענגען אָביסק אין די קראָמען, צי פערקויפען נישט די קרעמער קיין פרעמדען הייוועןּ.

ישראל שמש האָט זיך טאַקי גענומען צו דעם אָביסק מיט גרויס קוראַזש. נאָך מעהר ווי אַ משומד איין אַקציזניק פלעגט זוכען בראָנפען אין די אַמאָליגע שענקען אָהן אַ פּאַטענט. נאָר זיין מיה איז געוועןּ אומזיסט, די קרעמער האָבען זיך שטאַרק בעליידיגט, וואָס מען איז זיי חושד אין אַזאַ מיאוסע מעשה: אונטערשלאָגען דער רב פּרנסה, בפרט, אַז עס איז פאַראַהן אַ בפירוש׳ער איסור.

די שמש׳טע האָט אויך ניט געשוויגען: די רבי׳צין מיט איהר זענען געוועןּ איין גוף און איין נשמה און דער שמש׳טעס אונטערזוכונג איז געוועןּ מיט מעהר רעזולטאַט, עס האָט זיך דערגאַנגען די גאַנצע פאַלסיפיקאַציע מיט די קאַרטאָפעל, וואָס אסתר חשה האָט ערפונדען.

— און דו וועסט אַזאַ חצופה שווייגען! — האָט די רבי׳צין געטופּעט מיט די פיס, — זי וועט אויסלערנען אַלע ווייבער ווי צו מאַכען הייוועןּ פון קאַרטאָפעל און מיר וועלען בלייבען אָהן ברויט?... און בײַ דיר איז דאָס גוט אַזוי? אַזאַ רב ביזטו?

דער רב וואָס איז געוועןּ בטבע אַ רוהיגער מענש איז אויך

אין כעס געוואָרען פאַר אזא מעשה רע, און נאָך ווער? אַנ'אשה, וואָס, שטיינס געזאָגט, מעהר, פון דריי שטיקלעך מצוות האָט זי ניט, און מיט דער מצוה פון חלה זינדיגט זי.

ער האָט גלייך געשיקט רופען אסתּר חשה'ן.

אסתּר חשה, פערשטעהט זיך, האָט זיך שטאַרק דערשראָקען; וואָס קען איהר דער רב דאַרפען? פון די גרויסע בעלי-הבית'טעס אין שטעדטיל איז זי נישט געוועזען — איהר מאַן איז אַ מלמד — אַ גאַנצע וואָך זיצט ער און קנעלט מיט די קינדער און אין קהל מישט ער זיך קיינמאָל נישט — נאָר אַז דער רב רופט דאַרף מען געהן,

— אָט איז זי! — איז אויף איהר די רבי'צין אָנגעפאַלען ווי אַ טיגערין! — דו ווייסט, חצופה, אָבנעהמען אונזער פּרנסה! הא?

אויפ'ן געשריי איז אריין דער רב.

— זאָג מיר, דו טאָלטער, — האָט דער רב אָנגעהויבען מיט אַ ביזען טאָן, — דו האָסט דאָס אָבגעקלעהרט די „המציאה" מיט די קאַרטאָפעל?

— איך... — האָט אסתּר חשה קוים אַרויסגערעדט.

— דו ווילסט מיר זעצען אָהן ברויט, דו! דו לערענסט אויס אַלע ווייבער ווי צו מאַכען הייוועך און איך לייז ניט פאַר הייוועך, פון וואַנען זשע וועל איך לעבען?... דו ווייסט אַז דו האָסט עובר געווען אויף אַן אסור, עס איז בפירוש אַן אסור הן צו ברענגען פון פרעמדע ערטער הייוועך, הן צו קויפען אין קראָמען הייוועך, הן צו מאַכען אַליין הייוועך, פערשטעהסט?

— איך האָב ניט געוואוסט, רבי, — האָט זי זיך געבעטען מחילה, איך בין אַנ'אָרימע פרוי, איך האָב גערעכענט, אַז איך פערשפּאָר איין קאָפּיקע אַלע וואָך איז דאָס ביי מיר אַ גאַנצער איינגענס, אַז מען טאָר דאָס ניט האָב איך נישט געוואוסט!

— און ביי מיר איז דאָס נישט קיין איינגענס? — האָט זיך דער רב צושריגען (ווייל די רבי'צין איז געשטאַנען קעגען איהם און האָט

איהם אונטערגעהעצט, געוואונקען מיט די אויגען, ווי זי וואלט זאגען:
גיעב!...) – דו ווייסט, חצופה, אז דו האסט גע׳גזל׳ט קדושה געלד און
דערפאר פלעגט אמאליגע צייטען קומען סקילה.. און היינט קומט....

– אוי רבי׳נקע שעלט זיך ניט! – האט זיך די ארימע פרוי
אנגעהויבען בעטען, גלויבענדיג אז די קללה וואס געהט ארויס פון
רב׳ס כשרה׳ן מויל וועט גלייך מקוים ווערען.

נאר דער רב, געהעצט פון דער רבי׳צין האט געענדיגט – און
היינט שטארבט מען בידי שמים..., ע״ל...

נאר דא האט דער רב אויפגעהערט צו רעדען. ער האט
דערזעהן ווי אסתר חשה׳ס געזיכט איז געל געווארען ווי וואקס
און קוים וואס זי האט זיך געהאלטען אויף די פיס. נאר איהרע
ליפען האבען שטיל געשטאמעלט:

– זייט מוחל, רבי׳נקע, זייט מוחל!

– נו, מוחל, מוחל... – האט דער רב אביסעלע ווייכער
ווערענדיג געשטאמעלט און געקוקט אויף דער רבי׳צין ווי ער
וואלט זיך געשראקען.

– ארויס, חצופה! – האט די רבי׳צין געליארעמט, ביי איהם
וועסטו אלץ פועל׳ן – א רב! אזא יאהר איהם!... איך, די רבי׳צין,
בין דיר נישט מוחל...

– מוחל, מוחל, – האט דער רב, צוגעהענדיג נאהנט צו
אסתר חשה׳ן אין דער שטיל געשעפטשעט...

אז אסתר חשה איז ארויסגעגאנגען פון רב׳ס שטוב האט זיך
איהר די גאנצע גאס מיט די הייזער געדרעהט, איהר האט זיך געדאכט,
אז זי וועט מארגען שטארבען. זי וואלט א היים נישט געקאנט
דערגעהן, ווען זי וואלט זיך ניט געטרייסט אין איהר שרעק. אז דער
רב האט איהר צום סוף געזאגט אויף געוויס: מוחל, מוחל...

דער פּראָלעטאַריער
אויף פּרישע לופט.

דער פּראָלעטאַריער אויף פֿרישע לופֿט.

אויף דער גאַס, איבערהויפּט אויף דער בירזשע, איז זרח, אַנ'אַרבייטער פֿון אַ יאָהר אַכטצעהן, געווען אַ קעמפּפער, אַ מיטגליעד פֿון זעלבסטשוץ; אין דער היים, ביים טאַטען־מאַמען, איבער־הויפּט ביי דער מאַמען, איז זרח געווען אַ שוואַך־קינד, מיט אַ „שוואַך־האַרץ", מיט אַ טרוקענעם הוסט און מיט נאָך אַזוינע מעלות. עס פֿערשטעהט זיך, אַז זרח פֿלעגט ניט מיט חשק אויסהערען, ווען די מאַמע פֿלעגט נעהמען בעדויערען זיין „געזונד", און ער פֿלעגט שטענדיג לאַכען פֿון איהר, וואָס זי זעהט איהם צו, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ בורזשוי'ס אַ קינד.

– ניטאָ קיין צייט אויף אַזעלכע נאַרישקייט! – פֿלעגט ער שטענדיג איהר אָבהאַקען, ווען זי פֿלעגט זיך נעהמען איהם מוסר'ן, וואָס ער עסט ווייניג, שלאָפֿט ווייניג און הוסט אַזוי.

און די מאַמע פֿלעגט מיט אַ זיפֿץ איהם אָבלאָזען, שאָקלענ־דיג מיט'ן קאָפּ, ווי נערעדט:

אברהם רייזען.

— אַי, זוהן זוהן, וועסט זיך עפּעס אָנמאַכ'ען.

און — עס זאָל צו קיין שאַנד ניט זיין — געדעכט איז געווען די מאַמע — די לעצטער צייט האָט זרח אַליין זיך אָנגעהויבען קלאָגען, אַז די ברוסט טהוט איהם עפּעס וועה, ניטאָ — קיין כח! — געוועהנליך האָט ער עס געמאָלדען מיט אַ וויצעלע, אַ סך וועהטאָגען פערלייקענט, אָבער די מאַמע האָט גלייך דערפיהלט, אַז זרח איז אַ חולה, און האָט איהם מיט געוואַלד אַוועקגעפיהרט צום דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט איהם אַרומגעקוקט און געזאָגט, אַז קיין רעצעפּטען דאַרף ער ניט, ער מוז נאָר האָבען פרישע לופט און דערצו טרינקען אַ סך מילך און אויפהערען אַרבייטען אויף אַ קורצע צייט.

ניט אַרבייטען איז אַ שווערער לאַו, נאָר מיט חסד: דער טאַטע, אויך אַנ'אַרבייטער, וועט איהם, ווי עס איז, אויסהאַלטען. די צייטען זענען אַפילו שווערע, נאָר אַ תירוץ איז דאָס? אַ קינד! אָבער וואָס טהוט מען מיט פרישע לופט? וואו נעהמט מען זי, אַז אין דער גאַס, וואו זיי וואָהנען, איז אַזוי ענג, — ניטאָ קיין בוימעל, קיין גרעזעל, קיין בלימעל.

האָבען אַפילו לייט געזאָגט, אַז ער זאָל געהן אָפט אין שטאָדטגאָרטען. גוט וואָלט עס געווען — איז איבער דער גאָרטען זעהר ווייט פון זייער דירה, וועט ער דאַרפען זיך צוויי — דריי מאָל שלעפּען אַהיים, — עסען און נעכטיגען אין סאָד קען מען דאָך ניט, — וועט איהם מעהר אָבקומען געזונד, ווי עס וועט איהם צוקומען, און אַגב איז אַ סברה, אַז ווי באַלד דער „סאָד" געפינט זיך אין שטאָדט, איז די לופט דאָרט אויך ניט פייגעלדיג. שטויב איז דאָרטען אויך גענוג. וואָרען ווער געהט ניט היינטיגע צייטען שפּאַצירען אין גאָרטען?

האָט די מאַמע אַ זאָג געטהון, האַלב אין שפּאַס, האַלב

אין ערנסט: זאָל ער פֿאָהרען אויף אַ דאַטשע! האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען שטיב אַלע איבערגעשראָקען... אַ דאַטשע איז אַ צו רייכער ביסען, ווער ווייס, צי וועלען זיי עס קענען אויספֿיהרען.

אָבער, אַז די מאַמע, האָט זיך געהאַלטען עצות מיט ווייבער, צווישען וועלכע איינע האָט זיך געפֿונען אַ שטיקעל נגידה, האָט איהר די לעצטע ערקלערט, אַז אַ דאַטשע איז גאָר ניט אַזוי טהייער, ווי דער עולם מיינט.

— באַשר רייכע וואוינען דאָרטען — האָט זי איהר ערקלערט — דאַכט זיך שוין, אַז דאָס איז זעהר טהייער, וואָרום וואָס איז, אייגענטליך, אַ דאַטשע? — אַ דאָרף!....

און דערגעהענדיג אַקוראַט, וואָס אַ דאַטשע איז, האָט די מאַמע זיך איינגעשפּאַרט, אַז זרח זאָל פֿאָהרען אויף אַ דאַטשע.

— סך=הכל איז דאָרטען דער הויפּט די דירה טייערער, אָבער אַזוי זאָגט מען, איז אַלץ איינס ווי אין שטאָדט, און מילך איז נאָך וועלוועלער.

זרח האָט זיך אַפֿילו אָנגעפֿאַנגען געקוויינקעלט: סטייטש! ער אויף אַ דאַטשע! וואָס וועלען „חברים", זאָגען! און בכלל האָט ער קיין צייט ניט, אַז סך=הכל מוז ער נאָך היינט געהן אויף דער בערזע, ער האָט אַזאַ נויטיגע זאַך... עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿען. אין דעם פּרט איז שוין די מאַמע געווען אַנ׳עקשנ׳טע, זי האָט איהם געמאַכט אַזוי שווער אויפֿ׳ן האַרצען, אַז זרח׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז איהם איז זעהר וועניג געבליבען צו לעבען און ראַטעווען קען איהם נאָר די דאַטשע.

און ער איז אַוועקגעפֿאָהרען.

די דאַטשע איז געווען אַ מייל פֿון שטאָדט ביי אַ באַהן=סטאַנציע.

אברהם רייזען.

געקומען איז ער אַהין מיט אַן׳עלטערער שוועסטער, וועלכע האָט איהם געדונגען אַ דירה — אַ קליין צימערעל, ביי אַ דאָרטיגען פויער, פאַר 5 רובעל אַ חדש. די ערשטע מינוטען האָט ער פערגעסען, ווער ער איז, און וואָס ער איז געוועזען ביז אַהער, און האָט נאָר געמורמעלט אין איין קול: „אַי, ווי גוט! אַי ווי גוט!...

נאָכדעם, ווי די שוועסטער האָט איהם בעשטעלט, וואו צו עסען און טרינקען, איז זי אַוועק געפאָהרען.

זרח איז געבליבען אַליין...

אויף מאָרגען איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה. ער האָט אָבגעטרונקען די פאָרציע מילך און איז אַרוים אין וואַלד. אין וואַלד איז נאָך קיינער פון די דאַטשניקעס ניט געווען. די פייגעלעך, ווי זיי וואָלטען וועלען זיך בענוצען דערמיט, וואָס די דאַטשניקעס זענען נאָך אין דער היים, האָבען זיך צוזונגען אַלע פרעהליך. זרח האָט פערריסען דעם קאָפּ צו די בוימער און געקוקט, פון וואַנען נעהמט זיך דאָס אַזאַ מין מוזיק... דאָס ערשטע מאָל אין לעבען הערט ער פייגעלעך זינגען.

„זיי זינגען טאַקי שען", האָט ער מודה געווען און פאַר צופריעדענהייט האָט ער אַליין אָנגעהויבען צו זינגען „די שבועה"...

— אָבער דער פראָלעטאַריאַט איז אין שטאָדט! — איז איהם דורכגעפלויגען אין קאָפּ, זינגענדיג די „שבועה", און דער וואַלד און די פייגעלעך האָבען ביי איהם דעם חן פערלוירען.

אַ זייגער עלף איז דער וואַלד אַלץ בעזעצענער געוואָרען מיט מענשען; אין אַ שעה אַרום איז ער פול געוואָרען מיט האַמאַקען, אין וועלכע עס האָבען זיך געוויגט דיקע, זאַטע פרויען.

זרח האָט געקוקט אויף דאָס נייע בילד און עפּעס ניט פערשטאַנען. די בורזשואַזיע האָט ער נאָר געקענט פון דער בראָשורע; אין לעבען האָט ער זי זעלטען געזעהען.

שפּעטער אָבער האָט ער זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז

דאָך די בורזשואַזיע, די אֶמת'ע בורזשואַזיע, געגען וועלכע ער מיט זיינע חברים קעמפפען... אַט שטעהט ער קעגען זיי פּנים אֶל פּנים... אַט זעהט ער זיי אין לייוועגטענע בעטלעך, זאַטע, מיט צופריעדענע פּנים'ער.

ווי קומט ער אַהער?

ער האָט זיך געשעהמט פאַר זיך אַליין.

ער האָט זיך געלאָזען אַרוים פון וואַלד.

און דער וועג האָט זיך געצויגען דורך שענע זומער־וואוינונגען, ביי די זומער הייזלעך זענען געשטאַנען רוהיגע בחורים, מיידלעך מיט לאַכענדיגע פּנים'ער און האָבען געשפּיעלט אין קראָקעט.

נעבען איין זומער־וואוינונג האָט ער זיך אָבגעשטעלט, ניט ווייסענדיג צוליעב וואָס. ער האָט זיך בעגעגענט מיט בליקען פון קראָקעט־שפּיעלער, וועלכע האָבען אויסגעדריקט פערוואונדערונג און אַ ביסעל מורא.

ער האָט זייערע בליקען ניט געקענט פערטראָגען, און איז אַוועק ווייטער, בעגעגענדיג אַלץ די זעלבע מענשען.

אַט דאָס, הייסט עס, זענען זיי! – האָט ער געטראַכט.

ער האָט זיך דערמאַנט אָן דער שטאָדט, אָן זיינע „חברים", אָן דער שווערער אַרבייט; אַ געפיהל פון האַס צו די, וואָס ער האָט דאָ ערשט געזעהען, מיט אַ רחמנות־געפיהל צו די וואָס ער האָט פערלאָזען, האָט זיך צונויפגעמישט ביי איהם אין האַרצען, און עס האָט איהם שרעקליך וועה געטהון.

מעהר פון אַלץ האָט איהם געקרענקט, וואָס זיי שעהמען זיך גאָר ניט, האָבען גאָר קיין ברעקעל מורא ניט. מילא! ער איז אַ קראַנקער, אַן אויסגעהאָרעוועטער פּראָלעטאַריער, געקומען טרינקען מילך און שעפּען אַ ביסעל לופט, ער זאָל כח האָבען

װידער צו אַרבײטען, אָבער איהר געזונטע... װי שעהמט איהר זיך דאָס ניט אַזוי צו לעבען?...

אידם האָט זיך פערוואָלט פאַר עמיצען אויסרײדען דאָס הארץ, נאָר ער האָט קײנעם ניט – דער אײנציגער פראָלעטאַריער אויף דער דאַטשע..

און אַ שווער געפיהל האָט געדריקט זײן האַרץ...

אברהם דער שוסטער.

אַבְרָהָם דֶער שוּסְטֶער.

אַברהם דער שוסטער איז אַ הױכער, דאַרער זקן, מיט אַ לאַנגער באָרד, נאָך לענגערע פּאות'ן און מיט אַ גרױסען שטערען; װען אַ פרעמדער מענש זאָל איהם בעגעגענען אַמאָל אין דער פריה פון דאַװנען מיט'ן גרױסען טלית־זאַק אונטער'ן אָרים, װאָלט ער זיכער געמײנט, אַז דאָס געהט דער רב פון'ם שטעדטעל, אָדער אַזױ אַ שענער בעל־הבית. אמת, אַברהם אַלײן האָט זיך טאַקי געהאַלטען גאַנץ גרױס און מיט זײן מלאָכה זיך כלל נישט געשעמט, און זײט ער האָט געהערט פון אַ מגיד, אַז ר' יוחנן, דער גרױסער תנא ר' יוחנן, איז געװען אַ שוסטער, איז ער װי שטאָלץ מיט זײן מלאָכה געװאָרען, און אַז עס פלעגט אַמאָל קומען צו רעד װעגען שוסטערײ פלעגט ער שטענדיג אַרױסטרעטען מיט פײַער צו אָבשלאָגען די, װאָס זענען געגען דער מלאָכה און פלעגט ענדיגען זײן װאַרימע רעדע מיט די װערטער:

– װאָס דאַרפט איהר מעהר, ר' יוחנן, דער גרױסער תנא, איז אױך געװען אַ שוסטער, אױך געצױגען די דראַטװע...

דאָס לעצטע פלעגט ער שױן אױסלאָזען לאַכענדיג, אױף װאָס ער פלעגט באַלד חרטה קריגען – ס'טײַטש! ער לאַכט פון אַ תנא! און כדי ר' יוחנן זאָל אױף איהם דאָרט קײן פאַראיבעל ניט האָבען, פלעגט ער גלײך זיך פערחאַפּען:

— רעכענט אײך, ער אַלײן האָט די דראַטװע נישט געצװוּנגען, ער האָט געװוּס געהאַלטען פּוֹעלים....

דאָך פֿלעגט אַברהם׳ן װעניג העלפֿען זײַן פֿערטהײדיגען די שוּסטערײַ און זײַן בערימען זיך מיט זײַן קאָלעגע ר׳ יוחנן: קײן כּבוֹד, נאָך װעלכע ער האָט זיך געיאָגט, האָט ער קײנמאָל ניט געהאַט. אַפֿילוּ דאָס „שנײַדערשע קלײַזעל״, װאָס איז געװען שטענדיג טאָלעראַנט מיט אַלערלײַ בּעלי מלאָכות, האָט איהם קײנמאָל קײן רעכטע „עליה״ ניט געגעבען, אויסער אַמאָל, על פּי טעות, האָט מען איהם געגעבען אַחרון, און שמחת תּורה פֿלעגט מען איהם געבען די הקפה „עוזר דלים״. נאָר דאָס איז געװען ניט דערפֿאַר, װײַל ער איז אַ שוּסטער, נאָר דערפֿאַר װאָס ער איז געװען אַ האַלבער שוּסטער, אָדער װי מען האָט איהם גערופֿען אין שטעטיל „אַברהם דער לאַטוּטניק״. ד. ה. קײן גאַנצע שיך און שטיװעל פֿלעגט ער נישט נעהען, ער פֿלעגט נאָר לאַטעס לעגען. ער האָט אַפֿילוּ זיך בערימט, אַז אַמאָל, אַמאָל פֿלעגט ער גאַנצע שיך אויך נעהען, נאָר זײַט עס איז אַרוּיס די װיסטע מאָדע מיט די „שמאָלע נעזער״ האָט ער אויפֿגעהערט — ער װיל זיך ניט נאַרישׁ מאַכען... אמת לאַטעס פֿלעגט ער לעגען אײנס אין דער װעלט! אַפֿילוּ די שטעדטיל׳שע שוּסטער, װאָס פֿלעגען שטענדיג „רײדען״ אײנער אויפֿ׳ן צװײטען, האָבען אויך ניט געהאַט אַ העזה אויסצוּזעצען חסרונות אין אַברהם׳ס אַ לאַטע. נאָר דאָך פֿלעגען אַלע אין שטעטיל פֿון איהם קײן גרויסען פּירוּש ניט מאַכען, פֿאַרקעהרט, בײַ אַ געלעגענהײט פֿלעגט מען פֿון איהם אָבלאַכען. זײַן שטאָלץ האָט דערפֿון געליטען און בײַ אַ צײַט פֿלעגט ער זיך אָן די אַלעמען נוקם זײַן.

די צײַט פֿלעגט ער אַלע יאָהר ערװאַרטען מיט גרויס אוּנגעדוּלד. ער איז געװען זיכער, אַז זי װעט קומען, זי מוּז קומען! דער אײבערשטער װעט ניט משנה זײַן דעם סדר פֿון ששת־ימי

בראשית און אָסיען מוז זיין אַלע יאָהר און רעגענס וועלען געהן. אָסיען, ווייס אברהם, מוז רעגענען. ער האָט שוין אָבגעלעבט אַזוי פיעל יאָהרען און עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפֿען, אַז עס זאָל ניט רעגענען; און פֿון רעגען, ווייס אַברהם, ווערט אין שטעדטיל אַ גרויסע בלאָטע, אַזאַ בלאָטע וועלכע ער דאַרף האָבען, אויף וועלכע ער בעט גאָט. ווי דער פויער בעט גאָט דעם רעגען אויף ברויט אַזוי בעט ער אויך גאָט, נאָר ניט אויף ברויט אַליין, אויך ער זאָל זיך קענען רעכענען מיט די שטעדטיל־שע בעל־הבתים, וועלכע לאַכען אָפט פון איהם.

און אַז אַברהם זיצט סכות אין סכה און עס הייבט אָן גיע־סען אַ קאַלטער הערבסט־רעגען, איילט ער זיך ניט צו געהן אין שטוב, ביז וואַנען זיין אַלטע פעשע רופט איהם ניט אַריין מיט גרויסע קולות:

— משוגענער איינער! ווער זיצט עס אין אַזאַ גאָס־רעגען אין סכה! דו ווילסט זיין פרימער פאַר'ן רב! די יויך ווערט אָן דעם טעם פון דעם רעגען.

— ניש־קשה, ניש־קשה! טרייסט ער זי צופֿריעדענערהייט, שוין אַריינגעהענדיג אין שטוב — איך האָב ניט קיין מורא פאַר הייַנטיגען רעגען, פון אַזאַ רעגען וועט זיך „שטעלען“ די בלאָטע! נאַרעלע, די בלאָטע...

— נו, דאַנקען גאָט טאַקי פאַר דער בלאָטע! ענטפֿערט פעשע מיט אַ פרום־פנים; זי דערמאָנט זיך, אַז די גאַנצע חיונה האָבען זיי טאַקי פון דער אָסיען־בלאָטע.

און אַברהם ענדיגט דאָס עסען אין שטוב, די אויגען אָבער קוקען דורכ'ן פענסטער אין גאַס אַריין און זיין האַרץ וואַקסט פאַר פרייד, זעהענדיג, ווי די ערד ווערט שוין ווייכליך, ער דער־קענט שוין די סמנים פון זיין ליעבער בלאָטע...

און אַז עס גיט אַ שיין די זון ווערט אַברהם דערשראָקען צום

טױט! אִיהם דאַכט זִיך, אַז זִי װִיל אִיהם אַװעקנעהמען דאָס ברױט... נאָר נִיט לאַנג שײַנט דִי הערבסט=זון: אַ װאָלקען פערשטעלט זִי באַלד און אַברהם װערט װײַטער פרײַליך און זִינגט פּאַראָדִירענדִיג דאָס קִינדִישע לִידעל:

גאָט, גאָט גִיעב אַ רעגען
פון אַברהם שוסטער׳ס װעגען.

און גאָט הערט צו אַברהם׳ס געבעט — אַ גאַנץ סכּות רעגענט און רעגענט, יִידִישע קִינדער טרױערען, װאָס זײ האָבען אַפּערשטערטען יום=טוב, קענען נִיט אַרױסגעהן אױפ׳ן גאַס אַ װײַלע, אַברהם אָבער אִיז שטאַרק צופרִידען: אִין גאַס האָט זִיך שױן אױסגעבִילדעט דִי בעװאוסטע אָסיענדִיגע בלאָטע, נקבות בלײַבען אָפּט שטעהן אִין דער מִיטען גאַס פערצװײפעלט, לאָזענדִיג אַמאָל דִי שוך; קלײנע קִינדער טראָגט מען אִיבער אױף דִי הענד און מאַנסבִילען ראַטעװען זִיך אַרױס מִיט גרױס בריה=שאַפט...

דאָ לאַכט שױן אַברהם פון דער זון! אַזאַ קלײנע טעלער װעט נִיט זײַן בִיכולת אױסטרִיקענען אַזאַ גרױסע בלאָטע, און אַפִילו אַז מעהר קײן רעגען זאָל נִיט געהען, װעט זִי אױך שטעהן נאָך אַ פּאָר חדשים שטאַרקע. נאָר אברהם טרײַסט זִיך, עס װעט נאָך רעגענען, ער האָט דערױף זײַן כּלל: אָסיען מוז רעגענען!

אִיבער יום=טוב רוהט ער זִיך אױס און קלױבט כּוחות; ער װײַסט, אַז נאָך יום=טוב װעט ער מוזען אַרבײַטען בִיז שפּעט אִין דער נאַכט אַרײַן, ער װעט זײַן פערװאָרפען מִיט מלאָכה.

און אױף מאָרגען נאָך סכּות הײבט זִיך טאַקי אָן בײַ אִיהם אַ ירִיד אִין שטִיבעל, װעלכער שטעהט גאַנצע דרײַ חדשים און אַ מאָל מעהר. מען טראָגט אִיהם שִיך פון אַלע זײַטען, דִי בלאָטע אִיז גרױס און יעדערער װִיל זִיך פערזאָרגען מִיט גאַנצע שִיך, אױסער דעם רײַסט זִיך אִין בלאָטע מעהר װִי אַ גאַנץ יאָהר!

אַברהם האָט גוט אִין זִינען, אַז פון דעם ירִיד לעבט ער

א גאנץ יאהר. אמת, עס מאכט זיך אין א טרוקענער צייט אויך לאטעס צו לעגען, אבער דאמאלס איז ער ניט אזא יחסן: די גע־הויבענע שוסטער פון די „שמאלע נעזליך" זיצען דאמאלס אהן ארבייט און שעמען זיך ניט אונטער צושלאגען איהם פרנסה, און דעריבער בענוצט ער זיך מיט זיין איצטיגע „יחסנות" און „רייסט" פון טויט און פון לעבעדיג, ער מאכט שרעקליכע טאקסעס, ווער רעדט, פאר א פאר פאדמיאטקעס אונטער שלאגען קען מען שוין ביי איהם ניט אבדינגען קיין גראשען, עס מעג זיין ווער עס איז, אפילו א נאהענטער, ארימער שכן; און אז יענער פרובט זיך צו דינגען:

— סטייטש, ר' אברהם, פאר וואס קומט אייך אזוי פיעל? ענטפערט אברהם קאלט! —

— איך נעם אייך דען חלילה? אייך לויהנט נישט, — טראגט אייך ארוין צו בעריל דעם שוסטער, ער איז אויך א גאנץ גוטער שוסטער, ער מאכט דאך עפיס „שמאלע נעזליך"..

די לעצטע ווערטער פלעגט ער אויסלאזען מיט אנ' איראניישען טאן, ווי ער וואלט געזאגט: ניט אלע מאל טויג פאר אייך בעריל דער שוסטער, איהר דארפט מיך אויך האבען... ער וויל זיין זיכער, צי דארף מען איהם טאקי האבען און ער גיט א קוק אין פענסטער און ער ווערט נאך שטייפער ביי זיך: די גאס איז פערפלייצט מיט שיטערין קויט, האטש טרענק זיך! — אוי, דארפט איהר מיך, שמייכלעט ער און גיט אפילו ניט א קוק אין יענער זייט, וואו דער קונד שטעהט מיט די שיך און וויל אראב־דינגען א צעהנעריל. אברהם פיהלט, אז איצט איז די צייט צו אברעכענען זיך מיט זיינע שונאים, וואס לאכען פון איהם, און ער איז זיך נוקם מיט הארטע מקחים...

אברהם רייזען.

אָט אַזוי האָט זיך אַברהם דער לאַטוטניק אָבגעלעבט ביז אין טיעפער עלטער, אַלץ געצויגען די חיונה פון דער שטעדטיל׳שער בלאָטע און געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט בעשאַפען קלוג די וועלט, אַז עס מוז זיין אַ צייט אין יאָהר, ווען אין שטעדטיל ווערט אַ בלאָטע און זיינע לאַטעס געהען שטאַרק אָן. דערפאַר האָט אין זיינע אויגען די בלאָטע דעם שענסטען חן געהאַט, אפשר אַ סך מעהר חן, ווי דער בלאָהער ים ביי אַ פּאָעט... און אַז ער פלעגט דורכגעהן אַמאָל אין מאַרק קויפען שטיקלעך רימען אין די פּעלקראָמען, פלעגט ער מיט שטאָלץ בעטראַכטען די מיט קויט פאַרגזסענע גאַסען און דעם מאַרק, וואו עס פלעגען טרעטען די שענסטע בעלי-בתים מיט פערקאַשערטע פאָלעס, אונטער ברומענדיג:

— נננננו אַ בלאָטע, זאָל מען בעהיט ווערען!... אודאי געפעלט זיי ניט — פלעגט ער דעמאָלט טראַכטען, זיי קענען לעבען אָהן איהר. און פאַר מיר אַרט זיי דען?...

און אַז איינער פון זיינע קונדען, קומענדיג צו איהם, פלעגט זיך אַמאָל קלאָגען, אַז פון דער בלאָטע איז שוין נישט אויסצוהאַלטען, גאָט וואָלט שוין עפּיס רחמנות האָבען עס זאָל טרוקען ווערען, פלעגט דאַמאָלס אַברהם ווערען מלא כעס; בעוויזען דעם כעס האָט ער ניט געקענט, נאָר דעם „קונד" האָט ער שוין געקנס׳ט מיט אַ צווייער העלער אויף יעדער לאַטע, טראַכטענדיג ביי זיך:

— רעד ניט קיין נאַרישקייט!...

ויהי היום, אין מיטען זומער — עס איז נאָך געווען אַ שטיק צייט צו אַברהם׳ס „לאַטעס-סעזאָן", איז ער דורכגעגאַנגען דעם מאַרק און האָט דערזעהן אַ גרויסע קופּע שטיינער ליעגט סאַמע אין

מיטען מאַרק. איהם איז די זאַך קשה געװאָרען. װאָס זאָל עס בעדײַטען? און ער איז צוגעגאַנגען צו אַ קרעמער פרעגען: אויף װאָס דאַרף מען אַזױ פיעל שטײנער?

— אַזױ פיעל? האָט נאָכגעקרימט אידאָניש דער קרעמער — דאָס איז בײַ אײַך אויך אַ פּולע?! װאַרט נאָר, װעט איהר זעהען װי עס װעט זײַן צעהנמאָל אַזױ פיעל, הונדערט מאָל אַזױ פיעל.

— אָבער אויף װאָס דאַרף מען אַזױ פיעל שטײנער? האָט זיך אַברהם נאָך מעהר געװאונדערט.

— איהר זענט אַ היעגער צי ניט? האָט דער קרעמער געפּעסט, — איהר װײסט דען ניט, אַז מען װעט אין גיכען ברוקירען דאָס שטעדטיל, לכתּחלה דעם מאַרק, נאָכדעם די גאַסען.

— ברוקירען... ברוקירען?... װאָס הײסט ברוקירען? האָט אַברהם זיך אָנגעהויבען קראַצען אין פּאָטיליצע, װי ער װאָלט זיך װעלען דערמאָנען עפּעס אַ שרעקליכע זאַך.

— מען זאָגט טאַקי סטאַריי יאַק מאַליי! האָט דער קרעמער געשמײכעלט — װאָס פערשטעהט איהר דאָ ניט? מען װעט אויס־ברוקירען דאָס שטעדטיל מיט אָט די שטײנער אָט — עס זאָל מעהר קײן בלאָטע ניט זײַן.

מעהר קײן פּירושים האָט שױן אַברהם ניט געדאַרפט. די לעצטע װערטער: עס זאָל מעהר קײן בלאָטע ניט זײַן, האָבען איהם װי אַ דונער געטראָפען.

דאָך אין גאַנצען האָט ער דאָס ניט פערשטאַנען און געה־הענדיג צוריק אַהײם, װי אַ דערשלאָגענער, האָט ער צו זיך אַלײן גערעדט, מאַכענדיג מיט די הענד: װאָס הײסט עס זאָל מעהר קײן בלאָטע ניט זײַן? קען דאָס זײַן, דאָס שטעדטיל זאָל פּלוצים אויסגעטריקענט װערען?...

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, װאָס אײנער, אַ קונד זײַנער,

האָט איִהם אַ מאָל דערצעהלט, אַז עס זענען פֿאַרהאַן איִן דער וועלט „אַזעלכע גרויסע שטעדט, וואָס זענען געברוקירט און דאָרטען איִז שטענדיִג טרוקען״. — ער איִז צריינגעקומען איִן שטוב, ווי צומישט.

— אוים בלאָטע! האָט ער געברומט, — מען דאַרף שוין מיִך ניִשט!

זיין „אַלטע״ פּעשע האָט ניִשט פֿערשטאַנען, וואָס ער רעדט און האָט געמיינט, אַז ער איִז משוגע געוואָרען.

— וואָס שרייסטו? האָט זיִ זיִך געבייזערט — וועלכע בלאָטע? איִן מיִטען זומער ווילסטו בלאָטע, קאַרג איִז דיִר דער אָסיען.

— הערסט דאָך! דיִ גזלנים ווילען, אַז איִן אָסיען זאָל אויך קיין בלאָטע ניִט זיין, פֿערשטעהסט? זיי ווילען אונז זעצען צו דער עלטער אָהן ברויט.

— וועלכע גזלנים, וואָס פּלוידערסטו? האָט זיִך שוין פּעשע דערשראָקען אויף איין אמת.

אַברהם האָט אַליין ניִט געוואוסט ווער זענען דאָס דיִ גזלנים, נאָר זיין כּעס האָט איִן איִהם געברענט און ער האָט אויסגעלאָזט איילענדיג:

— „זיי״ געפעלט ניִשט דיִ בלאָטע! פֿערשטעהסט? גרויסע פּריצים זענען זיי! זיי גלייכען זיִך אויך צו דיִ גרויסע שטעדט און האָבען זיִך מישב געווען ברוקירען דיִ גאַסען, וואָס זאָגסטו צו זייערע יאָהרען?

— אַ קויל איִז מיִר געשעהן — האָט פּעשע פֿערבראָכען מיִט דיִ הענד — מיִר זענען דאָך אונגליִקליִך. פֿון וואַנען וועלען מיִר איִצט לעבען?

— געה פֿרעג דיִך ביי זיי! האָט ער גיִפטיִג געענטפֿערט. זיי אַרט דען עפּיס פֿאַר אונז? דו מיינסט! אַז גאַנץ שטעדטיִל טראָגט מיִר פֿון נאָך סכּות אָן אַרבייט פֿאַר רחמנות אויף מיִר?

אַז זיי וועלען קענען אויסקומען אָהן מיר וועלען „זיי" אודאי זיין צופריעדען, די גזלנים!

— און דו רעכענסט, אַז מען וועט שוין גאָרניט רייסען די שיך? — האָט פּעשע געפרעגט מיט אַ טאָן, אין וועלכען עס איז נאָך געלעגען אַ שיקעל האָפנונג.

— בהמה! רייסען וועט מען רייסען. אויף ברוק רייסט זיך אויך, אָבער ניט אַזוי ווי פריהער, אויף שטיין טרעט זיך אָב נאָר די פּאָדעשווע אַליין און אין בלאָטע אָבער ווערט צעפוילט דער לעדער און דאָס איז ביי מיר דער עיקר...

* * *

אַלע טאָג פלעגט אַברהם אַרויסגעהן אויפ'ן מאַרק זעהן וואָס הערט זיך עפּעס מכח דעם ברוק, און גלייך מיט דער קופּע שטיינער, פלעגט וואַקסען זיין וואונד אין האַרץ, און ער איז אומגעגאַנגען ווי אַ קראַנקער.

דאָך האָט ער געהאָפט, אַז ניט אַזוי גיך וועט מען ברוקירען. והאָ ראיה, ער געדענקט, אַז צו דער באָד האָט מען אויך אַזוי אַמאָל אָנגעהויבען פיהרען שטיינער און ציגעל און אַלע טאָג דאַכט זיך, פלעגט מען אָנהויבען צו מויערען, פון דעסטוועגען האָט זיך עס געצויגען שענע עטליכע יאָהר. און ער פלעגט זיך טרייסטען, אַז דער ברוק וועט נאָך אויך געדויערען ביז זיין לעטצטען טאָג...

נאָר זיין האָפנונג איז געווען אומזיסט!

אין דעם זעלבען זומער, אין אַ שענעם פריה־מאָרגען דורכגעהענדיג דעם מאַרק, האָט ער דערזעהן אין מיטען

שטעהט אַ רעדיל מענשען. דאָס דאַרף האָט איהם ווי געזאָגט, דאָס איז ניט צו גוטען. ער האָט זיך דורכגעשטופּט דורכ'ן רעדיל אין הענד און פים האָבען איהם אָנגעהויבען צו טרייסלען: ער האָט דערזעהן קאַצאַפּעס שטעהען מיט גרויסע האַמערס אין די הענד און צוקלאַפּען די שטיינער, אַזש עס הילכט אין דער לופט. דער אַרומיגער עולם שטעהט און פרעהט זיך:

— איצט וועט זיין אַ לעבען! זאָגט איינער,

— שייך אַ לעבען! האַלט אונטער אַ צווייטער. אַ ווערטעלע צו זאָגען: פּטור ווערען פון דער בלאָטע!

איינער פון רעדיל, אַ שטעדטיל'שער לץ, האָט בעמערקט אברהם'ן שטעהענדיג און האָט אָנגעהויבען טרייבען שפּאַס מיט איהם:

— איהר זעהט ר' אברהם וואָס מען טהוט? איהר ווייסט, אַז אייך וועט עס זיין אַ היזק צו דער פּרנסה!

— אַ סמיכת הפּרשה! האָט זיך אברהם געמאַכט בלומר'שט ניט פערשטעהענדיג. וואָס געהערט דער ברוק צו מיין אַרבייט?

— עס האָט אַ גרויסע שייכות! האָט דער לץ נישט אויפגעהערט צו שפּאַסען: — אין דער טריקעניש וועלען זיך ביי אונז די שטיוועל אַזוי ניט רייסען און איהר וועט האָבען ווייניגער לאַטעס צו לעגען.

— וועט ער נעהען נייע! האָט זיך געפונען צווישען חברה נאָך אַ לץ.

— קיין נייע קען ער נעבּיך נישט, ווי קומט ער דערצו, דאָס איז אַ געבּוירענער לאַטוטניק.

— נישקשה, ער וועט זיך אויסלערנען! ער האָט אַ גרויסען שטערען.

אַלע האָבען געלאַכט.

דאָ האָט זיך שוין אַברהם ניט געקענט איינהאַלטען. מען האָט איהם אָנגעגריפען אין ביין אַריין און ער האָט זיין גאַל אַרויסגעגאָסען:

— לייַדאַקעס, וואָס מיינט איהר איַך? איהר וועט די וועלט איבערמאַכען?! אַזוי לאַנג קרענקט איהר, ווי לאַנג עס וועט נאָך זיין בלאָטע, איהר וועט נאָך אָנקומען צו מיר מיט אייַערע צעפוילטע שטיוועל פעריכטען, די הויט וועל איך פון איַך דאַמאָלס שינדען, די הויט!...

— הוררראַ! האָט עפּיס איינער אַ יונגאַץ אויסגעשריען, און דער צופריעדענער עולם פון ברוק האָט פרעהליך אונטערגעהאַלטען און דער ליץ האָט געשריגען העכער פאַר אַלעמען.

— ר׳ אַברהם! אוים בלאָטע! עס וועט ניט זיין מעהר קיין בלאָטע, אוים בלאָטע!... הוררראַ!

אין דעם קומענדען אָסיען איז דער ברוק נאָך ניט פערטיג געוואָרען, די בלאָטע איז געווען די זעלבע, נאָר אַברהם׳ן איז שוין ניט בעשערט געווען קלייבען נחת פון איהר און פערדיענען צעהנערליך: די לעצטע סצענע אויפ׳ן מאַרק האָט אויף איהם זעהר שלעכט געווירקט, ער איז נאָך דעם אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכען אַ קראַנקער, האָט זיך אַוועק געלעגט אין בעט און איז געשטאָרבען.

די וואָס זענען געווען ביי זיין יציאת נשמה, האָבען לאַכענדיג דערצעהלט, אַז זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען:

— גזלנים! אוים בלאָטע!...

אברהם רייזען.

דער פאַר אָבער אין אַ יאָהר נאָך זיין טויט איז דער ברוק פלעגט געוואָרען און פעשע, וועלכע האָט עס דערלעבט צו זעהן, פערטיג שטענדיג בעדויערען איהר אַלטען בזה הלשון:

— אַברהם, אַברהם! אז דו וואָלסט איצטער אויף געשטאַנען פון קבר, וואָלסט אַ קוק טהון וואָס פון דער בלאָטע איז געוואָרען, וואָלסטו נאָך אַ מאָל געשטאָרבען...

דער רייבער.

דער רייבער.

גרונם דער בארשטער ליעגט אין בעט, ווארפט זיך אום אויף ביידע זייטען, גלעט דעם שטערן, מאכט צו פעסט מיט די הענד די אויגען און עס העלפט ניט — ער קען ניט אנטשלאפען ווערען, ער האט א ווילדע שרעקעניש: פאר'ן שלאף האט ער עפים גאר ניט ווילענדיג א „רעכען" געטהון זיין פערמעגען און האלטענדיג נאך גאר אין מיטען רעכענונג, איז שוין אויסגעקומען קרוב צו פונפצעהן טויזענד רובעל... גאנץ גענוי ווי פיעל עס וואלט נאך דער חשבון אויסגעקומען, ווייס ער ניט, ווייל מעהר האט ער ניט געוואלט רעכענען, איהם האט זיך געדאכט, אז אויב ער וועט וויסען קלאר זיין אייגענס, וועלען זיך אלע אין שטעדטיל דערוויסען דערפון, און דאמאלס... א, דאמאלס איז ער אונגליקליך: מען וועט איהם נאכטהון, מען וועט שטעלען מאשינעס צו בארשטען וואל, ער וועט דאס ניט אויסהאלטען, ער וועט משוגע ווערען פאר הארצוועהטאג...

אברהם רייזען.

גרונם׳ן איז פון זיין טאטען געבליבען ירושה איין האלב־איינגעפאלענע נידעריגע שטוב, מיט א „פאבריק״. אין שטעדטיל האט מען אפילו ניט געוואוסט, אז זיי האבען די זכיה צו האבען ביי זיך א פאבריק, דען די פאבריק איז בעשטאנען פון א קליין — נידריגען אלטען געביי, וואס האט געהאט דאס אויסזעהן פון א שטעלכיל, און קיינער האט גאר ניט חושד געווען, אז אזא מין שטעלכיל קען הייסען „פאבריק״ און געבען שען פרנסה. וואס אינווענינ אין „פאבריק״ האט זיך געטהון, האט קיינער ניט געוואוסט, אדער דונקעל געוואוסט. פארבייגעהענדיג דאס שטעלכיל, פלעגט זיך הערען א מין גרילצען פון וואלצען. און מען האט זיך געשטויסען, אז דא מוז אינווענינ זיין עפים א מאשינע. אינווייניג האט גרונם קיינעם ניט א ריינגעלאזט. טאמער פלעגט זיך טרעפען א נייגיעריגער, וואס פלעגט פאר־בייגעהענדיג וועלען „האפען א קוק״, פלעגט גרונם, צי דאס וויב, צי די קינדער, לויט גרונם׳ס בעפעהל, מיט כעס אויסטרייבען:

— געהט אייך, דא איז ניטא וואס צו קוקען!

דאס גאנצע לעבען האט גרונם געלעבט אין איין שרעק, אין איין פלאטער׳ן: מען וועט זיך דערוויסען פון זיין פרנסה און מען וועט שטעלען מאשינעס אויף בארשטען וואל... דאס שטעדטיל איז אזוי געדריקט, יעדער זוכט געשעפט ווי מיט ליכט. נייע קראמען איז שוין ניטא וואו צו מאכען, די שענקען ליעגען שוין אין גויעשע הענד... די „וועלט״ איז אזוי געשלאגען! צו אזא געשעפט, ווי זיינס, וועט מען זיך צוחאפען ווי הונגעריגע הינד צו א ביין...

און ווען עס איז אנגעקומען דער הערבסט און ארום גרונם׳ס שטוב פלעגען זיך ארום שטעלען צעהנדליגע בויערשע פוהרען, וועלכע פלעגען קומען בארשטען זייער וואל, פלעגט ער דאמאלס

אומגעהן. ווי צומישט... אָ, ווען ער וואָלט געקענט שטעלען אַ הויכען פאַרקאַן פאַר זיין שטוב, אַז קיינער, קיינער זאָל ניט קענען צוקומען צו איהם, קיינער זאָל ניט זעהן זיין פדיון!...

אָדער וואָלטען די וואַלצען האָטש ניט אַזוי גערוישט, ניט אַזוי געגריזלצט!... וואָלטען די בויער'ן, ארוח אין זיי, ניט אַזוי געטומעלט!...

אָדער וואָלטען אַלע, וואָס געהען פאַרביי זיין שטוב, בלינד און טויב געוואָרען!...

אַז דער פדיון פלעגט אַביסעל שטילער ווערען, פלעגט ער זיך פיהלען גרינגער. ער פלעגט אַרויסגעהן אין גאַס, אין מאַרק. דעם קאָפּ פלעגט ער אַראָבלאָזען, און פלעגט זיך קלאָגען אויף שלעכטע צייטען.

— וואָס וועט דאָס זיין, יידען, וואָס קיין פרנסה איז ניטאָ? — פלעגט ער זיך ביטער קלאָגען פאַר אַלעמען אוים־שטעלענדיג פערצווייפעלט די אויגען און אַרויסלאָזענדיג גרויסע, שווערע זיפצען.

— ביי אייך אויך ניטאָ? — פלעגט איהם איין אַנדערער קאַלט אַ פרעג טהון.

גרונם'ן פלעגט פון אזא פראַגע זיך אָבריסען אין האַרצען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לאַכט מען פון איהם, און ער פלעגט זיך נאָך מעהר איינבויגען, פונאַנדער הוסטען זיך, ווי אַ נוטה לָמות'ער און נאָכדעם ענטפערען:

— ביי מיר אויך ניטאָ?... אַ שענע פראַגע! ווער איז נאָך אַזוי געדריקט, ווי איך? מיין פרנסה ווינש איך ניט דעם ערגסטען שונא, מען האָרעוועט טאָג און נאַכט מיט וויינ און קינדער, און קוים קוים, וואָס מען האָט דאָס שטיקעלע ברויט, מען געהט קריעה־ובלויה...

און ער פלעגט זיך אַזוי ביטער צוזיפצען, אַז יעדער פלעגט

איהם מיטפּיהלען, און מען פּלעגט איהם געריהרט טרייסטען:

— מילא, וואס זאל מען טהון, ר׳ גרונם, עס זענען היינט אלע געשעפטען געשלאגען, איהר זענט ניט איינער.

נאך אזא טרייסטען פּלעגט גרונם רוהיגער ווערען: מען גלויבט מיר, מען גלויבט מיר, פּלעגט א שטיין אראב פון זיין הארצען.

אין ניט גלויבען איהם איז טאקי אונמעגליך געווען: זיין קליינע דארע פיגור, די איינגעפאלענע באקען, די רויטליכע אויגען, זיין גאנצער הילוך, איבערהויפּט דאס היטעל, וואס האט אין מיטען געהאט א ריס, — דאס אלץ האט געטענה׳ט פאר איהם, אז ער איז איין אונגליקליכער, ארימער ייד...

און וואס א יאהר האט אלץ זיין פערמעגען מעהר גע־וואקסען און גלייך מיט׳ן פערמעגען האט אויפגעוואקסען זיין שרעק: טאמער וועט מען זיך אין שטעדטיל דערגעהן, און ער האט זיך בעמיהט איינצורעדען זיך אליין, אז ער איז ארים, אז אויף דער עלטער וועט איהם אויסקומען צו שטארבען אין פרעמדע תכריכים.

און דאס ווייב און קינדער זענען אומגעגאנגען אבגעריסען און אבגעשליסען, דאס גאנצע געזינד האט אויסגעזעהן ווי א חברה שלעפער מיט הונגעריגע מידע פנים׳ער.

— גרונם, אפשר נעהמען אויף שבת א פאר פונט פלייש — פלעגט דאס ווייב אמאל פארלעגען.

און גרונם פלעגט א פערציטערטער בלייבען:

— קוילען ווילסטו אונז, גזלנ׳טע, ווילסט מיך אויסגעבען, דאס שטעדטיל זאל זיך דערוויסען...

און דאס ווייב פלעגט בלייבען שטיל, זי האט איהם גע־געבען געהרגט און פלעגט אויף שבת נעהמען נאר א פונט פלייש, קוקענדיג אויף די קינדער, ווי זיי געהען אבגעשליסען, האט

איהם זיין פּאַטערליך האַרץ געבראָכען און וועה געטהון, ווי מען וואָלט עס מיט גלאָז געשניטען, נאָר מאַכען אַ בגד האָט ער פאָרט ניט געקענט ביי זיך פועל'ן:

— איך טאָר ניט! איך טאָר ניט! פלעגט ער זיך אַליין פערענטפערען.

אַז אַ קינד פלעגט זיך פאַר אַ יום־טוב צעוויינען, מען זאָל איהם עפּעס אויפנעהען, פלעגט ער טרויעריג ענטפערען.

— נאַרישע קינדער, דאַנקט גאָט, אַז איהר האָט ברויט, באַלד וועט קיין ברויט אויך ניט זיין, באַלד וועט אונז אויסקומען אָנטהון אַ טאָרבע און געהן איבער די הייזער...

אַ טויט שרעקעניש פלעגט אָנפאַלען אויף די קינדער. זיי פלעגען גלייך שטיל ווערען און מיט שרעק טראַכטען וועגען דער לייווענטער טאָרבע, וואָס זיי וועלען באַלד דאַרפען אָנטהון.

דערזעהענדיג די קינדער'ס שרעק, פלעגט גרונם גלייך רוהיג ווערען — ער איז זיכער מיט זיין אָרימקייט, אַפילו די אייגענע קינדער גלויבען איהם... און אויס דאַנקבאַרקייט פלעגט ער אונטערגעהן צום עלטער'ן זוהן, אַ קניפּ טהון איהם אין בעקיל און זאָגען:

— זיי ניט אומעטיג, מיין זוהן, אַראָבפאַלען ביי זיך טאָר מען ניט, דער אויבערשטער וועט נאָך רחמנות האָבען...

און די יאָהרען זענען געפלויגען, די מאַשינע אין שטעלכיל האָט ביי גרונם'ן שטאַרק געאַרבייט, זיין קאַפּיטאַל איז אַלץ גרעסער געוואָרען, און ער האָט נאָך אַלץ געציטערט: טאָמער וועט מען שטעלען נאָך מאַשינעס.

און ער האָט נאָך אַלץ געטראָגען דאָס זעלבע היטעל מיט דעם ריס אין מיטען...

דאָס געלד האָט ער קיינעם ניט פערליהען. ער האָט מורא געהאַט מען זאָל זיך ניט דערוויסען, און גאַנצע פעק מיט אַסיגנאַציעס זענען געלעגען אין אַ גרויסען קאַסטען אונטער'ן בעט.

ער האָט דאָס געלד אַפּילו צעהלען ניט געוואָלט, ער האָט אַליין ניט געוואָלט וויסען, וויפיעל געלד ער האָט, צו וואָס זאָל ער האָבען אומזיסטע שרעק?

ער האָט זיך אָבער איינמאָל ניט געקענט איינהאַלטען און האָט געפּרובט אַ רעכען טהון די פּעקליך אַסיגנאַציעס.

און וואָס מעהר ער האָט געצעהלט, איז זיין שרעק אַלץ מעהר געוואַקסען, ביז ער האָט אויפגעהערט צו צעהלען און ער האָט פערהאַקט די קאַסטען...

ער ליעגט אין בעט און קען ניט אַנטשלאָפען ווערען.

— וועה צו מיר — טראַכט ער מיט שרעק — אַזוי פיעל געלד... מען וועט זיך דערוויסען... צו וואָס האָב איך געדאַרפט צעהלען, אַ פינסטערע שעה אויף מיר געווען, מאָרגען וועט וויסען די גאַנצע שטאָדט, אַלע וועלען שטעלען מאַשינעס, מען וועט דען קוקען אויף מיר?

עס גיסט איהם אָב מיט אַ קאַלטען שווייס, און ער נעמט זיך אַליין צו בערוהיגען:

— קיינער האָט דאָך ניט געזעהן. איך וועל מאָרגען ערגעץ ניט געהן. וואָס דאַרף איך וועמען האָבען? איך בין קראַנק, וועל איך ליעגען אין בעט.

ער רייבט דעם שטערען, די הענד ציטערען איהם, דאָס האַרץ קלאַפּט.

— ניין! קראנק זיין טויג אויך ניט — קלערט ער ווייטער — מען קען נאך קומען מיך מבקר חולה זיין. און א קשיא אויף א מעשה — איך קען מיך אויסרעדען זיך... פונפצעהן טויז...

ער פערהאלט זיך דאס מויל מיט דער האנד.

— איך וועל מיך זיכער אויסרעדען, די צונג זאל מיר בעסער אבדארען...

נאר איהם דאכט זיך, אז די סומע פופצעהן טויזענד שפרינגט איהם פון מויל ארויס, און מארגען, ווי ער וועט נאר עפענען דאס מויל עפיס צו זאגען, וועט עס גלייך ארויסשפרינגען:..

א שוידער נעהמט איהם דורך. ער דערמאנט זיך, ווי עמיצער האט אמאל איהם געזאגט (ער געדענקט בשום אופן ניט: ווער), אז קיין סודות איז אויף דער וועלט ניטא...

— עט, ס'א ליגען — טרייסט ער זיך מיט שרעק — ביי א נאר איז קיין סוד ניטא... איך וועל ניש־קשה איינהאלטען. א מכה זיי... קיינער וועט ביי מיר ניט וויסען, קיינער ניט!... ווער האט דאס מיר געזאגט, אז קיין סודות זענען ניטא? ווער פארט? אודאי א שוטה!...

ער וויל זיך דערמאנען, נאר די געדאנקען טומלען זיך, און ער קאן ניט. און באלד גיט איהם אין קאפ ווי מיט א האמער א קלאפ:

— עוף השמים יוליך את הקול! דער פויגעל וועט אויס־זאגען... שלמה המלך האט דאך זיכער געוואוסט, שרעקט ער זיך.

— וואו זענען דא פייגליך, נארישקייט!... ער דערמאנט זיך, אז נעכטען איז א סאראקע געשטאנען אויפ'ן דאך פון שטעלכיל...

— משוגע בין איך, שפייט ער אויס... וועה איז מיר, איך קען טאקי משוגע ווערען.

די רעיונות זיינע פלאנטען זיך, אין מח קריכען אום עפעס ווי ווערים די ווערטער: שלמה המלך... די פויגעל... ניטא קיין

אברהם רייזען.

סודות... אַ סאַראָקע... אין די אויערען הערט ער אַ גריל־צען פֿון מאַשינעם: מען האָט אומעטום אין שטעדטיל מאַשינעם געשטעלט...

איהם הויבט זיך דער מח. ער קריכט אַראָב פֿון בעט און שטעלט זיך מיט שטאַרע אויגען אין מיטען שטוב. ער קוקט אויף דאָס קליין־לעמפּעלע, וואָס ברענט אַזוי דונקעל און טרויעריג אויפ'ן טיש, אויף וועלכע עס ליעגט אַ האַלבער לעביל שוואַרץ ברויט. ער בעטראַכט זיין גאַנצע שטוב, ווי ער וואָלט ערשט אַריין אין איהר...

און אָט שטעלט ער זיך ביי זיין ווייב'ס בעט! זי קרעכצט עפּיס אַזוי הערצרייסענדיג, אַזוי פערצווייפעלט — — איהרע דאַרע באַקען זענען ווי טויט, די דאַרע ברוסט הויבט זיך שווער — — — ער שטעלט זיך נעבען דעם צווייטען בעט, וואו די קינדערליך שלאָפען — — טויטע פּנים'ער אויסגעדאַרטע, איבערגעדעקט מיט אַלטע שמאַטעס.

— אַפילו קיין קאָלדרע אין שטוב ניטאָ! קרעכצט ער.

ער דערמאַנט זיך ווידער אָן דאָס געלד, וואָס ער האָט איבערגעצעהלט...

— ניין, ניין! קרעכצט ער, ס'איז אַ ליעגען, אַ ליעגען! איך האָב ניט קיין געלד. איך בין אַ ביטערער אביון, איין אונגליק־ליכער!... איך האָב גאָר נישט, גאָר נישט, גאָר נישט, איך האָב ניט וואָס מורא צו האָבען...

ער ווערט אַביסעל רוהיגער, ער קוקט אויף די שלאָפענדיגע ווייב און קינדער און רעדט זיכער אַרוים:

— איך האָב גאָר נישט, גאָר נישט; קיינער וועט קיין מאַשינעס ניט שטעלען!...

דער מילכיגער משאלענט.

דער מילכיגער טשאָלענט.

חשה איז אַמאָל געווען אַ שענע בעל־הבית'טע אין קלע־מענקע; קיין גביר'טע, אַפילו קיין נגידה איז זי קיינמאָל ניט געווען, נאָר קיין אָרימע אויך ניט; איהר מאַן חיים בערעס איז געווען אַ הענדלער פון כל התבואות: פון ווייץ, קאָרען, האָבער, גערש־טען, גריקע, באָב און אַרבעס און אַמאָל אויך פון טרוקענע יאַגדעס און שוועמליך; אין שטעדטיל פלעגט מען זאָגען: חיים בערעס וויל איינגעהמען די גאַנצע יועלט... צי פלעגט ער פערדינען צי ניט, האָט ער קיינמאָל ניט געוואוסט; אַז מען פלעגט איהם ווען פרעגען: „וואָס מאַכט איהר ר' חיים? ווי געהט עס אייך?" פלעגט ער נאָר ענטפערען: עט, אַ דאַנק גאָט — „עס רודלעט זיך". און דאָס „רודלען זיך" איז אַ גוטער סימן, אַז מען איז „תקיף אין מעמד".

און אָט דאַמאָלס בשעת עס האָט זיך גערודעלט איז חשה געווען „אַ שענע בעל־הבית'טע". דעם ערשטען חלק פלייש פלעגט אין יאַטקע בעקומען חשה; און אַז זי פלעגט אַמאָל קיין צייט ניט האָבען צו קומען דאָנערשטאָג אין יאַטקע פלעגט די קצב'טע איהר אַליין ברענגען אין שטוב אַריין, וואָס ניט יעדער בעל־הבית'טע איז דערצו זוכה, ווי די קצב'טע פלעגט אַליין זאָגען:

— מאָגט איהר מיר גלויבען, חשינקע, אַז חוץ פייגע־לאה'ן טראָג איך אין שטוב קיינעם ניט אַריין קיין פלייש, ניט דערלעבען וועט ביי מיר זעלדע ריבה'ס צי חייטשע וועלוועלס, איך זאָל זיי אין שטוב טראָגען.

און חשה׳ן פלעגט עס זעהר הנאה טהון, וואָס מעהר נישט ווי פײגע־לאה׳ן און איהר טראָגט מען אין שטוב אַרײן. אַ שפּאַס פײגע־לאה׳ן, די ערשטע גבירה׳טע אין שטעדטיל!

אויסער דעם איז חשה׳ן געווען צו דערקענען פאַר אַ „שענע בעל־הבית׳טע אין „צדקה״. „אַ שפּאַס איהר צדקה! פלעגען די שטעדטילשע שטענדיגע גבאי׳טעס זאָגען — די קלענסטע נדבה איז ביי איהר אַ קאָפּיקע! אַ גראָשען — חלילה! עט זי קײנמאָל ניט געבען. אין צדקה שטעהט זי שוין העכער פאַר דער גביר׳טע פײגע־לאה׳ן — יענע איז טאַקי אײן אָמת׳ע חזיר, אונזערע רעד זאָלען זיך ניט דערגעהן...

און אַזוי האָט זיך חשה געפיהרט איהר גאַנצען לעבען ביז וואַנען עס האָט זיך ביי איהר מאַן חיים בערעס „גערודעלט״.

אָבער „רודלען זיך״ קען אויך ניט אײביג.

ר׳ חיים האָט זיך פּלוצים צוגעשטעלט און „אָנגעזעטצט״...

נאָר ניט מײנט „אַז אין קלעמענקע זעטצט מען אָן ווי אין די גרויסע שטעדט: מען זאַמעלט צונויף אַ פּאָר הונדערט טויזענד רובעל, מען מעלדעט באַנקראָט, מען רוקט זיך אָב אַ פּאָר חדשים אין די מרחקים און נאָכהער קומט מען צוריק און מען ווערט נאָך רײכער? נײן, אין קלעמענקע אַז מען זעטצט אָן איז טאַקי אָנגעזעטצט, שטעלען זיך קען מען שוין קײנמאָל ניט...

אַז ר׳ חיים בערעס וואָלט מיט צעהן יאָהר צוריק מאַכען אַ חשבון וואָלט דאַמאָלס אויך דער „סך הכל״ ניט ווײזען בעסער ווי אין דער צײט, ווען ער האָט געמעלדעט באַנקראָט, נאָר דערויף האָט ער קײנמאָל קײן צײט ניט געהאַט און האָט שטענדיג געקלערט, עס רודעלט זיך זאָל זיך רודלען... אַי וואָס: שפּעטער, נאָכדעם — עס וועט דאָך מוזען פּלאַצען די זײפענבולבע! — עט!

און מיט דעם דאָזיגען „עט״ האָט ר׳ חיים „געצויגען נאָך צעהן יאָהר, און אַז דער „עט״ האָט אָבער אָנגעהויבען דערעסען

ווערען ר׳ חיים׳ס קאָפּ, וועלכער פּלעגט שטענדיג געהן ווי מען זאָגט „חאָראָם“ פון לייהען און צאָהלען, האָט ער אויך מיט דערביזעלבען „עט“ זיך מישב געווען אז: עט וואָס ווערט דערפון? מען מוז! פריהער, שפּעטער...

און אויף מאָרגען האָט קלעמענקע געקאָכט:

— וואָס זאָגט איהר? ר׳ חיים בערעס, אזא „תקיף אין מעמד“, אזא שנאַרפער הענדלער, אזא ספּעקוליאַנט האָט אָנגעזעטצט.

— איך האָב פריהער געוואוסט, אז אזוי וועט זיין.

— קען מען היינטיגע צייטען געבען געלד אויף פּראָצענט?

— די בעסטע זאַך—אין דער אייגענער קעשעניע.

און ביז וואַנען אין קלעמענקע האָט זיך ניט געטראָפען קיין אינטערעסאַנטערע נייעס, האָט דער עולם אַלץ געשמועסט וועגען חיים בערעס און דער געוועזענער שענער בעל־הבית׳טע חשה׳ן.

נאָר אין קלעמענקע מאַכען זיך אָפּט נייעסען; אין גיכען האָט זיך געטראָפען אַמחלוקת וועגען שוחטים: קלעמענקע האָט פערוואָלט אַדריטען שוחט, און אַדאַנק דעם דריטען שוחט, וועלכען מען האָט אַראָבגעבראַכט פון מינסק, איז ר׳ חיים בערעס „אָנזעטץ“ פערגעסען געוואָרען; נאָר דאָס הייסט ניט, אַז מען האָט אידם וויטער אָנגעהויבען „געטרויען“, ניין! אין קלעמענקע אַז מען זעטצט אָן איין מאָל איז שוין פערפאַלען! קיין בטוח וועט ער קיינמאָל ניט ווערען, אפילו די קצב׳טע וועט אַפונט פלייש ניט באָרגען איין „אָנזעטצער“. פערגעסען הייסט: מען האָט איהם אויפגעהערט צו געטרויען און אויפגעהערט צו רעדען וועגען איהם, און ר׳ חיים בערעס האָט זיך אָנגעהויבען צעהלען צווישען אַלע איבעריגע געפאַלענע בעל־בתים אין קלעמענקע.

אַוודאַי איז עס אַגרויסער „בראָך“ אַז די „ערשטע“ בעל־בתים ווערען די לעצטע, נאָר חיים האָט עס ניט אזוי שטאַרק

געפֿיהלט, דעם כבוד אין בית־המדרש האָט ער אַפֿילו ניט געהאַט ווי אַמאָל, אָבער דאָך „די שטאָט“ אין מזרח איז געבליבען דיזעלבע, ניט ווייט פֿון רב, און אַ „מזרח וואַנד“ יידען און דעם רב׳ס אַ שכן וועט דער גבאַי, ווי ער זאָל ניט זיין קיין גראָבער יונג, ווי ער זאָל זיך ניט וועלען רייצען מיט אַ געוועזענעם שענעם בעל־הבית, וועט ער דאָך קיין העזה ניט האָבען אויפֿרופֿען רביעי, צי, זאָל דער איבערשטער אויסהיטען — איינם פֿאַר אַחרון. דעם זעלביגען שלישי פֿלעגט ר׳ חיים איצטער אויך האָבען, אמת, ניט אַזוי אָפֿט ווי אַמאָל!

פֿיהלען האָט שטאַרק געפֿיהלט איהר בראָך חשה. זי, חשה, די ערשטע בעל־הבית׳טע אין צדקה, אין יאַטקע, אין גאַס, איז נעביך אַזוי געפֿאַלען געוואָרען, אַז זי פֿלעגט שטילערהייט וויינען.

און פֿאַר וואָס זאָל זי ניט וויינען?

אַמאָל, אַז די צוויי שטאָדט גבאַי׳טעס, ביילע־גיטע מיט חנה־לאה׳ן, פֿלעגען געהן איבער דער שטאָדט, פֿלעגט מען צום ערשטען אַריין צו איהר, און זי פֿלעגט זיי ערשטענס בעטען זיצען מיט אַ ברייטען מויל, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ געהויבענער בעל־הבית׳טע; צווייטענס פֿלעגט זי מיט נאָך אַ ברייטערען מויל פֿרעגען: אויף וועמען געהט מען דאָס? און אַז די גבאַי׳טעס פֿלעגען זי אָברופֿען אין אַ ווינקעל און איינרוימען איהר אין אויער: „פֿאַר יענקיל דעם מלמד; וואָס ווייסט איהר: זיי זיטצען שוין אַלטטאָג אָהן ברויט“ פֿלעגט זי דאַמלאָס ווי אַ ציטער טהון, מען זאָל זעהן וואָס פֿאַר אַ גוט האַרץ זי האָט און אַלץ מיט ברייטקייט. צוגעהן צום קאַמאָד און אַרויסנעהמען אַ גאַנצען פֿינפֿקאָפּעקענעם, און די ווייבער פֿלעגען בלייבען ווי פֿערשטאַרט און איינע פֿלעגט זיך אָנרופֿען:

— מסתמא, אַז איך האָב געזאָגט מען זאָל אַריינגעהן פֿריהער צו חשה׳ן, האָב איך געוואוסט וואָס איך רעד.

און דערנאָך פֿלעגט זי אָנהויבען ווינשעווען:

— דער אויבערשטער זאל העלפען. א. ז. וו. א. ז. וו.

פון דאס אלץ פלעגט חשה וואקסען פאר נחת און גדולה. היינט — אוים כבוד. אז זי דערזעהט דורכ'ן פענסטער די גבאי'טעס בעהאלט זי זיך און הייסט די קינדער זיי זאלען זאגען: „ניטא די מאמען אין דער היים"... און אפטמאל איז איהר פערשפארט צו בעהאלטען זיך: די גבאי'טעס ווייכען אוים אין גאנצען איהר הויז; צו חשה'ן דער אמאליגער ערשטער בעל-הבית'טע אין קלעמענקע געהט מען ניט אריין נאך א נדבה! און ביי אזעלכע פעלע וויינט זי ווי יום כפור צו נעילה...

נאר נאך מעהר ווערט פערגאסען איהר בלוט ווי וואסער, ווי זי דריקט זיך אליין אוים, אין יאטקע. חאטש זי נעהמט שטענדיג פאר מזומנים, וויל בארגען, ווייסט זי וועט מען איהר שוין ניט, נאר דאס „צונעהמען זי" איז ניט וואס אמאל, דער חלק איז גאר איין אנדערער, שוין לאנג אז מען האט איהר קיין שטיקעל „ריפ" ניט דערלעגט, קיין פעטען ביין, פון וועלכען דער טשאלענט איז אזוי געראטען, נאר עס געהט ניט אין דעם ביין: חשה איז אפילו אין די גוטע יאהרען קיין „פרעסערין" ניט געווען, די געפאלענקייט — אט וואס איהר פערדריסט, אט אויף וואס זי וויינט!..

פון ברענגען אהיים דעם חלק פלייש רעדט מען שוין ניט! אז חשה זאל איצט אפילו צעהן דאנערשטאגען ניט קומען אין יאטקע וועט איהר די קצב'טע אין שטוב ניט אריינטראגען. חאטש אין די „גוטע צייטען" האט די קצב'טע אויך פון איהר ניט געלעבט, ניט גליקליך געווארען, נאר דאמאלס איז עפים אנדערש געווען, דאמאלט איז אין שטעדטיל חשה געווען א גאנצע סדרה, אבער איצטער פאר וואס קומט איהר טראגען נאך אהיים דעם חלק פלייש?

און עס האט זיך טאקע געטראפען, אז חשה האט זיך איין מאל איינגעשפארט און ניט געוואלט געהן אין יאטקע, וואו איהר בלוט ווערט פערגאסען...

אברהם רייזען.

– פון וואס=זשע וועסטו מאכען שבת? האט איהר חיים געפרעגט.

– און פון פונט פלייש וואס איך וויל נעהמען, מיינסטו, קען מען מאכען שבת? האט חשה זיך געקלאגט, אלץ איין שווארץ יאהר! עס וועט זיין רעכט א מילכיגער שבת!

חיים'ען האט אפילו דער פלאן ניט געשמעקט, נאר וואס זאל מען טהון, אז עס זענען פארט אויסגעגאנגען אמאליגע יאהרען און ניט ווילענדיג האט ער געזאגט:

– מילא זאל זיין א מילכיגער שבת! וועסט ביי מיר אלץ פועל'ן! עס איז אפילו ניט אזוי שען!

– קיינער וועט אונז ניט קוקען אין טאפ, האט חשה איהם געטרייסט.

דער מילכיגער טשאלענט, וואס חשה האט דעם ערשטען מאל אין לעבען געשטעלט. די קארטאפעל מיט פוטער זענען גע=זוען איינגעפרעגעלט, און דער ריח האט זיך געהערט שבת ביי'ם טיש ווי פון די בעסטע געבראטענס.

– גאנץ גוט! האט חיים געלויבט.

– דער זכות פון שבת! האט חשה דערקלערט.

און חשה, די ניט לאנג געוועזענע שענע בעל=הבית'טע, וואס איהרע טשאלענטען האבען געהאט א שם אין גאס, איז געוועזען צו=פריעדען פון דעם ערשטען מילכיגען טשאלענט! איהר וואונדערט זיך? נאר גלויבט מיר, אז עס איז אזוי! איהר דארפט וויסען, אז בשעת חשה פלעגט אין די גוטע יאהרען מאכען גוטע טשאלענ=טען מיט אפולע פלייש, מיט א פעטען קוגעל איז דאס געוועזען ניט דערפאר, ווייל זי איז א פרעסער'ן געוועזען, חלילה! די ליטווישע ווייבער האלטען וועניג פון דער אכילה. דעמאלט איז דאס אויך געוועזען לכבוד שבת, אבער אז דערזעלבער טעם האט דער מילכי=גער טשאלענט, די קארטאפעל מיט פוטער, וואס קאסטען אזוי ביליג

און צוליעב וואס זי דארף ניט געהן שווארצען די אויגען אין יאטקע, וואו אמאל פלעגט זי נעהמען דעם בעסטען „חלק פליישׁ" און היינט קען זי מעהר ניט נעהמען ווי איין פונט, - היינט פאר וואס זאל זי ניט זיין צופרידען און דאנקען גאט?!

און אזוי האט חשה א גאנצען האלב יאהר געמאכט מילכיגע שבתים, און די קינדער און אפילו חיים אליין פלעגען זיך ניט קענען אבלויבען מיט דעם זיסען טעם פון דעם מילכיגען טשאלענט. נאר איין מאל האט זיך מיט'ן טשאלענט געטראפען א גרויס אונגליק, און חשה האט זיך פערשאלטען איהר לעבען.

ביי חשה'ן אליין איז קאליע געווארען דער אויווען, ער האט געדארפט האבען א קליינעם רעמאנט, וועלכער האט געדארפט קאס- טען ניט מעהר ווי פינף גילדען; פערשטעהט זיך, אין די גוטע יאהרען, ד. ה. בשעת עס האט זיך „גערודעלט", וואלט חשה גלייך רופען א „מוליער" און וואלט עס פעררינכט, אבער איצטער, אז עס איז זעלטען פארהאן א גראשען אין שטוב, קען מען זיך זומערצייט בעגעהן אהן איין אויווען: ווארימעס קאכט מען אויף אויפ'ן פריפעטשיק און טשאלענט „רוקט מען" ביי א שכנה.

צייט ביי חשה'ן איז קאליע געווארען דער אויווען „פעררוקט זי איהר טשאלענט ביי עטיל לייזער'ס, אויך אפילו ניט קיין נגידת'טע, נאר אנ' אויווען האט זי גראד א גוטען, אלע שכנים פרעגלען ביי איהר אויף יום טוב „יאדערליך" און נאך אזעלכע מיני יום-טוב'דיגע כבודים, וואס ניט יעדער אויווען טויג דערויף, די גאסיגע ווייבער קענען זיך פון דעם אויווען ניט אבלויבען: ערשטענס איז ער די גרויס ווי א „פעלד", און צווייטענס האלט ער „היטץ". וועגען עטיל'ס אויווען דערצעהלט מען זיך אן אין גאס חדושים: איין מאל בשעת עס איז געווען דער גרויסער עכוב- הקריאה און מען האט זיך אין בית-המדרש געשלאגען ביז פאר נאכט, אז ווארימעס האט מען געגעסען, בשעת מען האט

געדארפט עסען שלש-סעודות, און ביי אלעמען איז פון די טשא=
לענטען „אש״ געווארען, ד. ה. קאלט ווי אייז, און יעדע פרוי האט
געשאלטען דעם גבאי פון בית=המדרש, אז פון איהם זאל ווערען
וואס עס איז געווארען פון „טשאלענט״, אפילו דאמאלס, איהר
פערשטעהט, אין אזא עת=צרה, זענען די טשאלענטען, וואס זענען
געשטאנען ביי עטלען אין אויווען, געוועזען הייס ווי פייער און פון
עטיל׳ס טשאלענטען וועגען האט מען זיך נאך געקענט שלאגען אין
בית=מדרש ביז נאך מעריב, וואלט אויך קיין בייז ניט געוועזען.
נאך א מעשה דערצעהלט מען וועגען עטיל׳ס אויווען, אז איין
מאל האט דער אויווען געהאלטען אזא היטץ, אז איין שכנה׳ס
א טשאלענט האט „געקאכט״, ביים ארויסנעהמען, איהר פער=
שטעהט, אום שבת „געקאכט״, די שכנה איז געוועזען אויסער זיך פון
שמחה, דער טשאלענט איז אזוי געראטען, נאר די שמחה האט
איהר געקאסט געניג געזונד: נאך א שכנה איז דערביי געשטאנען
און זעהענדיג ווי דער טשאלענט קאכט אזוי, האט זי א פאטש גע=
טהון מיט די הענד און האט א געשריי געטהון:

— א קויל איז מיר! איהר האט א „שאלה״.

— ווי הייסט? איז יענע געבליבען א טויטע.

— וואס, איהר מאכט זיך צום נאר? אדער איהר זענט א גויה?
איהר זעהט ניט אז אייער טשאלענט „קאכט״ אזוי ווי מען וואלט
איהם ערשט היינט פעררוקט. לויפט גיכער צום רב און פרעגט.

נאך א פאר שכנות, וועלכע זענען אויך געקומען נאך זייערע
טשאלענטען האבען פאדטאקעוועט און דערצעהלט א מעשה, ווי אזוי
ביי חייענע שרה׳ס איז אזוי אמאל טרייף געווארען א טשאלענט:
ער האט זעהר געקאכט.

די שכנה, צו וועלכער דער טשאלענט האט געהערט, איז
געבליך ניט טויט ניט לעבעדיג אוועקגעלאפען צום רב: נאר א דאנק
דעם רב׳ס ליעבשאפט צום שבת, האט ער זיך געסאטערט ווי

ווײַט מעגליך איז כשר מאַכען, און גראַבלענדיג זיך אַ היבשע צײַט אין „שאלות ותשובות" האָט ער דעם טשאָלענט כשר געמאַכט.

אָט בײַ דער עטלען האָט חשה די לעצטע צײַט איהרע מילכיגע טשאָלענטען גערוקט, און אויך דאָ האָט איהר דאָס גרויס אומגליק געטראָפען און זי האָט אַ פערשטערטען שבת געהאַט; איהר שטיקעל שטאָלץ, וואָס איז נאָך געבליבען פון די פאָריגע גוטע יאָהרען איז אין גאַנצען פערבראָכען געוואָרען, און זי, חשה די ערשטע בעל-הבית'טע אין גאַס, איז אַזוי געפאַלען, אַז אפילו פריידע-שלמה'ס די אָרימסטע פרוי אין גאַס, האָט איהר בעדויערט.

— אָט וואָס פון אַ מענשען ווערט! אַ מוסר אַראָבצונעהמען, ס'טײַטש! חשה זאָל פערשטערען אַזוי שבת און אָבקומען מיט מילכיגע קאַרטאָפלעס אין טשאָלענט.

דערגאַנגען זיך איז מען אַזוי: ערשטענס זענען בכלל בײַ ווײַבער קיין סודות ניטאָ, ווי מען זאָל זיך ניט בעהאַלטען מיט דער אָרימקײַט ווײַס יעדע שכנה וואָס די אַנדערע קאָכט, נאָר חשה וואָלט פון דעסטוועגען נאָך קענען בעהאַלטען איהר אָרימקײַט אויף אַ קורצע צײַט, ווען ניט די סבה וואָס איהר האָט זיך געטראָפען. אײַנע אַ יינגע ווײַבעל, וועלכע איז ערשט אַראָב פון קעסט און וועלכע איז נאָך ניט געווען געניט אין עטיל'ס אויווען און אין אַלע טשאָלענט טעפ, וואָס זענען דאָרטען געשטאַנען, האָט פערביטען איהר טשאָלענט אויף חשה'ס. בכלל זענען אַלע טשאָלענט טעפ עהנליך איינער צום אַנדערען, גלײַך פערשמאָלצען, און מבדיל זײַן אין אײַן אויווען פון אַ טאָפ צו אַ טאָפ דאַרף מען זײַן אַ גרויסע בריה. און די יונגע ווײַביל, וועלכע איז נאָך ניט געווען קלאָר אין די טעפ, האָט אַרויסגענומען חשה'ס טשאָלענט און אַוועק־געטראָגען. אין דער היים האָט זי אויפגעהויבען דאָס דעקיל און געוואָלט זעהן צי עס איז געראָטען, צי ליגט דער קוגעל אין גאַנצען צי זענען ווײַך געוואָרען די בײנער און נאָך אַזעלכע

בעטראַכטונגען. נאָר שטעלט זיך פאָר איהר וואונדער, אַז אַנשטאָט וואָס זי האָט פערקאָכט רעטשקענע קאַשע, האָט זי דערזעהן קאַרטאָפעל, אַנשטאָט אַ קוגעל האָט זי גאָר נישט געפונען, דאָס גלייכען אַנשטאָט בייגער און אַ פּאָר לאָקשען פליישׁ,

און אַ האַלבע שעה אַרום האָט שוין די גאַנצע גאַס געקאָכט פון דעם נייעם.

ביי חשה׳ן איז געוועזען אַ פערשטערטער שבת. זי האָט זיך לכתחלה געוואָלט אָבלייקענען פון טשאָלענט, נאָר דערמיט האָט זי נאָך ערגער געמאַכט — די ווייבער פון גאַס האָבען זי געטרייסט אַז עס טרעפט אַזוינע אונגליקען, מען פערשטעהט אַז זי, חשה, האָט ניט געמאַנט צונעהמען דעם פליישיגען און לאָזען דעם מילכיגען, ווייל אַלע ווייסען, אַז זי איז אַ טייערע יידענע און מען געדענקט נאָך די אַמאָליגע צדקה איהרע, די אַמאָליגע שבתים, נאָר, די אַלע נחמות האָבען נאָך איהר מעהר געשניטען דאָס האַרץ. און זי האָט ביטער געוויינט.

— דו ביזט עס ווערט! האָט זי חיים געשטראָפט אַנשטאָט טרייסטען — מיט אָרימקייט דאַרף מען זיך ניט שעמען. וואָרום וואָס מען שעמט זיך מעהר איז אַלץ קענטיגער די אָרימקייט, וואָלסטו מאַכען שבת ווי אַלע ווייבער מיט אַ שטיקעל פליישׁ, ניט שעמען זיך געהן אין יאַטקע, וואָלסטו ניט האָבען אַזאַ פערשטערטען שבת.

חשה האָט ניט געענטפערט, זי האָט נאָר שטיל געוויינט, נאָר ניט סתם געוויינט, נאָר ביי׳ם „טייטש־חומש״ ס׳איז גראָד געווען שבת חזון.

גוט נאָך וואָס איך האָב אין די גוטע יאָהרען געקויפט אַ טייטש־חומש! דאַנקט זי גאָט און נעהמט זיך געשמאַק צו לייענען און נאָך געשמאַקער צו וויינען!

די קאפּיקע חנוכּה־געלד.

די קאפּיקע חנוכה געלד.

עס איז געווען די ערשטע נאכט פון חנוכה. אין קליינעם שטיבעל איז געווען, א דאנק דעם ערשט אויסגעהייצטען אויווען — זעהר ווארים, דאך די פענסטער זענען געווען שטארק אנגעפרוירען. דער טאטע האט אויף זיי געקוקט, געקוקט, זיך געוואונדערט און אלץ געדערט:

— אין שטוב איז אזוי ווארעם, דער אויווען ברענט און די פענסטער ווילען ניט אבגעהן, איך וואלט וועלען וויסען דעם שכל דערפון.

מיין טאטע איז געווען א ייד, וואס האט פון אלץ געוואלט וויסען דעם שכל, אז איך פלעג אמאל זומער געהן אין וואלד און ער פלעגט זיך דערוויסען, פלעגט ער נאכדעם, ווי ער פלעגט מיך גוט אויספאטשען און דער כעס פלעגט איהם אבגעהן, מיך פרעגען שוין רוהיג:

אברהם רייזען.

— נו, זאָג מיר דעם שכל, וואָס דו ליעגסט גאַנצע טעג אין וואַלד — איך וואָלט נאָר וועלען וויסען דעם שכל.

היינט גענע ערקלער מיין טאַטען דעם שכל, וואָס עס ציהט מיך צו די גרינגע, הויכע, שלאַנקע סאָסנעס, צו די פייגעלעך, וואָס איך זעה זיי ניט, נאָר הער זייער זינגען פון צווישען די גע־דיכטע צווייגען; צו די טיעפע גרינע טאָלען, וואָס געפינען זיך אַרום!

און אַזוי ווי איך האָב איהם קיינמאָל ניט געקאָנט ערקלערען דעם שכל פון „אין וואַלד געהן", האָט איהם אויך אין שטוב קיינער ניט געקאָנט ערקלערען דעם שכל, פאַר וואָס די פענסטער זענען אַזוי איינגעשפאַרט און מאַכען זיך כּאִלו לא יָדְעוּ פון דעם אָנגע־ברענטען אויווען.

— היינט איז דער פראָסט אוודאי 20 גראַד! האָט דער טאַטע זיך אַליין געפרובט ערקלערען דעם שכל און האָט זיך בערוהיגט.

ער האָט זיך געשטעלט ביי'ם אויווען און געוואַרעמט. די וואַרעמקייט האָט איהם זעהר גוט אויפגעלעגט. אָנשטאָט צו רעדען מיט אַ בעפעהלענדען טאָן, ווי שטענדיג (האָטש איך ווייס ניט, וואָס איז מיט איהם געווען דער יחוס!), האָט ער זיך צו מיר גע־ווענדעט מיט עלטער ווייכקייט.

— דערלאַנג מיר, חיים'על, דעם פעקעל „באַקון" מיט די פאַפּיראָס־פּאַפּיער, און אויב דו קענסט — האָט ער נאָך ווייכער צו־געגעבען — טאָ דרעה מיר אויף אַ פּאַפּיראָס, מיר איז אַ שאָד אַוועק־צוגעהן פון אויווען...

— איך קען! איך קען! האָב איך, ענטציקט פון אַזאַ שליחות צו דרעהען אַ פּאַפּיראָס פון טאַטענס באַקון, אויסגעשריען און האָב אַ שפרונג געטהון אויפ'ן טאַבורעטיק כּדי צו דערלאַנגען דעם פעקעל באַקון, וואָס האָט געהאַלטען שטענדיג סטאַנציע אויפ'ן הויכען אַלמער...

איך האָב זיך גענומען אויפדרעהען דעם פּאַפּיראָס און דרעה־ענדיג האָב איך מיט אַ הניפה'דיגען טאָן געפרעגט אַ שאלה.

— גראָב, צי דין?

דער טאַטע האָט געפּסקי'נט: גראָב! איך האָב קיין טיטון ניט געשפּאָרט און האָב אויפגעדרעהט אַ פּאַפּיראָס די גרויס ווי אַ ציגאַר און האָב דערלאַנגט, ער האָט איהם מיט מבינות בעטראַכט און האָט געלויבט:

— ביזט אַ חוואַט!

איך אויפגעלעגט איז געווען די מאַמע מיט דער עלטערער שוועסטער. (די קלענעגע קינדער'ס שטימונג איז מיר ניט אָנגע־גאַנגען—איבער זיי האָב איך געמושל'ט..) און איך בין אַליין אויך געוואָרען שטאַרק פרעהליך.

אין קאָפּ איז מיר דורכגעפלויגען אַ דרייסטער רעיון. אפשר זאָל איך טאַקי שוין, די ערשטע נאַכט פון חנוכה, ניט אָבלעגענדיג אויף מאָרגען, בעטען חנוכה געלד.

פאַר יאָהרען, האָב איך געדענקט, האָב איך פון טאַטען גאָר נישט בעקומען. אַ גאַנץ חנוכה איז ער בייז געווען און איך האָב מורא געהאַט דאָס מויל צו עפענען. ער האָט טאַקי געהאַט אַ שלעכטען „אָסיען״—גאָר נישט פערדינט. היי יאָהר האָט ער אפילו קיין בעסערן ניט געהאַט, לויט איך האָב אָפּט געהערט רעדענדיג אין שטוב. נאָר וואָס געהט עס מיך אָן? ווי באַלד ער איז ניט אין כעס קאָן איך חאַפּען אַ קאָפּיקע.

אויף אַ גרעסערע חנוכה־געלד האָב איך קיין השגה ניט געהאַט.

איך האָב זיך אָנגעהויבען מכין צו זיין.

— טאַטע... האָב איך אַ רוף געטהון און זיך פערהאַקט.

— וואָס איז?... האָט ער מיך געפרעגט, שטעהענדיג ביי'ן אויווען און וואַרפענדיג פון מויל גרויסע שטיקער רויך ווי פון

אַ לאָקאָמאָטיף, אַזוי אַז איך האָב מיר פּלוצים דערמאַנט אָן אײַזענבאַהן, װעלכען איך פלעג זומער אין פרײַער צײַט געהן אָנקוקען.

— גאָר נישט! האָב איך געענטפערט, ניט װאַגענדיג זיך אויסצורעדען מײַן פערלאַנג.

— װאָס הײסט גאָר ניט? האָט דער טאַטע געדריקט מיט די פלײטשעס, ניט פערשטעהענדיג דעם שכל פון מײַן װענדען זיך צו איהם. דו רופסט „טאַטע" — און אַז איך פרעג דיך „װאָס?" ענטפערסטו: גאָר נישט... הײַנט װאָס־זשע רופסטו?

אויסהערענדיג אַזאַ לאַנגען און װײַכען מאָנאָלאָג, האָב איך בעקומען מוט און האָב שוין אַרויסגעשאָסען:

— שענק מיר... גיעב מיר חנוכה געלד...

— אַזוי איז די מעשה. הײסט עס — האָט דער טאַטע געלאַכט (און מיר האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבען קלאַפּען, דען מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט אָט דערזעה איך שוין די קאָפּיקע) — װילסט חנוכה געלד! ניט קײן עולה! װאו־זשע זאָל איך אָבער נעהמען?

— אײן קאָפּיקע נאָר... האָב איך שװאַך און פערשעמט אַרויסגערעדט.

— סאַראַ מין גביר דו ביזט! האָט דער טאַטע אָנ־געשטעלט אַנ'ערנסטען טאָן — „אײן קאָפּיקע נאָר!" װאו נעהמט מען הײַנטיגע צײַטען אײן קאָפּיקע? הײַנטיגע צײַטען אַ קאָפּיקע... אָהאָ־האָ!

און דער טאַטע האָט זיך צו לאָזט ערקלערען מיר װאָס בעדײַט הײַנטיגע צײַטען אַ קאָפּיקע, װאָס פאַר אַ גוטע זאַכען מען קאָן קריעגען אויב מען האָט זי און װאָס פאַר אַ צרות מען קאָן האָבען אויב מען האָט זי ניט, אָבער ער האָט עס ערקלערט ניט װי אַ „טאַטע", נאָר עפּעס װי אַ חבר

און דערנאָך האָב איך זיך ווידער געוואַגט און שוין גאָר דרייסט געענטפערט:

— עט... אַ קאָפּיקע! וואָס איז אַ קאָפּיקע? אַ קאָפּיקע איז גאָר נישט! אָט, אַ רובל דאָס איז טאַקי פיעל, אָבער אַ קאָפּיקע...

— היינט וואָס־זשע דאַרפסטו זי, אַז זי איז גאָר נישט?... האָט דער טאַטע געפרעגט אַ קשיא און איך האָב געזעהן, ווי ער רוקט די האַנד אין קעשענע.

זאָגען אויף וואָס איך דאַרף, האָב איך מורא געהאַט, ווארום געדאַרפט האָב איך זי אויף אַזאַ זאַך, וואָס ביי'ן טאַטען וואָלט דאָס געווען סכּנות נפשות. ערב חנוכּה האָט מיר אַ חבר'ל אויסגעלערנט שפּיעלען אין זעקס און זעכציג און מאָרגען האָט אויבען אויף דער ווייבערשער שול אַ גאַנצע חברה געזאָלט שפּיעלען אין געלד...

נאָר פון אַ ענטפער האָט מיך די מאַמע (אוי, מיין גוטע מאַמע!) שוין אויסגעלעזט.

— וואָס מוטשעסטו איהם אַזוי פיעל! האָט זי זיך געבייזערט, אָבער אויך גוטמוטיג — האָסטו אַ קאָפּיקע טאָ גיעב איהם!

אַזוי ווי די מאַמע האָט געראַשטשעט לאַטקעס, וואָס זי האָט באַלד געדאַרפט אָנהויבען באַקען, און אַזוי ווי דער טאַטע האָט לאַטקעס זעהר ליעב געהאַט (און ווער האָט עס פיינד לאַטקעס?) האָט ער שוין מעהר ניט געפרעגט און אַרויסנעהמענדיג די האַנד פון קעשענע האָט ער געזאָגט:

— נאַ!

— דאָס איז געווען אַ נייע קאָפּיקע, זי האָט געגלאַנצט. מיין שמחה דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען — דאָס וועט איהר אַליין פערשטעהן...

אויף מאָרגען נאָך מיטאָג האָב איך זיך געזעצט שפּיעלען

אויבען אין ווייבערשער שול אין זעקס און זעכציג, צוויי שעה האב איך זיך מיט דער קאפיקע אומגעדרעהט, ביז איך האב זי פערלארען ביי לייבעל מזיק.

מיין צער און מורא דארף איך אייך אויך ניט דערצעהלען, דאס וועט איהר שוין אליין פערשטעהן...

די נייע לאמע.

די נייע לאַטע.

יענקעלע איז אַ יונגעלע פון זיבען יאָהר, נאָר זעהן זעהט ער אויס ווי צעהן יאָהר. אָבער דערין איז ניט ער נעבּיך שולדיג, נאָר די איבּערגענעהטע קאַפּאָטקעלע זיינע. זי עלטערט איהם פאַר דער צייט, זי איז אויף איהם זעהר ברייט און לאַנג. בשעת מען האָט זי איבּערגענעהט פאַר איהם, האָט די מאַמע בדעה געהאַט, אַז עס זאָל קלעקען אויף עטליכע יאָהר, ווייל דאָס קינד האַלט אין וואקסען. אויך דאָס היטעלע זיינס איז אַנ' אַלט'ס און אַ גרויס'ס, — פון טאַטענס קאָפּ, — און ער זעהט אין זיי אויס עלטער אויף שטאַרקע דריי יאָהר, און דער טאַטע זיינער, ווען ער איז אין גוטען הומאָר, רופט איהם „בעל הבית'עלע"... און יענקעלע איז צופריעדען.

ניט אַזוי איז אָבער מיט יאַנקעלע'ס הייזעלעך. זיי זענען געווען זעהר קורץ, די לעצטע צייט זענען די „קאַלאָש'עס" פון זיי צעפליקט געוואָרען און ביי יענקעלען האָבען זיך נעבּיך די הוילע קניה אַרויסגעזעהן און די מאַמע האָט דורכ'ן ווינטער ניט איינמאָל דערמאָהנט איהר חייקלען:

— וואָס וועט זײַן, חײַקעל, מיט אַ פּאָר הויזעלעך פאַר יעַנקעלען? — זײַ זענען דאָך שוין צעבּרעקעלט געוואָרען.

און חײַקעל פּלעגט אַ קוק טהון אויף יענקעלען, איהם הײַסען בּעווײַזען. יענקעלע פּלעגט אויפדעקען די פּאָלעס און אויס־שטעלען די פּיסעלעך, דער טאַטע חײַקעל פּלעגט מיט גרויס מבינות בּעטראַכטען די „ריסען" אין די הויזעלעך, און פּלעגט ענטפערען:

— מען דאַרף זעהן מאַכען...

און אַ גאַנץ ווינטער האָט מען אַלץ געזעהן צו מאַכען... עס איז אָבער אַ שווערער ווינטער געווען, מען האָט זעלטען אַ מזומע׳־נעם גראָשען אין שטוב געזעהן, און מען האָט ניט געמאַכט...

נאָך פּורים האָט יענקעלע שטאַרק גענומען מאָהנען:

— מאַמע, נעה מיר הײַזעלעך... מאַמע!

און די מאַמע האָט פערזיכערט, אַז ווי מען וועט נאָר אָפּ־בּאַקען מצה, איז די ערשטע זאַך יענקעלען מאַכען הויזעלעך...

און דער טאַטע האָט אויך געזאָגט, אַז ווי נאָר די מצה וועט זײַן אין שטוב וועט מען געהן אין קראָם און נעהמען פאַר אַלע קינדער סחורה און יענקעלען הויזעלעך און אפשר אַ היטעלע וועט מען איהם אויך קויפען...

מען האָט מצה קוים אָבּגעבּאַקט, עס איז געבּליבּען אַ וואָך צו פּסח און אין שטוב איז קײַן גראָשען ניטאָ, חײַקעל האָט אָבּגע־לעגט געהן אין קראָם אויף נאָך פּסח.

— נאָך פּסח וועט זיך אם ירצה השם ווײַזען אַרבּײַט! האָט ער מיט בּטחון געזאָגט.

חײַקעל האָט געהאַט אַ מלאָכה אין האַנד — אַ מאַליער איז ער געווען — און בּטחון אין האַרצען...

— וויל הויזעלעך! האָט יענקעלע זיך געוואָרפען מיט אַ געוויין, אַ פּאָר טאָג פאַר פּסח.

— נו, יענקעלע, וויינען טאָהר מען ניט! און ווינקעלע שטעהט דער בּעזעם... האָט חײַקעל געסמראַשעט,

דער בּעזעם איז אַפילו געווען אַנ׳ אַלטער; די ריטלעך צע־דאַרטע און יענקעלע איז געווען מכופּק צי וועט די עלטערע שוועסטער, וואָס היט דעם בּעזעם, ווי דאָס אויג פון קאָפּ, לאָזען ריהרען אַ ריטעלע, — דאָך איז ער בּאַלד שטיל געוואָרען.

אויף מאָרגען האָט ער אָבער זיך נאָך שטאַרקער פערנאַ־דער געוויינט:

— נעה מיר הייזעלעך, מאַמע, האָסט דאָך צוגעזאָגט. און יענקעלע האָט אָבגעדעקט די פּאָלעס און וויינענדיג אָנגעוויזען.

— זעה, זעה, צעררִיסען!.. איך שעם מיך.

— וואָלסט אֶפשר זעהן צוקריגען עפּיס אויף הויזעלעך... האָט די מאַמע זיך געווענדט צו חייקלען.

— אפשר געהן גנבנען! האָט חײַקעל געאיראָניזירט.

— ווייסטו גאָר וואָס, יענקעלע, האָט די מאַמע זיך פּלוצים ווי ערוואַכט — איך וועל דיר לעגען אויף די הויזעלעך לאַטעס, אַז עס וועט זיין שענער ווי נײַע...

— טאַקי? האָט יענקעלע מיט לוסטיגע אויגעלעך געפרעגט.

— אויף נאמנות. מיין קינד... וועסט זעהן. בּאַלד וועל איך אַרויסנעהמען דעם קאַסטען פון אונטער׳ן בּעט, דאָרטען ליעגט בּיי מיר אוּדאי ½ אַרשין קאָרט, פײַנע, אין „קעסטעלעך״!

— אין קעסטעלעך! האָט יענקעלע זיך נאָך מעהר דער־פרעהט. שוין לאַנג, אַז ער האָט חשק צו אַזאַ סאָרט בגד, נאָר ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט קיין העזה צו טראַכטען פון אַזאַ גליק.

און די מאַמע האָט אַרויסגענומען דעם קאַסטען פון אונטער׳ן בּעט און זיך גענומען זוכען דאָס שטיקעל קאָרט אין „קעסטעלעך״.

אברהם רייזען.

זי האָט עס געפֿונען און געוויזען חײקלען און יענקעלען.

– אַנ׳אַנטיק אין דער וועלט - האָט חײקעל אויסגעשריען, כדי צו אָבנארען נאָך מעהר יענקעלען, – עס וועט זיין גאָר רייך. גאָר רייך – האָט ער געדריקט ווערטער און געזשמורעט מיט די אויגען צום ווייב.

און יענקעלע איז געווען אויפ׳ן זיבעטען הימעל, דאָס שטיקעלע סחורה האָט איהם ענטציקט. ער האָט זיך גענומען צעהלען די קעסטעלעך.

– איינס... צוויי... דריי... פיער... אוי סאַראַ פילע קעסטעלעך!...

– היינט ביי נאַכט, וועל איך דיר פערריכטען, בשעת דו וועסט שלאָפען.

– עס וועט זיין שען! האָט יענקעלע מיט אַ שיינענדיג פנים געזאָגט, האַלטענדיג דאָס שטיקעל סחורה.

– מאַמע, וואו האָסטו דאָס גענומען?

– עס ליעגט שוין ביי מיר לאַנג. איך האָב זיך גאָר פערגעסען.

ביי נאַכט האָט יענקעלע אויסגעטהון די הויזעלעך, זיך געלעגט אין בעט און די מאַמע האָט גענומען זיך צו דער גרויסער רעפּעראַציע... איהר שטערן האָט זיך געקנייטשט, די אויגען האָבען געגלאָצט און דער מוח האָט געאַרבייט...

יענקעלע איז געלעגען אין בעט און האָט ניט געקענט איינשלאָפען, אַלע ווייל האָט ער פון בעטעל געפרעגט:

–נו, מאַמע, באַלד...

– שלאָף, שלאָף, מיין קינד, עס וועט נאָך געדויערען.

נאָר שווער איז יענקעלען געווען איינשלאָפען. דאָרטען ביי׳ן טיש זיצט די מאַמע איבער זיינע הייזעלעך, וועלכע דאַרפען מגולגל ווערען אין עפּיס אַזוינס, וואָס זיין מוח׳ל קען זיך בשום אופן ניט

פֿאַרשטעלען... און די רעיונות האָבען איהם שלאָפֿען ניט געלאָזט.

אויף מאָרגען פֿריה, ערב פּסח, האָט די מאַמע יענקעלען געוועקט:

— שטעה אויף מיין זוהן — איך האָב דיר פֿערטיג געמאַכט די הויזעלעך.

— וואָסערע הויזעלעך — האָט זיך יענקעלע רייבענדיג די פֿער־שלאָפֿענע אויגעלעך געפֿרעגט.

— דיינע הויזעלעך — פֿערריכט.

אז ער האָט די אויגעלעך גוט אויסגעריבען און זיך גוט אויסגעקראַצט די רעכטע און לינקע זייט פֿלייצעלעך איז ער ערשט געקומען צו זיך און זיך דערמאָהנט אָן דעם נעכטיגען ½ אַרשין קאָרט אין די „קעסטעלעך" און זיין פּנימעל האָט גענומען שיינען.

— שען עפּיס? הא, מאַמע? האָט ער אויסגעשטעלט זיינע אויגעלעך...

— אַנ׳אַנטיק! האָט די מאַמע געשמייכעלט, נאַ טהו אָן. — יענקעלע האָט אויף גיך זיי אָנגעטהון און אָנגעהויבען צו בעטראַכ־טען מיט אַנ׳ערנסט פּנימעל.

— אַזוי ווי נייע! האָט ער פֿרעהליך אויסגעשריען טאַפּענדיג די צוויי גרויסע לאַטעס, וואָס אויף יעדער „קאַלאָשע".

— נאָך שענער! האָט די מוטער ביטער געשמייכעלט.

— טאַקי שענער! האָט יענקעלע איינגעוויליגט. מאַמע — האָט ער צום סוף בעמערקט — אָט די לאַטע איז אַ שענערע פֿאַר דער אַנדערער — זי איז אַ קיילעכדיגע, אַזוי ווי אַ ראָד...

— די אַנדערע איז אויך שען, מיין זוהן... האָט די מאַמע איהם געטרייסט.

ער האָט זיך פֿאָרזיכטיג איינגעוואַשען, ער זאָל חלילה ניט פֿערשפּריצען די קיילעכדיגע לאַטע, עס האָט זיך איהם אָבער ניט

אײַנגעגעבען, די אמת׳ע שענע קײַלעכדיגע לאַטע האָט זיך אַביסעלע פֿערשפּריצט און יענקעלע האָט אַביסעל צער דערפֿון געהאַט...! באַלד האָט זי זיך אָבער אויסגעטריקענט, ווײַל יענקעלע האָט זיך געשטעלט נעבען קוימען, וועלכען מען האָט געברענט אויף פּסח, און ער איז ווידער פֿרעהליך געוואָרען.

ער האָט אָנגעטהון די קאַפּאָטקעלע און — אוי ווער — ווידער אַ צער — די קאַפּאָטקעלע איז לאַנג און זי פֿערשטעלט אַזעלכע צוויי שענע לאַטע׳ס, אַז ער וועט אַרויסגעהן אויפ׳ן גאַס שפּילען וועלען אַפֿילו די יונגעלעך גאָר ניט זעהן...

— מאַמע, האָט ער זיך געקלאָגט — די קאַפּאָטע איז אַ לאַנגע — עס זעהט זיך ניט די לאַטעס אַרױס...

— ס׳אַ דאגה מײַן זוהן — האָט די מאַמע מיט אַ זיפֿץ איהם געטרייסט — אַז מען זעהט ניט איז נאָך בעסער...

— אַי, וויל ניט, וויל ניט!... האָט ער זיך קאַפּריזנע געוואָרפֿען — שנײַד מיר אונטער די קאַפּאָטקעלע.

— שפּעטער מײַן זוהן — האָט די אָרימע מוטער איהם פֿערשפּראָכען — עס אָב פֿריהער דעם חמץ, באַלד וועט מען דאַרפֿען טראָגען אויפ׳ן בוידעם.

אַז ער האָט אָבגעגעסען אָנבײַסען און איז אַרוים שפּילען אויפ׳ן הויף, וועלכען די פֿריהלינגס זונן האָט שוין אַביסעל אונטערגעטריקענט, האָט ער גלײַך געפֿונען אַ קאָמפּאַניע יונגעלעך אַלע אין נײַע בגדים׳לעך.

— דיר האָט מען גאָר נישט גענעהט, יענקעל אויף פּסח? האָט איהם איין יונגעלע געפֿרעגט.

יענקעל האָט גאָר ניט געענטפֿערט, נאָר מיט שטאָלץ פֿערקאַשערט די קאַפּאָטקעלע און געוויזען די צוויי נײַע לאַטעס.

די יונגעלעך האָבען זיך פֿערנאַנדער געלאַכט.

— וואָס לאַכט איהר, וואָס? איז יענקעלע אין כעס געוואָרען

און פֿאַר פֿערדרום, וואָס זײ שאַצען ניט אָב די שענהײט פֿון די לאַטעס, שיעור װײנען ניט אָנגעהױבען.

— חי-חי-חי- נײַע לאַטעס... חי-חי-חי-!

— אַװעקט! האָט ער אױפֿגעהױבען אַ שטיקעל בלאָטע און אַ װאָרף געטהון פֿאַר כעס, — אַװעקט!... און מיט פֿערדרום איז ער אַלײן אַװעק.

אונטערשנײַדען דאָס קאַפּאָטקעלע האָט שױן יענקעלע ניט געװאָלט, און די מאַמע איז צופֿריעדען געװען...

— אַ קלוג-קינד! - האָט זי איהם געלױבט — איך װעל דיר דערפֿאַר געבען הײַנט בײַ נאַכט צום סדר צװײ קנײדלעך...

און יענקעלע איז צופֿריעדען געװען...

די לעצטע האפענונג.

די לעצטע האפנונג.

— אז איך זאל וועלען, קאן איך אריינגעהן צו חיים שווארצ=מאן, וואלט ער מיר געוויס געליהען עטליכע רובעל, — ער איז מיינער א גוטער בעקאנטער, ער וואלט מיר געוויס, געוויס געלי=הען, ער איז אנ׳ איידעלער מאן...

אזוי פלעגט לייזער שטענדיג זאגען אין שטוב, ווען עס פלעגט אויסקומען זעהר ענג, ווען דער קאלטער ווינטער פלעגט זיך פלוצים אונטעררוקען און עס איז קיין האלץ ניט געוועזען; ווען עס פלעגט א פסח קומען און עס איז אויף קיין מצה ניט געוועזען, ווען עס פלעגט א קינד קראנק ווערען און עס איז אויף קיין דאקטאר ניט געוועזען...

ווען ער פלעגט דאס זאגען, פלעגט ער ניט קוקען די שטובינגע אין פנים אריין. עס האט זיך געדאכט, אז דאס רעדט ער צו זיין באָרד, אויף וועלכער ער פלעגט דאמאלס קוקען מיט ישוב הדעת און מיט דרך=ארץ. נאר זיין באָרד האט דאס שוין פון איהם עטליכע מאל געהערט און פלעגט ניט נתפעל ווערען פון זיין זיבערען טאן. עס האט אויסגעוויזען, אז די באָרד האט זיך שוין פון זיין רייכען גביר, זיין בעקאנטען, לאנג מיאש געוועזען.

אנדערש אבער האט עס געווירקט אויף לייזער׳ס ווייב, חאשע, — זי פלעגט אן זיינע ווערטער זיך אנכאפען, ווי איינער וואס טרינקט זיך, אן א שטרוי, און פלעגט יעדעס מאל איהם דערויף ענטפערען:

— דו קענסט נאר רעדען, טהון קענסטו גאר נישט — האלסטו טאקע א מאל אריינגעהן צו איהם! אט נעהם, טהו אן די שבת׳דיגע קאפאטע און געה אריין.

אברהם רייזען.

— ער וואָלט געווים, געווים געליהען! פלעגט לייזער אַלץ טענה'ן ביינס: מיר זענען אַמאָל חברים געווען, ער וואָלט מיר דערקענט!... אַ חדוש, צי וואָלט ער מיך דערקענט! פלעגט שוין לייזער העכערן דעם טאָן און אָנהויבען מיט אַנ'אַנדער ניגון — ווי לאַנג, אַז מיר האָבען זיך ניט געזעהן, מיינסטו?... עס וועט זיין סך־הכּל אַ...

— טאָ לעג טאַקי ניט אָב און געה שוין אַריין, פלעגט דאָס ווייב איהם ניט לאָזען ענדיגען זיינע זכרונות: מען פאַלט דאָך שוין פאַר אַ גראָשען.

— ער וואָלט געווים געליהען! פלעגט לייזער, אָנשטאָט צו ענטפערן האַשען, אַלץ רעדען צו זיין באָרד...

עס האָט אויסגעוויזען, אַז דער געדאַנק, אַז ער וואָלט איהם געווים געליהען, איז איהם טייערער ווי דאָס געלד, און ער האָט די ליעבע האָפנונג ניט געוואָלט אַזוי גיך פערשווענדען פאַר עטליכע רובל.

— „זאָל זיך וואַלגערן אַ האָפנונג!" פלעגט ער ווי בעש־ליעסען אין געדאַנק.

— נו, איז וואָס? דו געהסט, צי ניט? פלעגט דאָס ווייב טרייבען איהם.

— לייהען וואָלט ער געווים געליהען, טענה'ט ער אַלץ ביינס: נאָר איך וויל ניט געהן, איך האָב נאָך צייט! אפשר וועלען מיר זיך איצטער אַרויסדרעהן אָהן איהם... גאָט וועט העלפען...

— רעדט און רעדט און ווי עס קומט צו טהון איז גאָר נישט — אוי, שלים־מזל, שלים־מזל, וואָס וועט זיין פון דיר?... שאָקעלט האַשע מיט'ן קאָפּ און איהר געקנייטשט־פּנים ווערט גע־קנייטשטער און איהרע פערלאָשענע אויגען ווערען פערלאָשענער...

נאָר לייזער'ן פלעגט עס ניט אַרען: זי איז אַ יידענע! זי קען ניט פערשטעהן, וואָס הייסט עס אַ האָפנונג... וואָס וועט זיין שוין

די פעולה, אז ער וועט געהן צום בעקענטען און לייהען די עטליכע רובעל?... זיי וועלען גלייך צעשלאגען ווערען און ער וועט בלייבען אהן געלד און אהן א האפנונג... און אז עס וועט ווידער קומען זעהר א־ענגע צייט – (ווענינ ענגע צייטען האט ער!) וואס וועט ער דאמאלס טהון?... אהן א שטיקעל האפנונג אפילו בלייבען?... משוגע קען מען ווערען:

– לייהען אבער וואלט ער געוויס געליהען! ענדיגט ער הויך זיינע מחשבות, און שמייכעלט.

נאר דאס ווייב ענטפערט איהם שוין ניט דאמאלס, זי ווערט ברוגז.

– א נארישע ידענע, זי פערשטעהט גאר נישט, גאר נישט – לגמרי גאר נישט... לאכט ער אין געדאנק.

* *
*

אזוי זענען פערביינגעפלויגען פיעל יאהרען. אין די פיעל יאהרען זענען פיעל קאלטע ווינטער'ס געווען, ווינטער'ס אהן האלץ, אהן ווארעמע־בגדים, אהן גאנצע שיך... אין די פיעל יאהרען זענען פיעל פסח'ס געווען, וואס האבען מצה געפאדערט, אין די פיעל יאהרען זענען פיעל מאל די קינדערלעך קראנק געווען און האבען א דאקטאר געפאדערט. און עס איז ניט געווען פאר וואס צו רופען; אין די פיעל יאהרען זענען א דריי קינדער געשטארבען און עס איז ניט געווען פאר וואס אין קאלטע קברים'לעך זיי אריינלעגען, ווייל קברים'לעך פאר קינדער קאסטען אויך געלד – אלץ האט געטראפען אין די פיעל יאהרען, און לייזער האט זיך געשטארקט און צו זיין בעקענטען גביר אלץ ניט געגאנגען. ער האט נאר אין יעדער ענגער צייט געטענה'ט: – לייהען וואלט ער געוויס געליהען, נאר איך וויל נאך ניט אריינגעהן... זאל נאך זיין... עס וועט צו ניץ קומען אנ'אנדערש מאל...

לײזער, בײ װעלכען דער בײזער שונא - דאָס לעבען, האָט אַלץ אװעק גערויבט, האָט ניט געקענט אַזױ גיך אונטערגעבען זיך מיט זײן לעצטער נחמה, מיט דער האָפנונג, און ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט האָט ער זיך פערטהײדיגט פון שונא׳ס נעגיל ...

* *

*

די לעצטע צײט אָבער האָט דער שונא איהם מיט שטורם גענומען, און לײזערן איז ענג געװאָרען, אַז ער האָט זיך ניט געקענט אַ קעהר טהון, עס האָט זיך דער װינטער אָנגערוקט, אַ קינד איז קראַנק געװאָרען, דאָס אײװעלע איז אײַנגעפאַלען, אַ בעט האָט זיך צעבראָכען, זײנע שטיװעל האָבען שױן מעהר קײן לאַטעס ניט געװאָלט צונעהמען, פון דער טהיר איז די קליאַמקע אַרױסגעפאַלען און פערלאָרען געװאָרען, און די טהיר איז אָפען געװען און אַ װינד, אַ בײזער װינד האָט אין שטיבעל אַרײַנגעבלאָזען ... עס האָט אױסגעװיזען, אַז די נױט, די אַלטע מאוסע מכשפה, האָט איהם אָנגענומען מיט איהרע דאַרע, קאַלטע הענד, און האָט איהם דערשטיקען געװאָלט, און ער האָט זיך געריסען פון איהרע אָרעמס, און רײַסענדיג זיך אַזױ, האָט ער בעשלאָסען צו געהן צו זײַן בעקענטען:

— איך געה צו חײם שװאַרצמאַן לײַהען עטליכע רובל, האָט ער געמעלדעט אין שטוב.

נאָר אין זײַן שטים האָט שױן ניט געקלונגען יענע זיכערקײַט, אַז ער װעט געװיס לײַהען, איהם האָט זיך געדאַכט, אַז עפּיס איז דורכ׳ן טהיר אַרױסגעפלױגען, דאָס איז די האָפנונג אַרױס - זײַן אײנציג לעצטע האָפנונג...

גבירה׳שע מצה.

גְבִירָה'שֶׁע מַצָה.

די ווירטהין איז אַריין צורודערטער־הייט אין „פֿאָדריאַד"
און האָט אָנגעזאָגט:

— נאָך דעם געבעק וועט באַקען פֿייגע חנה!

דער עולם „וועלגערין'ס" זיינען געבליבען, ווי צוגע־מידט
צו די ברעטער און האָבען פֿאַר איבער־ראַשונג אַ וואָרט נישט גע־
קאָנט אויסריידען. נאָר איין רעדלער האָט געהאַט דאָס מוטה
איבער צו פֿרעגען:

— פֿייגע חנה?!

— יאָ, פֿייגע חנה! אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט זי דאָ זיין!

— אָט, וועט זיין אַ „מתנה"! האָט ענדליך איין וועלגערין,
גרונע די מלמד'קע, אויסגערופֿען, ווענדענדיג זיך מיט אַ פֿרעהליך
שיינענדיג פּנים צו די איבעריגע וועלגערינס.

— יאָ, יאָ! האָבען פֿיעלע בעשטעטיגט. אַ שפּאַס אַזאַ גבירה!
און אין „פֿאָדריאַד" האָט אָנגעהויבען צו רודערן. יערער האָט
פֿריהער פֿאָרגעזאָגט פֿיעל די גבירה פֿייגע חנה וועט „צוטהיילען".

— און איך זאָג אייך, האָט בעריל דעם שניידערס ווייב גע־
זאָגט, אַז זי וועט ניט געבען מעהר פֿאַר אַנדערע בעל־בתים, מען
קען זי, אַז זי איז ניט קיין גרויסע געבערין.

אברהם רייזען.

– אַז פרײדע זאָגט איז פערהאַן וואָס צו הערען, האָט גרונע די מלמד'קע ניט געוואָלט אײַנשטימען, קײן געבערין איז זי טאַקי ניט, אָבער פאָרט אַזאַ גבירה, ווי וועט איהר אָנשטעהן צו געבען די וועלגערינס ווײניגער ווי דרײַ רובל.

– ממה נפשך, אַז מיר וועלען לעבען וועלען מיר עסען, האָט דער רעדלער, אַ יונג־בלאָס בחור'ל, זיך געוויצעלט.

דער זעצער, וועלכער האָט די גאַנצע צײַט פון דעם טומעל בײַ'ן אויווען ערנסט געאַרבײַט, גלײַך ווי צו איהם וואָלט די גאַנצע זאַך ניט שייך געווען, האָט ענדליך זיך ניט אײַנגעהאַלטען, ער האָט זיך געווענדעט צו די וועלגער, האַלטענדיג אין האַנד אַ פּאָר טרוקענע מצות:

– פרײיהט זיך, פרײיהט זיך! האָט ער גערעדט מיט אַ טאָן אין וועלכען עס האָט געקלונגען איראָניע און פעסימיזם – פרײיהט זיך, קינדער! איהר וועט דאַנקען גאָט, אַז איהר וועט אַרויס לעבעדיג פון איהרע הענד; זי וועט אײַך פערמוטשען! דאָ וועט זי זאָגען, די מצות זענען צו גרויס, דאָ – צו גראָב, שיטער געַ־רעדעלט, פערברענט...

ער איז אין כעס געוואָרען און האָט זיך אָבגעהאַקט, ווי ער וואָלט שוין ערקונדיגט זיך, אַז אַזוי וועט טאַקי זײַן, און צונגעַ־הענדיג צום בלעך און אַרויפחאַפּענדיג אויפ'ן „זעץ־שטעקען" אַ פּאָר מצות, האָט ער ווײַטער געזאָגט:

– איך קען זיי!... חאַפּט זיי דער רוח. איך האָב זיי פײַנד די רײַכע...

בײַ'ן לעצטען וואָרט „רײַכע" האָט ער מיט כונה אויסגעַ־שפּײַט, ווי אַ פרומער ייד צו „עלינו".

דעם זעצער'ס בייזער טאָן און די גיפטיגע ווערטער האָבען זעהר ניט גוט געווירקט אויף אַלע אַרבײַטער אין „פּאָדריאַד". דאָס קלײן יינגעלע, „דער שיטער", וועלכער איז געשטאַנען בײַ'ן זאַק

מעהל אויסגעשמירט ווי א רוח, האט אויסגעשטעלט דערשראקען זיינע שווארצע אויגעלעך און עס האט זיך געדאכט, אז ער בעט זיך ביי'ן זעצער:

— שרעק מיך נישט, איך האב מורא!...

נאר איין גרונע די מלמד'קע האט זיך געהאלטען ביי איהר'ס, אז „זי" וועט איבער לאזען א שענע מתנה.

זי האט זיך שוין צוגעגרייט, ווי צו רעדען מיט דער גבירה, ווען יענע וועט צו איהר צוגעהן און וועט הייסען זי זאל דינער וועלגערען:

— געזונדער-הייט זאלט איהר עסען — וועט זי איהר זאגען, איך וועלגער דאך אזוי דין, אזוי דין...

ווינשעוועו, קלערט זי, וועט זי אזוי:

— הלואי זאלט איהר איבער א יאהר דערלעבען און „לשנה הבאה בירושלים"... זאל די גבירה זעהן, אז א וועלגערין, ווייס אויך ווי צו ווינשעוועו אויפ'ן גרויסען שטייגער... זי וועלגערט און שמייכעלט, ווי זי וואלט א גוטען חלום געזעהן... דאס הארץ ציטערט היימליך... דאס הארץ ערווארטעט עפיס גרויסע פאנטאס-טישע גליקען: פייגע חנה... א גבירה... דריי רובל... אפשר פינף... אויף איהר חלק א גילדען צוויי... זי וועט קויפען א האלב זיידען טיכעל לכבוד פסח!...

דער קלומעק וואס פאר דער גבירה'ס איז שוין געענדיגט, באלד וועט מען ברענגען דער גבירה'ס מעהל.

עס איז 3 דער זייגער בייטאג. אין דער צייט ווארפט מען אן דעם אויוועו אויף דאס ניי מיט האלץ, דאס הייצען געדויערט אנדערהאלבען שעה און דאמאלס געהען די וועלגערינס

און די איבעריגע ארבייטער פון פאָרדיאַר אַהיים עסען, און עס בלייבט נאָך צייט אביסעל אָבצורוהען זיך, כּדי מען זאָל קענען ווייטער ארבייטען ביז שפּעט אין דער נאַכט, איצט אָבער, ריכטענדיג זיך אויף דער גבירה׳ס מצה, מאַכט מען דאָס עסען בקיצור און מען קומט גלייך אין פאָרדיאַר צוגרייטען זיך צו דער גבירה׳ס מצה.

די בעל־הבית׳טע פון „פאָרדיאַר" גיעט אַרויס אַ שטרענגען בעפעהל, אַז מען זאָל „גוט־גוט" (די ווערטער „גוט־גוט" דריקט זי צו) אָבשאָבען די ברעטער, די קאַטצעלקעס, מען זאָל גוט צו וואַשען די הענד, רייניגע פאַרטיכער אָנטהון און מען זאָל ניט ריידען קיין גראָבע רייד בשעת פייגע חנה וועט דאָ זיין און מען זאָל קיין ליעדעליך ניט זינגען...

— עס עקט זיך גאָר די וועלט! שפּייט אוים דער וועצער, חאָטש אַלע מאָל פּראָטעסטירט ער אַליין, אַז מען זינגט ליעדער ביי׳ן וועלגערען.

— אודאי ניט, חאַפּט זיך אַרויס גרונע די מלמד׳קע, ווי אָנ־געצונדען, „ער" מיינט, אַז חנה פייגע איז אַזוי ווי איין אַנדערע.

— און דו, ווענדעט זיך די בעל־הבית׳טע צום רעדלער, ניט ענטפערענדיג דעם וועצער, זאָלסט ניט מאַכען קיין „מחזקות" מיט ציפּעקלע דער וועלגערין, בשעת זי דערלאַנגט דיר צום בלעך אַ מצה.

— שאַ, וואָס ווילט איהר פון מיר! שרייט אויס ציפּקעלע, אַ יונג־מיידעל מיט פערנאַנדער געוואָרפענע שוואַרצע האָר איבער די פּלייצעס — שוין גאָר צו מיר זיך צו געטשעפּעט!

די בעל־הבית׳טע, ווי עס ווייזט אויס, דערשרעקט זיך ניט פאַר ציפּקעלעס שרייען, דען זי ווענדט זיך גלייך צו איהר און מוסר׳ט איהר:

— עס וואָלט ניט שאַדען, נישקשה, אַז דו וואָלסט די האָר

פערפלעכטען צו גבירה׳ס מצה, דער רעדלער וועט דיך אזוי אויך האלד האבען...

דערויף וויל שוין דער רעדלער עפּיס ענטפערען, נאר די בעל־הבית׳טע לאזט זיך איילענדיג צום טהיר, בּיי׳ן טהיר אבער דערמאנט זי זיך עפּיס, זי קעהרט זיך אום צוריק, געהט צו צום אויוועז, קריכט אריין מיט א האלבען קאפּ אהין און ארויסנעהמענדיג דעם קאפּ צוריק פרעגט זי דעם וועצער צוטראגענערהייט:

— זאגט מיר ר׳ חיים, טרוקענע העלצלעך האט איהר געגוג!...

— איך האב, איך האב! רעדט ארוים דער וועצער, ווי מיט גדלות און מיט כּעס צוזאמען.

— וועהט־זשע! מאכט איהם די ווירטהין מיט׳ן פינגער, און געהט איילענדיג ארוים. וויזט אוים, אז זי האט נאך פיעל ארבּייט, וואס ·וענען שייך צו דעם גבירה׳עס מצה. —

און דער „פּאדריאד" העבּט זיך איך דער לופטען: מען שאבט די ברעטער, די קאצעלקעס; דער רעדלער „שטעלט אן" דאס זיידענע רעדעל, ער קוקט צי האט זי נישט קיין פּגימה, די מצה זאלען זיך ניט רייסען. גרונע די מלמד׳קע לויפט אום פער־שמייעט און זוכט א בעסערע קאצעלקע, עס זאל זיך בעסער וועל־גערען, זי בעמערקט ביי פריידע דעם שניידערס אונטערן ארעם אזא קאצעלקע, וועלכע זי דארף; זי חנפה׳ט זיך צו איהר און לעגט פאר מאכען א חלוף, נאר יענע דאנקט איהר זעהר פאר דער טובה און וויל ניט הערען. דער וועצער קעהרט מיט א פערפלאמט־פּנים דעם אויוועז, ער האט מורא עס זאל ניט זיין צו היים, ער איז אין כּעס און ווער עס געהט פערביי טרייבט ער מיט קולות:

— שטעהט מיר ניט אויף׳ן וועג — צום טייוועל געהט מיט „איהר" אין איינעם...

נאר אט טראגט אריין דער טרעגער דעם נייעם קלומעק מעהל — דער גבירה׳ס מעהל... עס ווערען אלע שטיל; אויפ׳ן

טרעגער קוקט מען מיט דרך ארץ, מען לאזט איהם ברייט דעם וועג און עס איז איהם פערשפארט צו שרייען, ווי ביי אנדערע קלומקעס: היט זיך, לאזט!... אפילו אויף׳ן זאק מעהל קוקט מען מיט דרך ארץ, גרונע די מלמד׳קע גערט צו און וויל מאכען אויפ׳ן פינגער א „פראבע טייגעל״ צי קלעפט זיך דאס מעהל ניט, נאר דאס „שיטעריל״ טרייבט זי.

— געהט, געהט! שרייט ער מיט גאוה, עס איז ניט אייער דאגה, עס איז דער גבירה׳ס מעהל...

דער קלייגער שיטער פיהלט שוין, ווי א גרויסער, וואס א גבירה בעדייט. זיין קליין קעפעלע, שטעהענדיג ביי׳ן זאק מעהל, ארבייט שוין, פיעל וועט איהם די גבירה איבערלאזען. פאר איהם איז דאס איבערלאזען מעהר וויכטיג ווי פאר אנ׳אנדער ארבייטער אין פאדריאר, ווייל קיין שכירות נעהמט ער ניט, זיינע שכירות איז נאר „דאס מאכען״. —

— נו, פון מיינטוועגען מאג זי שוין קומען! שרייט פלוצים פרעהליך אוים גרונע די מלמד׳קע, זי האט געפונען א קאצעלקע ווי זי האט געוואלט, פונקט ווי פאר דער גבירה׳ם מצה.

— ווען וועט זי שוין טאקע קומען? פרעגען אלע אונגע־דולדיג; אלע זענען שוין פערטיג.

— זי האט זיך אודאי גאר פערגעסען! ברומט דער זעצער אין כעס.

— שא, זי געהט! זאגט אן ציפקע די וועלגערין, וועלכע האט געקוקט אין פענסטער.

— וואס רעדסטו?

— חא, חא, חא — צעלאכט זיך באלד ציפקעלע, — אבגענארט!

— חצופה! — זידעלט גרונע די מלמד׳קע — דאס בלוט איז מיר איינגעפאלען!

— גרונע, וואָס האָט איהר זיך דערשראָקען? — לאַכט ציפּקעלע.

— דערשראָקען? אַהאַר אויך ניט. נאָר צו אַזוי שרייט מען. — זי שעמט זיך פאַר איהרע אייגענע ווערטער.

— שאַ, שאַ! זאָל איך אַזוי געזונד זיין, איצטער געהט טאַקי אויף אַנ׳אמת. — זאָגט אָן אַ צווייטע וועלגערין.

אַלע ווערען שטיל.

עס עפענט זיך די טהיר און עס געהט אַריין די גבירה פייגע חנה, אַ הויכע דיקע פרוי מיט אַ שען-קײלעכדיגען פּנים, מיט אַ פּאָר שענע נאָר שטרענגע אויגען. אַריינגעהענדיג וואַרפט זי אַ פּאָר שטרענגע בליקען אויף די וועלגער און נאָך דעם זאָגט זי מיט אַ טאָן פון אַ גענעראַל, וואָס „זדראַוועט" זיך מיט זיינע סאָלדאַטען:

— גאָט העלף אייך, ווייבער!

— שען-דאַנק, שען-דאַנק! ענטפערען צוויי מאָל די וועלגער: איין מאָל — אַנ׳ענטפער אויף איהר וואונש און דאָס צווייטע מאָל — דערפאַר וואָס זי איז אַ גבירה.

די בעל-הבית׳טע לויפט אַריין דערשראָקען, וואָס זי האָט ניט אבגעהיט דאָס קומען פון דער גבירה. זי פערענטפערט זיך פאַר איהר:

— עס איז אַזוי פיעל אַרבייט, אַזוי פיעל אַרבייט! אַקליי-ניגקייט מען האָט צו טהון מיט מצה! זייט מוחל, זייט מוחל!...

די גבירה ענטפערט איהר דערויף ניט, זי געהט נאָר צום אויווען אַקוק טהון.

— דער זעצער פערברענט חאַטש ניט? — פרעגט זי ווענ-דענדיג זיך צו דער בעל-הבית׳טע, האָטש דער זעצער שטעהט דערביי. ער פיהלט זיך דערפון בעליידיגט: „וואָס, ביי מיר קען זי ניט פרעגען!" קאָכט אין איהם דאָס האַרץ — אַ גרויסע יחסנטע...

איהם ווילט זיך זידלען און פאר כעס ווארפט ער אריין אין אויווען א העלצעל.

און די בעל-הבית'טע דערשרעקט זיך פאר דער גבירה'ס פראגע און זי צע'טענה'ט זיך:

— וועה צו מיר! וואס רעדט איהר! זאלט איהר געזונד זיין, גאט איז מיט אייך, וואס הייסט פערברענען, מען פערברענט ביי אונז קיינעמס מצה ניט, בפרט איערע... עס געהט ארויס מצה ווי אויף דער זון געבאקט!...

— געדענקט-זשע — שמייכעלט די גבירה.

— א שאלה א ביסעל: ענטפערט די בעל-הבית'טע צופריעדען פון דער גבירה'טעס שמייכעל.

פייגע חנה, געהט צו צו די וועלגער, די ווירטהין געהט איהר הינטען נאך און ווינקט עפּיס צו א וועלגערין, יענע פערשטעהט ניט, וואס זי מיינט און שרעקט זיך.

— אט — א גולם! — רוימט איהר איין אויף'ן אויער די בעל-הבית'טע, זעהענדיג, אז מיט'ן ווונק קען זי גאר נישט מאכען — פערשפּילע דאס יאקעל!...

דאס באקען הייבט זיך אן.

גרונע די מלמד'קע האט זיך געפלייסט אוועק צו שטעלען זיך נעבען דער גבירה'טע, אפשר וועט איהר געראטהען צו פערנאנדער רעדען זיך מיט איהר און אויספערצעהלען פאר איהר, איהר ארעמ-לעבען, און זי וועט איהר אליין א שענערע מתנה איבערלאזען. זי ווארפט אויף דער גבירה אויגען, חנ'ט זיך, קוקט איהר אין פנים און שמייכעלט חנפה'דיג, נאר רעדען עפּיס האט זי קיין מוטה ניט, „אז זי וועט אנהייבען רעדען, דאמאלס" — קלערט זי און ווארט...

די גבירה זעצט זיך אויף א שטוהל ביי דער „מיירע" און טהיילט די טייגליך.

טייגליך גיט זי קליינע, כדי די מצות זאלען דינער זיין. זי

קנעט מיט דער קאַצעלקע די „מײַרע״ און קוקט, צי מאַכט מען ניט פֿון צוויי אײנע. איהר דאַכט אַז יאָ און זי צעכעזערט זיך:

— ווײַבלעך, מײדלעך — מאַכט ניט פֿון צוויי אײנע!

— ווער? דערשרעקען זיך אַלע און מען קוקט זיך איבער.

— עס קען זײַן, איך האָב אַ טעות געהאַט, מיר האָט זיך אָבגעדאַכט, — זאָגט די גבירה׳טע קאַלטבלוטיג.

אויף די וועלגער פֿאַלט אָן אַ שרעק, גרונע די מלמד׳קע האָט שוין ניט אין זינען צו רעדען מיט איהר, זי דאַנקט גאָט, אַז „זי״ טשעפּעט איהר ניט, זי סטאַרעט זיך נאָר וואָס בעסער צו וועלגערן און אַז די מצה געהט אַרויס גערא͏ָטהען העבט זי איהר אויף אויף דער קאַצעלקע, כּדי די גבירה׳טע זאָל זעהן, ווי גוט...

נאָר — דאַנקען גאָט — דאָס באַקען ענדיגט זיך! אַלע אַרבײַטער פֿון „פּאָדריאַד״, אויסער׳ן זעצער, ווערען פֿרעהליכער; אַראָב אַזאַ באַרג — אַזאַ שרעק; די מצות זענען אויף „חדושים״, ווי די בעל־הבית׳טע פֿון פּאָדריאַד דריקט זיך אויס.

— נאָר געזונטער־הײט צו עסען, שמײכעלט די בעל־הבית׳טע אונטערטראָגענדיג דער גבירה׳טע אַ פּאָר מצות. איהר זעהט ווי עס שפּיגעלט!

די גבירה׳טע געהט אַלײן צו צום בעט וואו מען וואַרפֿט די מצה. זי בעטראַכט און עס איז קענטיג, אַז זי וויל עפּיס אויסזעצען אַ חסרון, נאָר זי קען לײַכט ניט געפֿינען. און זי איז דערפֿאַר ווי אונצופֿריעדען, ענטפֿערט ניט דער בעל־הבית׳טע. ווען יענע לויבט; ענדליך ווערט זי ווי פֿרעהליכער, זי בעמערקט:

— צו שיטער גערעדעלט...

דער רעדלער דערשרעקט זיך און, אַ בלאַסער, גיעט ער איהר, ווי ווײַט מעגליך ערעל, צו פֿערשטעהן, אַז געדיכטער רעדלען האָט מען שוין ניט געקענט: עס וואָלטען זיך די מצות צעריסען.

אברהם רויזען.

— אַז דו וואָלסט וועלען, למשל, וואָלסטו געקענט געדיכטער רעדלען.

דער רעדלער איז געבליבען אָהן ווערטער, — צי האָט איהם פֿאַרדראָסען, וואָס זיין מיה, זיין סטאַראַניע איז נישט אָנגעלעגט, צי ער האָט זיך בעליידיגט, וואָס זי האָט איהם, אַ צוואַנציג־יאָהריגען „דו" געזאָגט — ווער קען עס וויסען ? ...

דער טרעגער לעגט אַריין די מצות פֿון בעט אין צוויי גרויסע קוישען, געפֿלאָכטען פֿון דינע קין. ער לעגט זיי פֿאָרזיכטיג, זיי זאָלען זיך ניט ברעכען, עס געלינגט איהם דאָך ניט, די מצות זענען אַזוי געראָטהען־טרוקען, אַז זיי ברעכען זיך ליגענדיג שוין אין קויש, פֿייגע חנה צעשרייט זיך אויף דעם טרעגער:

— גזלן! עס וועט דאָך מיר אויף קדוש איין גאַנצע מצה ניט בלייבען.

דאָס קליין־געבויגען יידעל, דער טרעגער, ווערט קלענער און געבויגענער. ער וויל איהר זאָגען, אַז ער איז ניט שולדיג, נאָר אַ קוק טהוענדיג אויף איהר, פֿאַלט איהם איין די דמים און שטיל, מיט מעהר פֿאָרזיכטיגקייט, לעגט ער איבער...

נאָר דאָס איבער־לעגען איז שוין אויך פֿאַרטיג. די צוויי גרויסע קוישען זענען פֿול, דער טרעגער שטעהט גרייט צו נעהמען זיי טראָגען, ווי די גבירה וועט נאָר פֿון מויל אויסרעדען.

זי העבט זיך אָן פֿערנאַנדער צאָהלען מיט דער ווירטהין.

אַלע איבעריגע אין פֿאָדריאַד וואַרטען. די הערצער קלאַפּען — פֿיעל וועט זי לאָזען?... אויסער וואָס פֿאַר די אָרימע איז יעדע קאָפּיקע נייטהיג, איז זיי אויך אינטערעסאַנט צו וויסען: ווי פֿיעל?...

אָבצאָהלענדיג דער בעל־הבית'טע העבט זי אָן טהיילען די אַרבייטער. זי טהיילט מיט גדלות, כלומר'שט ניט געצעהלטערהייט. עס ווערט אַ געווינשעריי ביז'ן הימעל, עס פֿליהען מיליאָנען געלד... הונדערטער יאָהר לעבען, געזונד, נחת פֿון קינדער. נאָר

די ברכה, וואָס גרונע די מלמד'קע האָט מבין געווען פריהער. „לשנה הבאה בירושלים", איז ביי איהר אַזוי געבליבען; עס איז עפּיס ניט אויסגעקומען צו זאָגען. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז עס וואָלט געווען, ווי אַ הוסט אין אַ קרענק...

— אַ דאַגה מיר — טרייסט זי זיך אין געדאַנק — מעהר קיין צער ניט האָבען!...

די גבירה געהט אַרויס!

— ווי פּיעל, ווי פּיעל! קלינגען די פראַגען נאָך איהר אַרויסגאַנג.

יעדער חאַפּט זיך צו בעטראַכטען די מטבעות און עס ווערט אַ געפּילדעריי:

— אוי, וואָס פאַר אַ חזיר דאָס איז — די וועלגערינס האָט זי גאָר איין רובל געלאָזען — פאַר 18 וועלגערינס איין רובל!...

— כדאי געווען זיך צו מאַטערען אַזוי!

— אַזוי געדרעקבעלט איהרע מצה!

— אַ גבירה האָט מזל!

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט — שרייט דער זעצער — מיר האָט זי, דער חזיר, אַ גילדען געלאָזען.

— מיר דאָט אויך ניט! קלאָגט זיך דער רעדלער — אַ זילבער־נע גריווע האָט זי מיר אַריינגערוקט.

— גיעב אַ קוק, צי ניט קיין גלאַטע, לאַכט דער זעצער.

— הערט איהר, קינדער, מישט זיך אַריין די בעל־הבית'טע ווי אַ חברטאָרין — זי האָט ביי מיר דאָס ערשטע מאָל געבאַקט און זאָל עס זיין דאָס לעצטע מאָל, איך פערדיען פון איהר גאָר נישט, פאַר דער צייט וואָס איהרע מצה האָט זיך געבאַקט האָב איך גע־קענט צוויי געבעקס אָבבאַקען, און צאָהלען האָט זי געצאָהלט סך־הכל מיט אַ גילדען טייערער אויפ'ן פּוד, און רעד מיט איהר האָט זי מיר גליקליך געמאַכט!

אין פאָדריאַר ווערט פרעהליך, דער עולם העבט אָן צו קריטיזירען פייגע חנהן — עס שיטען זיך ווערטליך און וויצלעך און די בעל-הבית׳טע קוועלט.

— אַ חכם איז דער זעצער — לויבען אַלע — ער האָט טאַקי געזאָגט.

דעם זעצער טהוט הנאה דער קאָמפּלימענט — „וואָס דען" קלערט ער — „געלד האָבען זיי און שכל איז ביי מיר", ער וויל עפּיס זאָגען נאָר עס האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ געוויין.

— שאַ, ווער וויינט דאָס? האָבען אַלע זיך פערוואונדערט. מען האָט זיך אום געקוקט און מען האָט דערזעהן ווי אין אַ ווינקעלע אנגעשפּאַרט דאָס קעפּעל אָן וואַנד שטעהט דאָס שיטעריל און וויינט ביטער, רייבענדיג מיט׳ן האַנד די נאַסע אויגען און פער-שמוצענדיג זיך דאָס פּנים.

— וואָס וויינסטו, יענקעלע, וואָס איז? האָבען אַלע זיך צו איהם אַ לאָז געטהון.

— מיר... האָט זי... גאָר נישט געלאָזען... האָט ער קיים אַרויסגעבליפּעט.

— אוי, זאָל נאָך איהר אַ קלאָג פאַרגעהן! האָט זיך גלייך אַרויסגעריסען פון יעדערענס מויל.

— ווי זי האָט פערגעסען אָן דעם יתום׳ל, אַזוי זאָל גאָט אָן איהרע קינדער פערגעסען — האָבען אַנדערע געשאָלטען.

די קללות זענען געווען ערנסטע, הערצליכע; קוקענדיג אויף זיי, ווען זיי האָבען געשאָלטען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וואָלטען גליקליך געווען, ווען עמיצער וואָלט זיי צוזאָגען, אַז די קללות וועלען מקוים ווערען.

— וואָס ביזטו אַליין ניט צו געגאַנגען, שוטה! ...וסר׳ט איהם ווייך די בעל-הבית׳טע.

— איך האָב פאַר איהר מורא געהאַט! בליפּעט דאָס יתום׳ל.

— פאַר אַלעמען האָט ער נישט קיין מורא, נאָר פאַר איהר, — שטראָפט ווייטער די בעל־הבית׳טע. דו זעהסט אַלעמען גיעט „זי״ און דיר ניט, געהט מען צו און מען זאָגט „זייט מוחל, מיר האָט איהר פערגעסען״... ווי דען?...

אין דער צייט ווען די בעל־הבית׳טע האָט גערעדט, איז דער זעצער געשטאַנען און געקוקט מיט אויגען פערלאָפענע מיט בלוט; ער האָט צוזאַמענגעדריקט די פויסטען און געהויבען זיי אין דער לופט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט שלאָגען; נאָר אַז דאָס יתום׳ל האָט זיך נאָך דער בעל־הבית׳טעס רעד, שטאַרקער צע־וויינט, איז ער צו איהם צו געגאַנגען, אַ גלעט געטהון איהם איבער׳ן קעפּיל און האָט, בעמיהענדיג זיך צו שמייכלען, געזאָגט:

— וויין ניט, נאַרעלע! פאַר דיר האָט זי בייַ מיר איבערגע־לאָזען אַ צעהנערל, — נאַ!

בייַ דיר ווערטער האָט ער איהם אין הענדטיל אַריינגערוקט 5 קאָפּיקעס.

די וועלגעריגם האָבען זיך צוגעקוקט. גרונע די מלמד׳קע דאָט געוואָלט שוין קריטיזירען: „אַן אָרימאַן איז אַ בעל צדקה״, נאָר אַ קוק טהוענדיג אויף׳ן יתום׳לס פערוויינטען פנים, האָט זיך איהר דער צונג ניט געקערעוועט אויס צורעדען אַ וואָרט, שטיל נאָר האָט זי אַ קרעכץ געטהון:

— געוואַלט, רבונו של עולם! פאַר וואָס קומט דאָס זיי?!...

ארימע לייט.

ארימע לייט.

אויף די ארימע לייט, וואס קומען יעדען טאג צעהנדליגער נאך א נדבה, האט חנן דער תבואה־הענדלער שטענדיג געקוקט, ווי אויף א בעזונדערע אומה, חאטש איסער יידישע ארימע־לייט פלעגען אין זיין שטיבעל ניט אריינקומען. זייער גאנצער הילוך, זייער האלטען זיך, זייערע אלע פאסטעמקעס האבען געטראגען א כאראקטער פון א פרעמד, ווייט פאלק. א חדוש נאר, וואס רעדען רעדען זיי דוקא יידיש...

חנן איז ניט געווען קיין גוטהערציגער, אלענפאלס איז עס פון זיינע בענעהמונגען ניט געווען קענטיג. שטענדיג א פערטראגע־נער, א בייזער, א צורייצטער פון שלעכטע, ניט־געראטענע מסחרים, פלעגט ער זיצען אין שטיבעל, שוין אפילו אין די רוהיגע מינוטען, ווי א ברוגז'ער אויף וועלט און מענשען. אז עס פלעגט אריינקומען אנ'ארימאן, פלעגט ער זיך בייז ווענדען צו איינעם פון די הויזיגע:

— גיעב איהם שוין א שטיקעל ברויט און זאל ער געהן.

און אז דער ארימאן פלעגט זיין פון דער אריסטאקראטיע, וואס געהען אהן טארבעס און נעהמען נאר מזומנים, פלעגט ער ווערען אנ'אויפגעקאכטער.

— ער וויל ניט, ווי ער וויל זיך...

און נאכהער פלעגט ער א צורייצטער מורמלען:

— ברויט איז זיי שלעכט, דוקא אַ גראָשען!...

אָבוואָרטשענדיג אַ ווײַלע אויפ׳ן אַריסטאָקראַטישען אָרימאַן, פלעגט גלייך אַ מכח־מחשבה פערטרײַבען דעם געדאַנק וועגען אָרימאַן און חנן פלעגט פערגעסען דאָס פאָרגעקומענע.

האָבען אָבער די לעצטע יאָהרען חנן׳ס מסחרים אַזוי שלעכט אָנגעהויבען צו געהן, אַז צײַטענווײַז איז איהם אַ שאָד געווען אַנ׳אָרימאַן אַ שטיקעל ברויט צו געבען. און וואונדערליך: דוקא אין די שווערע צײַטען האָט ער געפיהלט, אַז יעדער אָרימאַן ווערט איהם נעהענטער. על כל פנים האָט ער שוין זיכער געגלויבט, אַז די אַלע אָרימע לײַט זענען זײַנע ברידער, געהערען צו דער אומה יידען...

און איינמאָל, ווען בײַ חנן׳ען אין שפײַכלער איז קיין קערענדעל תבואה ניט געווען, אין שטוב קיין גראָשען געלד ניט און נאָר אַ האַלבער לאַבען שוואַרץ ברויט איז געלעגען אויפ׳ן נאַקעטען טיש, ווי אַ בייזער עדות אויף דעם ווילדען דלות, איז אַרײַן אַנ׳אָרימאַן, זיך געשטעלט בײַם טהיר און מיט אַ געבראָכענעם קול, שטיל און ווי שעמעוודיג אויסגעברומט:

— קאָנט איהר עפּים שענקען?

אַזאַ מין ווענדען זיך פון אַנ׳אָרימאַן איז איהם געווען מאָדנע אומבעקאַנט, און די דאָזיגע נײַע שאלה האָט איהם עפּים ווי געשראָקען און מיט אַ געפאַלענקײַט האָט ער געענטפערט:

— אַ שטיקעל ברויט, ר׳ ייד, אויב איהר ווילט.

— אַ שטיקעל ברויט איז אויך גוט... — האָט דער אָרימאַן שוין דרייסטער געענטפערט...

חנן האָט איהם אַליין אָבגעשניטען אַ שטיק ברויט, בעטראַכט אין האַנד די וואָג און האָט משער געווען, אַז עס וועט זײַן אַודאי

אַ האַלב פֿונד. צופֿריעדען האָט ער עס דערלאַנגט דעם אָרימאַן צום טהיר און עס איז געווען קענטיג, אַז דער אָרימאַן וויל עפּיס רעדען. חנן האָט אָבער פֿאַר אַ שמועס מורא געהאַט, ניט וויסענ־דיג אַליין פֿאַרוואָס און האָט זיך אָבגעקעהרט פֿון איהם...

פֿון דעם טאָג אָן האָט זיך חנן שטאַרק גענומען אינטערעסירען מיט אָרימע לײַט און פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט אַ מורמעל טהון, ווי פֿאַר־זיך.

– יעדער ייד איז ניט בעוואָהרענט פֿון געהן איבער די הײַזער...

נאָך דעם דאָזיגען געדאַנק פֿלעגט ער זיס זיך צוזיפֿצען און עס האָט אויסגעוויזען, אַז אין עצם איז דאָס ניט אַזוי שרעקליך...

און וואָס טהוט טאַקי אַ ייד – האָט זיך איינמאָל חנן פֿערטראַכט – אַז די געשעפֿטען געהען אַוועק אין דר'ערד און עס איז ניטאָ פֿון וואַנען צו לעבען?... טאָ וואָס טהוט מען?

„מען געהט איבער די הײַזער!" – האָט איהם ווי אַ קלונג געטהון אין די אויערען.

גראָד האָט זיך געעפֿענט די טהיר און עס איז אַרײַנגעקומען אַנ'אָרימאַן, אַ ייד פֿון אַ יאָהר זעכציג. חנן האָט איהם גענוי בעטראַכט און ער האָט בעמערקט, אַז דער אָרימאַן טראָגט פּונקט אַזאַ קאַפּאָטע, ווי זײַנע... איין קאָליער און איין שניט... ער האָט אַ שוידער געטהון.

צו דעם דאָזיגען אָרימאַן האָט איהם עפּיס אַ ציה געטהון; קיין ברויט וועט ער איהם ניט געבען: ער וויל איהם ניט מבזה זיין: ער טראָגט אַזאַ קאַפּאָטע, ווי זײַנע... ער וועט איהם געבען אַ גראָשען, וועלכער ליגט גראָד אויפֿ'ן קוימען, אַ רעשט פֿון נעכטיגע „הליאַג", וואָס מען האָט געקויפֿט אויף וועטשערע.

אָבגעגעבען דעם גראָשען מיט אַ ציטערדיגער האַנד, האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ שאלה:

— עֶפּיס אַ ווײַטער ייִד? ...

דער אָרימאַן איז פֿון דער שאלה זוי געהויבענער געוואָרען, ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, בנעימות אַ זיפֿץ געטהון און געענטפֿערט:

— אַ קאָוונער ...

— אַ קאָוונער? — האָט זיך חנן מאָדנע פֿערחידושט — עפּיס גאָר ניט ווײַט ...

— צו־פֿוס געהן איז גאַנץ ווײַט ... — האָט דער אָרימאַן גע־ענטפֿערט מיט אַ ווײַכען שמײכעלע ...

חנן דאָט איהם בעקוקט ווידער, געפֿונען, אַז די קאַפּאָטע איז פּונקט ווי זײַנע, נאָר די קנעפּלעך זענען אביסעל גרעסערע ווי בײַ איהם ... האָט אַ הוסט געטהון און ווײַטער געפֿרעגט:

— שוין לאַנג, אַז איהר זענט אין אַזאַ מעמד? ...

— שוין שענע עטליכע יאָהר ... האָט דער אָרימאַן געענטפֿערט און אין זײַן ענטפֿער האָט געקלונגען אַ מין שטאָלץ ...

— איהר האָט אַ ווײַב און קינדער? האָט חנן ווײַטער גע־פֿרעגט:

— עס איז דאָ אַ ווײַב און קינדערלעך, זאָלען געזונד זײַן און מען וואַרט אויפ׳ן שפּײַזער ...

— וואָס זענט איהר אַמאָל געוועזען?

„ער וועט געוויס ענטפֿערען אַ תבואה־הענדלער — האָט זיך חנן נעשראָקען.

און ניט אומזיסט, דער אָרימאַן האָט ווידער מיט שטאָלץ געענטפֿערט:

— געהאַנדלעט מיט תבואה ... געוועזען אַ סוחר ...

איצט האָט שוין חנן געוואוסט דעם גאַנצען סוד, די צוקונפֿט האָט איהם ערשײַנט אָהן אַ שלייער און ער איז ווי רוהיגער געוואָרען ...

דער קורצער שלום.

דער קורצער שלום.

I.

טעלטער סתם זענען אַ קללה פון גאָט, בפרט אַזוינע טעלטער ווי לייבע דעם שניידערס.

און אין ווען האָבען זיי זיך „איינגעגעבען״, קען לייבע מיט זיין שניידערשען שכל ניט משיג זיין. ער אַליין איז דאָך ניט שייך — אַ ייד, וואָס האָט קיינמאָל אַ פליג אויפ'ן וואַנד ניט פער־טשעפּעט, און ווען ניט די אַלטע נעה־מאַשין, אויף וועלכער ער פלעגט אַמאָל אָבשטעפּען אַ נאַט, וואָלט מען קיינמאָל איהם ניט געהערט.

די מאַשין איז טאַקי אַנ'אַלטע שרייערין, נאָר וואָס איז ער שולדיג? ער האָט זי דען אויסגעטראַכט?

נאָר צוליעב דער מאַשין וואָלט אין שטוב די רוה זעלטען געשטערט ווערען, לייבע איז פון יענעם סאָרט שניידער, וואָס

האָבען אַרבײַט אײן מאָל אין אַ שמיטה, און דאָס בּיסעל אַרבּײַט, וואָס ער בּעקומט, איז אויך מעהר האַנד־אַרבּײַט, ווי מאַשין־אַרבּײַט, ניט אַלע לאַטעס לאָזען זיך שטעפּען און אַפּילוּ אַז ער בּעקומט ווען אַ נײַעס בּגד בּײַ אַ רײַכען בּעל הגוף, איז דער געוואַנט אַזוי דיק, אַז די מאַשין וועט איהם קײנמאָל ניט בּײַקומען. ער קען נאָך די נאָדעל צובּרעכען, און קויפען אַ נײַע מאַשין־נאָדעל איז ניט פאַר לײַבּעס מצב.

אָבער אין פערגלײַך מיט דעם טומעל, וואָס זײַנע דרײַ טעכטער מאַכען אין שטוב, איז די נעה־מאַשין, ווען אַפּילוּ זי אַרבּײַט, ווי אַ פליײט קעגען צעהן בּאַראַבּאַנעס...

און דער טומעל הויבט זיך אָן אין דער־פריה, ווי זײ הײבּען זיך אויף פון די בּעטען. די ערשטע הײבּט זיך אויף לאה, וואָס האָט אַ צונאָמען „די קאַץ”. דערפאַר וואָס אין אַ שטוב־געשלעג דראַפּעט זי זיך מיט די נעגעל און לאָזט ווילטיגע סמנים אויף די צווײ שוועסטערס פּנימער. אַז לאה, די יינגערע הײבּט זיך אויף, פערדריסט איהר, וואָס חאַשע, אָדער מיט איהר צונאָמען „דער מענה לשון”, ליגט נאָך. געהט זי צו צו איהר און שלעפּט זי פאַר די צעפּ, האַפּט זיך אויף יענטע, די עלטערע, מיט׳ן צונאָמען „די פערזועסענע” (חאָטש זי איז נאָך ניט אַזוי אַלט) אין אײן העמד און מיט צופודעלטע האָר וואַרפט זי זיך אַרויף די צווײ שוועסטער. זי וויל, הײסט עס, אַ שלום מאַכען. און דער שלום קומט ערשט, ווען די „קאַץ” צודראַפּעט בּײדע פּנימער בּיז בּלוט און זי אַלײן בּעקומט טרוקענע קלעפּ מיט די הענד, אָדער מיט די שטעקענס, וואָס געפינען זיך אין שטוב גראָד לרוב.

דער שלום געדויערט אָבער ניט לאַנג. בּאַלד הײבּט זיך אָן אַ מחלוקת וועגען בּולבּעס שײלען, די „פערזועסענע” הײסט, אַז דער „מענה־לשון” זאָל שײלען, דער מענה־לשון הײסט די „קאַץ” זאָל שײלען און די קאַץ זאָגט:

— זאָלט איהר אַזוי בײדע דערלעבען געהן צו דער חופּה, זוי איהר וועט עס דערלעבען, אַז איך וועל שײלען.

בּיז זײ נעהמען זיך אַלע שײלען, די פּשרה מאַכט די מאַמע. חאָטש קײן גרויסע דעה האָט זי ניט בּײ זײ, נאָר זײ דערזעהען, אַז באַלד הײצט זיך אוים דאָס אויוועלע און זײ וועלען בּלײבּען הונגעריג.

און פאַר הונגער ציטערען די דרײ שוועסטער, מעהר ווי פאַר דראָפּעניש, קללות און קלעפּ...

און אַזוי געהט אַריבּער דער גאַנצער טאָג, און אַזוי איז דער מאָרגען, דער איבּער-מאָרגען, דער פרײטאָג, דער שבת.

און לײבּע, וואָס הערט אַלע טאָג בּין מנחה למעריב „עין-יעקב" און איז דערפאַר ניט קײן עם-הארץ, זיפצט אויף לשון-קודש:

— צרת-הבּת! צרת-הבּת!...

און די מאַמע, גרונע, אַ יידענע פון טײטש-חומש, זיפצט און וויינט אויף עברי-טײטש:

— אַ פערשאָלטענער בּויך בּײ מיר געוועזען...

II.

אַז עס איז דאָ אַ גן-עדן אויף יענער וועלט גלויבּט לײבּע זיכער ווי גאָלד. שײך אַ גן-עדן: צי וועט ער ווען עס איז גרײכען אהין, ווײס ער ניט. עין יעקב הערט אפילו ער אַלע טאָג. ווענגען תהלים שמועסט מען דאָך ניט, — אַלע טאָג אַ יום, שבת - דעם גאַנצען, און ראש-השנה — זעקס מאָל הין און צוריק! נאָר ווער ווײס, צי דאָס אַלײן קלעקט! מען דאַרף האָבּען נאָך מעשים-טובים. האָט ער זײ? גאָט ווײס!

אָבער, אַז עס איז דאָ אַ גן־עדן אויך אויף דער וועלט, ווייס ליבע נאָך זיכערער, ער פיהלט איהם, ער זעהט איהם, ער האָט איהם אַ חודש אין יאָהר.

קיין „טאַלענט" האָט ער ניט געקענט אויסלערנען די טעכטער, שניידעריי איז אין שטעדטעל אין דר'ערד. אין אַ קראָם אָבגעבען וואָלט אַוודאי גוט געווען, נאָר זיינע טעכטער האָבען אַ שם פאַר צולאָזענע, ווילדע, און קיין בעל־הבתישער קרעמער וואָלט זיי ניט גענומען.

אָבער ווענגערן האָבען זיי געקענט.

ווי ליבע איז אָרים געווען, האָט ער דאָך „אויף שבת" ווי עס איז „געקריגען", און אַלע דאָנערשטאָג פלעגט מען ביי איהם אין שטוב ווענגערן אַ בלאַט לאָקשען, און אַ דאַנק אָט דעם בלאַט לאָקשען האָט ליבע זוכה געווען צו געניסען דעם גן־עדן אויף דער וועלט.

ווענגערינס זענען זיינע טעכטער איינע אין אַ מדינה און פאַר אַזוינע גערעטענע ווענגערינס איז דאָס שטעדטיל צו קליין, זיי דאַרפען אַ כרך, וואו זייער אַרבייט פערשטעהט מען און וואו זייער אַרבייט ווערט גוט בעצאָהלט.

און גלייך אויף מאָרגען נאָך פורים לאָזען זיך די דריי שוועסטער אין דער נאָהענטער גרויסער שטאָדט אַריין ווענגערן מצה.

און דאָ הייבט זיך אָן פאַר ליבען דער גן־עדן...

ער בלייבט איינער אַליין אין שטוב. אפילו דאָס ווייב איז אויך ניטאָ אין שטוב, זי קנעט אין אַ פּאַדריאַד אין שטעדטעל גופא.

און ליבע זיצט ביי דער ביסעל גוי'עשע אַרבייט, וואָס ער האָט אויף זייער „פסח" בעקומען, און טראַכט: ווי גוט איז אויף דער וועלט, אַז מען האָט ניט קיין ווייב און קיין דריי טעכטער.

אַ גן־עדן, אַ גן־עדן.

III.

אַ צוויי טאָג פֿאַר פּסח קומען די טעלטער צוריק, דער־הערענדיג זייערע שטימען נאָך אויף די וועגען, בלייבט לייבע דערשראָקען.

— אויס גן־עדן! דער גיהנם איז געקומען!

ער איז זיך אָבער טועה, עס לאָזען זיך אריין די דריי שוועסטער, פֿריילּיכע, ליעבליכע און גוטע, — טראָגענדיג יעדע אין די הענד צו פּעקלעך.

לייבע דערקענט זיי דאכט זיך ניט, זענען דאָס זיינע טעלטער?

— נו, וואָס מאַכסטו, טאַטע, רופֿט זיך אָן מיט אַ ליעבען שמייכעל „די קאַץ".

די פֿראַגע איז אַזוי אונערוואַרטעט וויך, אַזוי בנעימות'־דיג, אַז לייבע פֿערשעמט זיך און אַ טרער שטעלט זיך איהם אין אויג.

— יענטע! רופֿט זיך אָן ווידער „די קאַץ". די פּסח'דיגע שמאַלץ האָסטו אַראָבגעטראָגען?

— יאָ, ענטפֿערט יענטע.

— ווער איז דאָס די יענטע? פֿערקלערט זיך לייבע.

אַ גאַנץ יאָהר הערט ער ניט דעם נאָמען.

— אהאַ! דערמאָנט ער זיך — דאָס איז די „פּערזאָנע".

— חאַשע! לאָמיר אויספּאַקען די טיקווע־שמאַלץ! — רופֿט זיך אָן יענטע,

— ווער איז די חאַשע! פֿערקלערט זיך לייבע.

— אהאַ! דערמאַנט ער זיך, דאָס איז דער „מענה־לשון".

לייבע וואָלט זיך ניט געשעמט וואָלט ער גענומען אַלע

דריי טעלטער, צונויפדריקען זיך און זייערע שוואכע אָרעמס און קושען זיך.

אין אַ שעה אַרום נעהמט יעדע טאָכטער אַרויס איהר פערמעגען.

ביי־נאַכט קומט אויף די מאַמע פון פאַדריאַד אנ׳אָפּגערעכענטע.

מען בע׳חשבונ׳ט דעם איינענם — איבער 40 רובל.

— עס וועט זיין אַ פסח כיד המלכות: זאָגט די מוטער.

די טעכטער זיצען מיט דרך־ארץ און שווייגען.

— איך האָב אויך עפּעס פערדינט! זאָגט לייבע אַרוים מיט אַ שוואַכען קול און קראַצט אוים פון בייטעלע צעהן גילדען.

— און אַ רובל קומט מיר נאָך פון סטעפּאַנען פאַר דעם קאַפּטאַן, ס׳איז גוט געלד! גיעט ער צו.

— גבירים! לאַכט לאה.

— יענטע! — רופט זיך אָן האַשע — לאָמיר, מיין גאָלד, זיך נעהמען צו וואַשען אויף פסח.

— נו־נו! שטימט איין יענטע.

— איך וועל אייך אויך העלפען! זאָגט לאה.

און די דריי שוועסטער נעהמען זיך ראַמען די שטוב, און דערצעהלען מעשיות פון דער גרויסער שטאָדט און לאַכען.

און לייבע קוקט, הערט און פערשטעהט גאָר נישט...

IV.

פסח מאַכט מען ביי לייבען פון דער פולער האַנד.

די טעלטער זענען זאַט און בעקליידט, געהען זיי אַרום דעם ערשכּען טאָג נאָכ'ן גוטען מיטאָג אַלע דריי שפּאַצירען.

— ווער זענען דאָס די דריי מיידלעך? פרעגט איינע פון א קופּקעלע ווייבער, דערזעהענדיג זיי אין גאַס.

— דאָס זענען דאָך לייבעס „מיילער".

— וואָס זאָגט מען צו זיי? וואונדערט זיך די ערשטע.

— כ'האָב גאַר זיי ניט דערקענט!

— זיי האָבען זיך אין פּאָדריאַד אויסגעאיידעלט. לאַכט אַן אַנדער יידענע.

— זיי האָבען פּסח וואָס צו עסען, זענען זיי שטיל. לאַכט נאָך איינע.

— און וואָס מיינט איהר — זאָגט שוין ערנסט צוריק די ערשטע — אַז מען האָט וואָס צו עסען קריגט מען זיך ניט, שעלט מען זיך ניט — אַ גאַנץ יאָהר איז דאָרט אַ דלות, אַז גאָט זאָל רחמנות האָבען!

— אַלץ איז פון אָרימקייט! זיפצט נאָך אַ יידענע.

און די שוועסטער זענען שוין אונטער'ן שטעדטעל, זיצען אויפ'ן גרינעם גראָז, דערמאָנען זיך די שענע, גרויסע שטאָדט און שמועסען ווי דריי טייבעלעך.

אַזוי געדויערט ביז נאָך פּסח.

אָבער מיט דעם ערשטען פאַרדאַרטען שטיקעל חמץ, וואָס מען טראָגט אַראָב פון בוידעם צוריק, קומען צוריק די קללות און קריעג צו לייבען אין שטוב אַריין.

און די „קאַץ" און דער „מענה-לשון" און די „פרעסענע"

קענען זיך ווידער ניט צוטהיילען, און מען שילט זיך און שלאָגט זיך און מען דראַפּעט זיך...

און לייבע זיפצט ווידער אויף לשון־קודש:

— אוי, צרת־הבת!...

דער פאלשער פערציגער.

דער פאַלשער פערציגער.

די גבירים, וואו גליקסמאַן האָט ווינטער מיט מיה געקריגען אַ פּאָר לעקציעס און האָט געהאַט דער פון זיין אויסקומעניש, זענען זיך צעפאָהרען אויף די זומערוואָהנונגען און ער איז געבליבען אין דער גרויסער שטאָדט אָהן אַ גראָשען אין טאַש און אָהן אַ האָפנונג ביז קומענדיגען ווינטער צו בעקומען וואָס.

צווישען זיינע חברים האָט ער געהאַט אַ נאָמען פאַר אַן ערליכען יונגען מענשען, וואָס וויל אַרבייטען, נוצליך זיין דער וועלט, נאָר ער האָט ניט וואו זיינע כּוחות אַוועק צולעגען און ווי אָרים זיינע חברים זענען אַליין ניט געוועזען, האָבען זיי דאָך די ערשטע צייט איהם געשטיצט מיט זייערע עטליכע לעצטע קאָפּיקעס, וועלכע זיי פלעגען איהם לייהען אַלס „גמילות חסד".

ער האָט זיך געפיהלט נאָך יעדער אַזאַ „גמילות-חסד", ווי בעלעדיגט און ער פלעגט אַלץ חזר'ן אין געדאַנק, אַז ווי נאָר ער בעקומט די ערשטע לעקציע וועט ער יעדען מיט'ן גרעסטען דאַנק צוריק אומקעהרען דאָס געלד, וואָס ער נעמט ביי זיי.

עס זענען אָבער פערגאַנגען איינינע וואָכען, די אָרימע חברים זענען נאָך אָרימער געוואָרען, עס זענען צווישען זיי אויך צוגע-קומען נאָך עטליכע לעהרערס אָהן „שטונדען", צו גליקסמאַנ'ס

לאגע איז מען געוואָהנט געוואָרען און איהם האָט ערוואַרטעט הונגער...

ער האָט דעם הונגער פאַרגעזעהן און ווי א פינסטערע גע-שטאַלט האָט ער איהם געשראָקען...

און ער האָט זיך געראַנגעלט, געזוכט אויס צו ווייכען דעם אָנקומענדיגען הונגער. דער ערשטער מיטעל איז געווען צו פער-בויגען דעם שטאָלץ. דער מיטעל איז אפילו געווען ניט אויסגע-רעכענט, נאָר ממילא, ניט פיהלענדיג אליין די נידריגקייט און קלייניקייט דער פון.

און גליקסמאַן האָט שוין אויפגעהערט צו חזר'ן אין געדאַנק אז ווי נאָר ער בעקומט די ערשטע געלד וועט ער יעדען זיין חוב מיט'ן גרעסטען דאַנק צוריק אומקעהרען. זיין מוח איז געווען פערנומען מיט א מעהר ווילטיגע פראַגע: וואו קריגט מען לייהען עפּעס געלד אויף עסען? וועגען צוריקגעבען זאָל שוין גאָט זאָרגען...

און וואָס א טאָג, האָט ער אָנגעהויבען אַליץ מעהר זיך ערני-דעריגען און בעטען מיט רחמים עטליכע קאָפּיקעס באָרגען, און כדי זיין בקשה זאָל שטאַרקער ווירקען, פלעגט זיך ביי איהם אָפּט מאָל ארויסרייסען פון דער צונג: „גלויבט מיר, איך האָב נאָך היינט ניט אָנגעביסען”.

נאָך דעם פלעגט ער עטליכע מאָל אויסשפּייען, ווי ער וואָלט אַנ' עקעלהאַפטע זאַך אַראָבגעשלונגען. ער האָט איינמאָל אפילו זיך אַליין מיט כעס א פאַטש געגעבען און א געשריע געטהון: „דו בעטעלסט!”... בעגעגענענדיג אָבער באַלד א צווייטען פלעגט זיך ביי איהם, הונגעריגערהייט, די זעלבע פראַזע נאָך שטאַרקער, נאָך ריהרענדער און נעבעכדיגער ארויסרייסען, די צווייטע ענט-זאגונג פלעגט ער שוין רוהיגער צונעמען, קיין פאַטש זיך ניט געבען נאָר מיט רחמנות אויף זיך אַליין, פלעגט ער טיעף

אַבּזיפּצען און פלעגט אָנהייבען זוכען אַ דריטען, אַ פערטען אַ פינפטען בעקאַנטען...

* * *

12 אַ זייגער ביי טאָג. די גאַס רוישט. גליקסמאַן געהט אום אין דער רוישענדער גאַס און זוכט עפּיס מיט זיינע הונגעריגע אויגען. איהם דאַכט זיך, אַז די גרויסע געדיכטע מאַסע פון מענשען, וואָס בעוועגט זיך דאָ אין גאַס, אַז די אַלע מענשען, די געהער און פאָהרער, זענען שותּפים, הבֿ'ן, שמייען, לויפען און יאָגען און יעדער בעקומט דערפאַר זיין חלק פערדיענסט און האָט וואָס צו עסען. נאָר איהם, גליקסמאַנ'ען, האָט מען, ער ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, אַרויסגעוואָרפען פון שותּפות און מען וויל איהם קיין חלק ניט געבען און דעריבער וועט ער אויסגעהן פאַר הונגער.

ער שעמט זיך פאַר די דורכגעהענדע און פאַר זיך אַליין: אַ יונגער, געבילדעטער מענש, מיט צוויי העגד, וואָס ווילען אַרבייטען, מיט צוויי פיס, וואָס ווילען אויך לויפען וואָהין מען דאַרף, מיט אַ קאָפּ, וואָס איז פעהיג לאָגיש צו דענקען, — אַזאַ יונגער מענש געהט אום אַ הונגעריגער, אונבעהאָלפענער, אין מיט'ן העלען טאָג, אין מיטען רוישענדער גאַס! ווי מיאוס! ווי מיאוס!...

וואָס מעהר ער איז געגאַנגען האָט זיך דער הונגער אַלץ מעהר געשטאַרקט און ער איז אַלץ שוואַכער געוואָרען, די קניה האָבען זיך געבויגען, אין די אויגען געשווינדעלט און ער האָט זיך גע-שראָקען, ער זאָל אַזוי געהענדיג ניט פאַלען... און ער האָט פער-צווייפעלט געזוכט אַ געדאַנק אין קאָפּ, וואָס זאָל איהם טרייסטען און שטאַרקען, ער זאָל כּח האָבען זיך ראַנגלען נאָך און לעבען בלייבען.

— איך בין ניט איינער! האָט ער די אַלטע טרייסט געפונען — דאָ זענען פערהאַן אַסך אַזעלכע, ווי איך.

ער האָט יעדען בעגעגענדען אַריינגעקוקט אין פּנים, ווי ער וואָלט וועלען געפינען נאָך אַזא ווי ער. אַלע פּנים'ער האָבען אָבער גראָד אַזוי זאַט און צופריעדען אויסגעזעהן, אַז גליקסמאַן'ען האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז טאַקע נאָר איינער, און ער האָט זיך נאָך מעהר פערצווייפעלט, און געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער און ווייטער, ניט וויסענדיג אַליין וואוהין און צו וואָס.

פּלוצים האָט איהם אין די אויגען אַ פינקעל געטהון אַ בעקאַנטע הוט און נאָכדעם אַ פּנים. ער האָט בעגעגענט אַ בעקאַנטען מיט וועלכען ער האָט אין גאַנצען צוויי מאָל אויסגערעדט עטליכע קורצע פראַזען און האָט אַפילו ניט גוט געדענקט יענעמס פאַמיליע־נאָמען.

„ער וועט לייהען!" האָט איהם דורכגעשטראַהלט אין קאָפּ און ער האָט אָבגעשטעלט דעם בעקאַנטען מיט אַניידערגעשלאָגען „גוט־מאָרגען".

דער „בעקאַנטער" האָט אויבגעשטעלט אויף גליקסמאַנען די אויגען, ווי ער דערקענט איהם ניט.

— איהר האָט פערגעסען? האָט גליקסמאַן מיט אַ הכנעה־דיגען טאָן געפרעגט — מיר האָבען זיך בעקענט ביי זילבערמאַנען — איהר געדענקט? גליקסמאַן!

— אַהאַ! האָט זיך דער בעקאַנטער דערמאָנט, האָט אַ שמייכעל געטהון, און איז געבליבען אָהן ווערטער.

„ער וועט לייהען!" האָט גליקסמאַנען ווידער געבליצט אין מח און האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

— איהר ווייסט, וואָס איך האָב מיך אָבגעשטעלט?... איך וואוין ווייט פון דאַנען... איך דאַרף דאָ האָבען עטליכע קאָפּיקעס בויטיג און איך האָב פערגעסען דאָס בייטעלע אין דעם היים... איהר

האָט אָפשר בּיז מאָרגען, העלסטענס בּיז איבּער מאָרגען אַ קאָפּיקעס צוואַנציג, איהר מוזט מיר לײַהען!...

דער בּעקאַנטער האָט אַנשטאָט צו ענטפערען, אַרײַנגעלעגט די האַנד אין טאַש. גליקסמאַנען האָט דאָס האַרץ שטאַרק אָנגע־הויבּען צו קלאַפּען.

— איהר זעהט? האָט דער בּעקאַנטער געזאָגט אויסטרײַסלענדיג דאָס בּײַטעלע.

גליקסמאַנען איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען: דאָס בּײַטעלע איז לעדיג געווען.

— „אוי!” האָט זיך בּײַ איהם ניט ווילענדיג אַרויסגעלאָזען פון האַרצען אַ פערצווייפעלטער זיפץ, ער האָט זיך פערשעמט פון אַזאַ זיפץ און האָט קוים אַרויסגערעדט:

— וואָס דאַרפט איהר מיר ווײַזען — איך גלויבּ אײַך!

— איך האָבּ אפילו יאָ אין טאַש ערגיץ אַ פערציגער, איז ער אָבּער אַ פאַלשער, — האָט דער בּעקאַנטער צו געלעגט, ווי ער וואָלט װעלען אַרויסנעמען גליקסמאַנען פון זײַן פערלעגענהײַט.

— ווײַזט נאָר אַ קוק טהון! האָט זיך גליקסמאַן אָנגעכאַפּט. דער בּעקאַנטער האָט אָנגעהויבּען אַרומצוזוכען אין די טאַשען און זוכענדיג, האָט ער אַלץ געטראַשעט גליקסמאַנען, אַז ער האָט איהם שוין, דאַכט זיך, אַרויסגעוואָרפען און גליקסמאַן האָט מיט שרעק אין די אויגען געוואַרט.

— שאַ, ער איז דאָ! האָט דער בּעקאַנטער אָנגעזאָגט.

— ווײַזט, ווײַזט אַ קוק טהון, האָט גליקסמאַן, ווי אַרויס געריסען דעם פערציגער פון דעם בּעקאַנטענס הענד.

ער האָט דעם פערציגער אויפמערקזאַם בּעטראַכט און האָט זיך קרענקליך פערקרימט: דער פערציגער איז געווען געל ווי מעש און זעהר לײַכט אין האַנד. דאָך אַוועק געבּען צוריק האָט גליקסמאַן עפּיס ניט געקענט און ער האָט איהם געבּעגעע:

— גיט מיר איהם, אֶפשר וועל איך...

— אָח, נעמט איהם! האָט זיך דער בעקאַנטער אָנגעכאַפּט, ווי ער וואָלט צופריעדען געווען, וואָס ער ווערט פון דער געלער מטבע פטור...

— אדיע! האָט גליקסמאַן זיך געזעגענט, נישט קוקענדיג דעם בעקאַנטען אין פּנים אַריין און פיהלענדיג, ווי זיין פּנים ברענט פאַר חרפּה, ווי מען וואָלט דערויף נאָכט אַרויסגעגאָסען און אָנגעצונדען מיט אַ שוועבעלע.

ער איז געווען אין כעס אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט עס געטהון און פאַר כעס האָט ער בעשלאָסען אויסצוגעבען דעם פערציגער.

— איך מוז איהם אויסגעבען! האָט ער אַ געשריי געטהון, אַזש אַ פּאָר פערביינעהענדיגע האָבען זיך אומגעקוקט.

ער איז אַריין מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען אין דער ערשטער געוועלב פון עסען־וואַרג.

גליקסמאַן, אַלס לעהרער, איז געגאַנגען אָנגעטהון אַרטיג און מיט זיין עדעלען בלאַסען געזיכט און דינע געזיכטסציגע האָט ער געהאַט איין אויסזעהן פון אַ רייכען יונגען מענשען. דער קרעמער, דערזעהענדיג איהם אַריין געהן, האָט זיך אָוועקגעשטעלט און האָט מיט אַ דרך־אֶרץ'דיגען טאָן געפרעגט:

— וואָס ווינשען זי?

גליקסמאַן האָט געוואָרפען נערוועזע בליקען אויף די עטליכע לעבלעך ווייס־ברויט און אויפ'ן גרויסען קעז, וואָס זענען געלעגען אויפ'ן וואַרסטאַט און האָט קוים געענטפערט:

— צוויי פונט ברויט מיט אַ פיערטעל קעז — עפּיס גוטער קעז? האָט ער ווי צוטומעלטערהייט צוגעגעבען.

— דער קעז איז בחיר! אויסגעצייכענטער קעז, ריינער שמאַנט — האָט זיך דער קרעמער צעלאָזט לויבען מיט התפּעלות זיין

סחורה -- איהר קענט פארזוכען א שטיקעל, עס שאדט נישט.

און רעדענדיג האט איהם דער קרעמער אויפ'ן שפיץ מעסער דערלאנגט א שטיקעל קעז.

גליקסמאן האט געשווינד אראבגעכאפט דאס שטיקעל קעז פון מעסער און אריינגעלעגט אין מויל, נאר דערמאנענדיג זיך אן דעם געלען פערציגער האבען איהם הענט און פיס אנגעהויבען חלה'שען און ער האט עס קוים אראבגעשלונגען, ניט שפירענדיג קיין שום טעם אין איהם.

-- זעלטענער קעז... האט גליקסמאן קוים אויסגערעדט און האט זיך אומגעקוקט צום טיהר, ווי ער וואלט וועלען ענטלויפען.

-- א פערטעל קעז און צוויי פונט ברויט? האט דער קרעמער איבערגעפרעגט.

-- א פערטעל קעז און צוויי פונט ברויט! האט גליקסמאן, ווי צוטומעלטערהייט נאכגעזאגט, קלערענדיג אן עצה, ווי אזוי אריין רוקען איהם דעם געלען פערציגער, אז ער זאל ניט בעמערקען.

דער קרעמער האט אבגעוואויגען, איינגעוויקעלט אלץ אין א פאפיער און האט עס העפליך אבגעגעבען גליקסמאנען.

גליקסמאן האט מיט ציטערדיגע הענד א ווארף געטהון דעם פערציגער.

-- גיט א רעשט! האט ער קוים אויסגערעדט און מיט שרעק געקוקט, ווי דער קרעמער קוקט זיך בעטראכטענדיג די מטבע.

-- זייט מוחל! האט דער קרעמער זיך געווענדט צו גליקסמאנען, נאכדעם ווי ער האט די מטבע דריי מאל א ווארף געטהון און זיך צוגעהערט צו איהר טויבען קלאנג, ווי א גרויסער קאמפאזיטאר — זייט מוחל, אפשר האט איהר אן אנדערען פערציגער, דער איז א פאלשער.

— אַ פֿאַלשער? האָט גליקסמאַן זיך תּמ'וואַטע פֿערוואונדערט.

— אַ פֿאַלשער! האָט דער קרעמער קאַלט געענטפֿערט. גליקסמאַן האָט אוועקגעלעגט צוריק דאָס איינגעוויקעלטע ברויט און קעז, גענומען דעם פֿערציגער אין האַנד, בעטראַכט איהם פֿון אַלע זייטען און האָט שטיל, ווי ברוגז אַרויסגערעדט:

— אַ גוטער פֿערציגער, קיין אַנדער'ן האָב איך ניט, און דאָס זיך פֿון קראָם, ווי אַ שאָטען אַרויסגערוקט.

— געשעפֿטען! האָט ער דערהערט הינטער זיך דעם קרעמערס ברוגז'דיג קול און ער האָט דערפֿיהלט אין מויל די ברעקליך פֿון שטיקעל קעז, וואָס ער האָט פֿערזוכט און האָט אויסגעשפּיגען, פֿערברעכענדיג מיט די הענד.

— וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? האָט ער ביטער געקרעכצט, ניט וויסענדיג וואוהין ווייטער צו געהן.

ער האָט גענומען דעם פֿערציגער אין האַנד און געקוקט אויף איהם.

— אַ גוטער פֿערציגער? האָט ער פֿאַר זיך גערעדט, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט אָבנאַרען, ער זאָל האָבען מוטה אַריין צו געהן נאָך אין אַ געוועלב.

נאָר אין דער צווייטער געוועלב איז דאָס זעלבע געוועזען.

ער איז אַרויסגעגאַנגען צורייצט און פֿערביטערט; זיינע אויגען זענען געווען מיט בלוט פֿערלאָפֿען. „חיות רעות!“ — האָט ער אין געדאַנק גערופֿען — פֿערשאָלטען זאָלט איהר זיין;

די ערנידערונגען האָבען איהם בייז געמאַכט.

ער האָט מיט האַס אָנגעקוקט אַלע פֿערבייגעהענדיגע זאַטע פּנים'ער.

— דעם פֿערציגער מוז איך אויסגעבען! האָט ער פֿעסט בעשלאָסען — איך מוז! איך מוז! — און ער האָט זיך געלאָזט געהן.

און אין יעדער געוועלב האט ער אריין געקוקט, זעהן וואס פאר א נפש דארט זיצט ביי דער סטויקע. נאר יעדעס פנים פון די קרעמער האט אזוי שלעכט, גראב ארויסגעקוקט, אז גליקסמאנען האבען די פיס ניט געדיענט אריין צו געהן.

ער האט געזוכט א נארישען פנים, צו אזוי א יונג-קינד, וואס זאל זיך לאזען נארען...

ער האט זיך געלאזען אין א זייטיג געסיל און האט אריין געקוקט אין א קליין-געוועלביל, ביי'ן סטויקע איז געזעסען א קליין-דאר-מיידעלע מיט א פערשלאפען פנים, מיט צעשויבערטע האר און האט טרויעריג געקוקט אין גאס אריין.

— „דא איז דאס!" איז גליקסמאנען דורך געפלויגען אין קאפ און ער איז מיט זילבערע טריט אריין אין געוועלב

— וואס דארפט איהר? האט איהם דאס מיידעלע איבער געפרעגט. זעהענדיג ווי ווילד ער ווארפט זיינע בליקען איבער'ן געוועלב.

גליקסמאן האט זיך איינגעקוקט אין דעם מיידעלעס פנים. איהם האט זיך געדאכט אז איהרע אייגעלעך זענען פערוויינט.

— מען דארף זיין א גזלן אבצונארען זי! האט אין איהם דאס הארץ געריעדט, נאר דער הונגער האט אזוי וועהטאגדיג גענאגט, און ער האט געפרעגט.

— ברויט איז פערהאן?

— יא! האט דאס מיידעלע געענטפערט, קוקענדיג אויף איהם אלץ דערשראקען.

דאס מיידעלע האט איהם אבגעשניטען צוויי פונט ברויט און ווען זי האט געשניטען האט גליקסמאן געזעהן, ווי איהרע דארע הענדטלעך ציטערן און דאס הארץ האט איהם שווער געדריקט, קוקענדיג אויף דאס ארעמע מיידעלע.

— „מען דארף זיין א גזלן אבצונארען זי!" — האט איהם

ווידער דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו רעדן, שטאַרקער ווי פריהער און שטאַרקער פאַר זיין הונגער, ער האָט געוואָלט אַרויס געהן אַזוי פון קראָם, נאָר דאָס אָבגעשניטענע ברויט האָט איהם ווי מיט צוואַנגען געצויגען און ער איז געבליבן.

– גיעב מיר מיידעלע, אַ פערטעל קעז אויך, האָט ער שוואַך אַרויסגערעדט,

דאָס מיידעלע האָט איהם אָבגעוואויגען און דערלאַנגט.

– גיעב מיר אַ רעשט פון אַ פערציגער – האָט ער איהר געזאָגט, דערלאַנגענדיג דעם פערציגער און האָט אין האַרצען געוואונשען, אַז דאָס אָרעמע מיידעל זאָל שכל האָבען און ניט נעמען דעם פאַלשען פערציגער...

נאָר דאָס מיידעלע האָט צוגענומען דעם פערציגער און קוים בעטראַכטענדיג איהם, האָט זי איהם אַריינגעוואָרפען אין קעסטעלע און האָט געגעבן גליקסמאַן צעהן קאָפּיקעס רעשט.

גליקסמאַנען האָט בענאָמען אַ קלאַפּער שווייס און ער האָט ניט געקענט אַרויסגעהן פון געוועלב.

– מיידעלע, אַ מאַמע האָסטו? האָט ער זי פּלוצים געפרעגט.

– ניין, געשטאָרבען! האָט דאָס מיידעלע טרויעריג געענטפערט.

גליקסמאַן איז שיעור ניט אומגעפאַלען.

– האָסטו אַ שטיפמאַמען? האָט גליקסמאַן ווידער געפרעגט.

– יאָ! האָט דאָס מיידעלע נאָך טרויעריגער געענטפערט.

– זי שלאָגט דיך עפּים?

דאָס מיידעלע האָט געשוויגען און גליקסמאַן איז זיכער געווען, אַז דאָס אָרימע מיידעלע ווערט געפּייניגט אַלע טאָג און איהם

האָט זיך געדאַכט, אַז די שטיפֿמאַמע וועט איהר פֿאַר דעם פֿאַלשען פֿערציגער אַוועק'הרגנ'ען.

ער האָט געקוקט אויף דאָס מיידעלע און ניט געוואוסט וואָס צו טהון:

ער האָט נערוועזיש געטאַפּט דאָס ברויט אין האַנד, געקוקט אויף די ווענד פֿון דעם אָרימען געוועלב, אויף דאָס מיידעלע און אין קאָפּ האָבען איהם אַלץ געשלאָגען די ווערטער „אַ גזלן דאַרף מען זיין אָבצונאַרען זי!"

— מיידעלע! האָט ער פּלוצים, ווי מיט אַ געבעט אויסגע־שריען — נאַ דיר צוריק דעם ברויט מיט די קעז און גיעב מיר אַוועק דעם פֿערציגער.

— פֿאַר וואָס? שלעכטע ברויט? האָט דאָס מיידעלע, ווי פֿערשולדיגט געפֿרעגט.

— ניין! גוט — ברויט! טהייער — ברויט... נאָר... פֿאָלג מיר מיידעלע, גיעב אַוועק דעם פֿערציגער, גיעב מיידעלע!

דאָס מיידעלע האָט מיט פֿערוואונדערטע, דערשראָקענע אויגליך איהם אָנגעקוקט און האָט איהם דערלאַנגט צוריק דעם פֿערציגער.

אַ שען מיידעלע! האָט ער מיט דאַנקבאַרקייט אַרויסגערעדט — ווייטער, מיידעלע, זאָלסט דו גוט — גוט קוקען אויף געלד, מען זאָל דיך ניט אָבנאַרען, אַ רחמנות אויף דיר, ביזט דאָך אַנ' אָרימע יתומה...

און ניט ערוואַרטענדיג קיין ענטפֿער איז ער אַרויסגעלאָפֿען פֿון געוועלב.

— איך קען ניט, איך קען ניט! האָט ער ווי פֿאַר זיך אַליין פֿערענטפֿערט זיך פֿאַר זיין שוואַכקייט — איך קען ניט!...

און מיט האַסט האָט ער אַ וואָרף געטהון דעם פֿערציגער

א פ'ן ברוק און דער טויבער קלאַנג פון פערציגער האָט זיך צו־
מישט מיט זיין לאַנגע זיפּץ ...

און אַ הונגעריגער האָט ער זיך געלאָזט געהן ווייטער זוכען
ביי אַ בעקאַנטען עטליכע קאָפּיקעס צו באָרגען ...

דראמאטישע פראגמענטן

די פּערזאָנען:

באָריס: אַ יונגער בחור פון 25 יאָהר, אַ הויכער ברונעט, אַ פּריקאַזשצייק

בערטע: אַ מיידעל פון 22 יאָהר, אַ שניידערין.

שרה: אַ שטיב מיידעל.

זעלצער: אַ פּריקאַזשציק, באָריסעס אַ קאָלעגע.

די סצענע קומט פאָר אין וואַרשע, אין די לעצטע יאָהרען.

ערשטער אקט.

די סצענע שטעלט פאר א קליין=ציבטיג=צימער, ביי איין וואנד שטעהט א בעט, איבערגעצויגען מיט א וויים=לייל־אך; ביי דער וואנד, צום פענסטער, וואס געהט ארויס צו דער גאס, שטעהט א קליין טישעל, מיט צוויי שטולען. אויפען פענסטער שטעהען צוויי ריינע אויסגעווישטע גלעזער, אין איין גלאז ליעגט א טהיי=לעפעלע, עס ליעגט א האלב לעבעלע וויים ברויט, א האלבע זעמעל און א ביכעל פערגאסען מיט טינט. אויף דער וואנד הענגט עפעס אן' איליוסטראציאן פון „ניוואַ״, וואס שטעלט פאר, ווי א יונג מיידעל קלויבט בלומען אין פעלד, און א קליין פאטאגראפיש בילד פון א יונג=מיידעל, געפאסט אין א הילצערנעם רעמעל.

באריס. (לויפט אריין איילענדיג און צוטראגען, ווארפט אראב דעם הוט אויף דר'ערד און דאס שטעקעל לעגט ער אוועק אויפ'ן טיש באלד פערחאפט ער זיך און הייבט אויף דעם הוט פון דר'ערד און לעגט עם אויפ'ן בעט, און דאס שטעקעל נעמט ער צו פון טיש און שטעלט אוועק אין ווינקעל צימער. ער לאזט זיך געהן הין און צוריק איבער'ן צימער און רעדט פאר זיך:) שוין נאך צעהן. זי האט שוין געדארפט קומען

(ער שטעלט זיך אָב און קוקט צום פענסטער.) אויף איהר אַ קשיא, זי קען אַמאָל קומען צוועלף, (שווייגט) זי רויבט מיר מיין רוה, קראַנק וועל איך פון איהר ווערען. (ער קרעכצט) פרעג וואָס האָב איך אין איהר אַזוינס דערזעהען? אַ מיידעל, ווי אַלע, נאָר עס ציהט מיך עפּעס אַזוי צו איהר, אָט וואָלט איך דאַכט זיך דערשטיקט זי אין מיינע אָרעמס! (ער שפּרייט אויס די הענד, ווי ער וויל עמיצען אַרומנעמען) זי האָט אַזוינע שיינע אויגען!... אַזוינע שוואַרצע... אַז זי הייבט זיי אויף אויף מיר, דאַכט זיך מיר, אַז איך ווער פער־ברענט... זי האָט מיך געפּאַקט!... (פּויזע) שוין נאָך צעהן, זי וועט שוין ניט קומען, איהר פערדרעהט דאָך גיך דער מח: אַוודאי אין טהעאַטער מיט עמיצען אַוועק געלאָפען!... ווער עס נעהמט אַ בילעט מיט יענעם געהט זי! פאַר טהעאַטער וואָלט זי זיך געהאַנגען... האַפּט זי דער רוח, זאָל זי ניט קומען. אין צוויי טעג פערגעס איך זי!... (ער הערט זיך צו צו דער טהיר) שאַ, דאַכט זיך איהרע טריט... (ער עפענט נערוועז די טהיר און עס בעווייזט זי דאָס שטוב־מיידיל.)

דאָס שטוב מיידעל: איהר דאַרפט עפּעס? איך געה אין געוועלב.

באָרים: יאָ, יאָ איך דאַרף! גוט וואָס איהר האָט מיך דער־מאָהנט! (נעמט אַרויס דאָס ביטעלע פון טאַש) איהר וועט מיר ברענגען... (ער פאַרטראַכט זיך).

דאָס שטוב מיידעל (בייז): גיכער שוין! איך האָב קיין צייט ניט, די „בעל הבאָנדזיע” זאָגט אַזוי אויך, אַז איך אַרבייט פאַר אייך מעהר ווי פאַר איהר. אַי אַ באַלעבאָנדזיע!

באָרים: איהר וועט מיר ברענגען פון קאָנדיטערייַ אַ פּאָר טשאַסטעס, אָבער פון די גוטע... נאַט אייך געלד.

דאָס שטוב מיידעל: און מעהר גאָר נישט?

באָרים: ניין.

(דאָס שטוב-מיידעל לאָזט זיך צו דער טהיר).

באָרים: שרה, שרה!

דאָס שטוב מיידעל (קעהרט זיך אום): נו, רבונו של עולם, וואָס ווייטער?

באָרים: נאַ דיר נאָך אַ גילדען און קויף עטליכע זעמעל מיט וואורשט... צוקער האָב איך, טיי דאַכט זיך אויך...

(דאָס שטוב מיידעל געהט אַרויס).

באָרים (אליין): טאָמער קומט זי פאָרט, די משוגענע, און איהר פערוויללט זיך עסען... אפילו אַ שאָד דאָס געלד, עס וועט מיר מאָרגען אויף מיטאָג פעהלען... נאָר וואָס טהוט מען מיט איהר? זאָל זי ניט זאָגען, אַז איך בין אַ „קבצן”... בײַ איהר איז אַ קבצן ערגער, ווי געשמדט... „ביזטו אַ קבצן. זאָגט זי, וויל איך מיט דיר קיין געשעפטען ניט האָבען”... (עס דערהערען זיך טריט, באָרים דערקענט איהרע טריט) זי געהט! זי געהט!

(עס עפענט זיך די טהיר און עס לויפט אַריין בערטע מיט אַ פריילינ׳ שיינעדיג פנים, אין אַ לײַכטען זומער אַנצוג, מיט אַ זאָנטיק אין דער האַנד. פון איהרע בעוועגונגען בלאָזט אין צימער ווי אַ ווינד, זי דערלאַנגט באָריסען די האַנד, גיט איהם נאָכדעם לוסטיג אַ שטויס און זעצט זיך לאַכענדיג אַוועק).

בערטע: איהר ווייסט, באָרים, וואָס מען גיט מאָרגען אין טהעאַטער?

באָרים (פאַר זיך): שוין ווייטער מיט איהר טעאַהטער, וואָס?

בערטע: „אאידא!” — מײַן געליבטעסטע אָפּערא. קרושעלניצקע שפיעלט אַ אידאַ מיט באַטעסטינען... איך געה

מאַרגען נעפּרעמענאָ! אויף אַאידאַ ניט געהן — אַ פֿיינע זאַך! איהר וועט דאָך אויך געהן — האַ?

באָריס (פֿער, עגען): איך וועל געהן... איך וועל געהן! אַוודאי געהן! ווי דען?

בערטע: ניט אַנדערש, ניט אַנדערש! איהר מוזט געהן, סיידען איהר ווילט זיך מיט מיר מעהר ניט זעהן...
(זי קוקט איהם לאַכענדיג אין די אויגען אריין).

באָריס: בערטע! וואָס ווילסט דו?

בערטע: וואָס איז אייך, באָריס! חאַ=חאַ=חאַ! מיין געליעבטער!

באָריס: (נעמט זי אָן מיט ליעבשאַפֿט פֿאַר דער האַנד) אַ בילעט האָסט דו, מיין לעבען?

בערטע: אויך מיר אַ זאָרג — אַ בילעט! פֿינקעלשטיין וויל מיר נעמען אַ בילעט, נאָר איך וויל ניט. איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר נעמען, איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר נעמען...

באָריס: (מיט שטראַהלענדע אויגען): דערפֿאַר וואָס דו האָסט געזאָגט „דו", נעם איך דיר אַ בילעט...

בערטע (לאַכענדיג): איהר וועט מיר נעמען...

באָריס: ניין!

בערטע: דו וועסט מיר נעמען.

באָריס (לאַכט): יאָ, יאָ... (וויל זי קושען).

בערטע (שטויסט איהם אָב): דאָס טאָר מען ניט,

באָריס: פֿאַר וואָס?

בערטע: עס איז נאָך צו פֿריה.

באָריס: ווען דען יאָ?

בערטע (לאַכענדיג): שפּעטער, שפּעטער, ווען איהר וועט ווערט זיין!

באָריס: (מיט ברענענדע אויגען): פֿאָרט ווען? רעד ווערטער...

(עס עפֿינט זיך די טהיר און עס געהט אריין דאָס שטוב-מיידעל. צו באָריסען): נאַט אייך, דאָ האָט איהר דאָס!

בערטע (וויקעלט פֿערנאַנדער די פּאַפּירען): זעהר גוט! זעהר גוט! איך וויל טאַקי עסען!

דאָס שטוב מיידעל: עס איז ניט פֿאַר אייך.

בערטע (ווענדענדיג זיך צו באָריסען מיט אַ שמייכעל): עס איז ניט פֿאַר מיר, באָריס?

באָריס (רויט ווערענדיג): פֿאַר אייך, פֿאַר אייך! עסט געזונטער-הייט, זאָל אייך וואויהל בעקומען!

דאָס שטוב מיידעל (אונטער דער נאָז): כאַראַ מין גוט-לעבען! פונקט ווי נאָך דער חתונה... (זי געהט אַרוים).

(בערטע הויבט אָן עסען און באָריס קוקט אויף איהר מיט פֿייערדיגע בליקען).

באָריס: בערטע, מיין לעבען, זאָג וואָס וועט זיין די ענדע?

בערטע (עסענדיג): די ענדע וועט זיין זעהר גוט: איך וועל יעצט אויפֿעסען די וואורשט מיט די זעמעל, טיי וועט דאָך מסתּמא אויך זיין, וועל איך פֿערטרינקען, און וועל געהן אַהיים זיך לעגען שלאָפֿען.

באָריס: און ווער וועט זיך דיר חלומען?

בערטע (שמייכלענדיג): דו געוויס ניט!

באָריס: אפשר יאָ!

בערטע: געוויס ניט!

באָריס: פֿאַר וואָס?

בערטע: ווייל איך טראַכט וועגען דיר קיינמאָל ניט.

באָריס: דאָס איז אַ ליעגען.

בערטע: אַנ'אמת!

באָריס (נאָך אַ קליין-שווייגען): בערטע! גענוג דיר צו שפּאַסען!

בערטע: איך האָב פֿיינד צו זיין ערנסט!

באָריס: עס מוז דאָך אָבער נעמען אַנ'ענדע.

בערטע: אדרבא.

באַרים (פֿריילעך): נו, האָטש מאָרגען.

בערטע (שמייכלענדיג): לעגט אָפּ אויף איבער מאָרגען: מאָרגען איז מאָנטאָג — ניט קיין מזל׳דיגער טאָג... (לאַכט).

באַרים (אויפגערעגט): בערטע, בערטע! גענוג צו שפּאַסען! איך קען אָהן דיר אַ טאָג ניט לעבען.... זאָג מיר דעם אמת, האָסט מיך ליעב?

בערטע (ערנסט): ליעב.

באַרים (אויפגעלעבט): אָ, מיין טייערע! ... (וויל איהר פּאַלע אויפ׳ן האַלז).

בערטע (פֿערזאָרגט): איילט זיך ניט, מיין ליעבער! אמת איך האָב דיך ליעב, אָבער דאָך...

באַרים (נייגעריג): ערקלער מיר דעם „דאָך"...

בערטע (נאָך אַ קורצער פּויזע קוקט איהם טיעף אין די אויגען אריין): זאָג מיר, באַרים, די וואָרהייט, וויפיעל פֿער־דיענסטו אַ מאָנאַט.

באַרים (פֿערלעגען): איך פֿערדין ניט שלעכט... הייסט דאָס זאָגען גאָר אַסך קען איך ניט... איך פֿערדיען 40 רובעל אַ חדש, און אַמאָל מעהר...

בערטע (לאַכט): און אַמאָל ווייניגער...

באַרים (בעלעדיגט): ווייניגער קיינמאָל ניט.

בערטע: און פֿאַר 40 רובעל אַ חדש ווילסטו איך זאָל דיך ליעבען!...

באַרים (פֿערקריכט זיך): פֿע, בערטע! אַזוי איז ניט שיין צו רעדען, ווי קומט ליעבע צו געלד? מיר וועלען אָהן געלד גליקליך זיין... וועלכע פֿערליעבטע קוקען דאָס אויף געלד?

בערטע (שמייכלענדיג): נארעלע! וואס איז זיך דא צו נארען! ראמאנען לעז איך טאקי אלע שבת גלייך מיט דיר, איך ווייס אבער, אז די ראמאנען־מאכער זענען גרויסע ליגנער, די „מעשיות" טראכטען זיי אויס פון קאפ.

באריס (אומעטיג): דו גלויבסט גארניט אין ליעבע?

בערטע: איך גלויב ניט אין שדים און מתים (לאכט).

באריס: ביזט א הארטע!

בערטע: וואס דען האסטו געוואלט? איך זאל זיך לאזען קנעטען ווי טייג... א ווייכינקע! אים האב פיינד ווייכינקע!

באריס (געהט אום הין און צוריק איבערן צימער, ענדליך שטעלט ער זיך אוועק געגען בערטען, לעגט ארויף די האנד אויף איהר פלייטשע און זאגט): הער, בערטע — איך ווייס דאך, דו ווילסט גוט לעבען, דו ווילסט קיין נויט ניט לײדען, דו ווילסטו פערגניגען האבען, ווילסט לעבען ווי א יונגער מענש דארף לעבען, — איך שווער דיר מיט אלץ וואס הייליג איז, אז מיט מיינע לעצטע כחות וועל איך דיר זעהן צופריעדען שטעלען, וועסט גליקליך לעבען... גליקליך....

בערטע (טראכט א ווײלע): ווייסטו גאר וואס? צו וואס דארפסטו מיר שווערען, ווי א יידענע, און איך זאל קלערען: צי גלויבען דיר צי ניט — בעוויז עס פאקטיש...

באריס (אויפגערעגט): אודאי וועל איך עס בעווייזען, וועסט גליקליך זיין.

בערטע: ווען?

באריס; גלייך ווי מיר האבען חתונה.

בערטע: און, טאמער ניט, וועל איך זיך מיט דיר געהן גט'ן!... ניין! נארעלע — דאס וועט מיר ניט לוינען א רושה איז שוין ניט אזא סחורה ווי א מיידעל...

אברהם רייזען.

אין אַ גרושה ווערסטו זיך ניט פֿערליעבען אַזוי שטאַרק...

באָריס: איז וואָס־זשע ווילסטו?

בערטע: דו זאָלסט מאַכען אַ רעפּעטיציע...

באָריס: וואָס הייסט עס?

בערטע: איך וועל דיר ערקלערען, הער נאָר מיט קאָפּ! אין טעאַטער ביזטו דאָך געווען. האָסטו געזעהען ווי אַזוי אויפ'ן סצענע שפּיעלט יעדער אַקטיער זיין ראָליע געשיקט און קלוג... פֿון וואַנען קענען זיי עס? ווי אַזוי געהט עס צו ביי זיי אַזוי גלאַט און פֿיין, אַז דאָס פּובליקום קוועלט גאָר אָן... פֿון וואַנען, ווייסטו?

באָריס: אַודאַי ווייס איך: זיי זענען געראָטענע מענשען, טאַלאַנטען...

בערטע: געראָטענקייט און טאַלאַנט איז נאָך ווייניג... מען דאַרף האָבען פּראַקטיק אויך. פּראַקטיק איז דער עיקר... די אַקטיערען געהען ניט גלייך אויפ'ן סצענע שפּיעלען פֿאַר'ן פּובליקום, נאָר זיי מאַכען עטליכע טעג רעפּעטיציעס — פֿערשטעהסט? און ביז וואַנען די רעפּעטיציע גיט זיך ניט איין, האָבען זיי קיין העזה ניט אַרויס צו געהן אויפ'ן סצענע פֿאַר'ן פּובליקום...

באָריס (פֿערוואונדערט): קענען וואָס זאָגסטו דאָס...

בערטע (ערנסט): איך זאָג עס קענען חתונה האָבען; דאָס איז אַ שווערע דראַמע, פֿערשטעהסט, און אַ דראַמע ניט אויף אַ נאַכט, נאָר אויפ'ן גאַנצען לעבען... און דו ווילסט גלייך אָנהויבען שפּיעלען, גאָר אָהן רעפּעטיציע! אַזאַ חוואַט ביזטו...

באָריס (פֿערלעגען): איך פֿערשטעה אַלץ ניט...

בערטע: איז טאַקי ניט גוט... איך פֿערשטעה בעסער פֿאַר דיר, חאָטש איך האָב לאַנגע האָר און קורצען

שכל... הער באָריס! קיין נדן האָב איך ניט, און טאָמער וואָלט איך האָבען, וואָלט איך דיר אויך אַ פּייג געגעבען, ווי אַזוי וועסטו זיך איינאָרדנען?
ווי אַזוי וועסטו דינגען אַ וואָהנונג, צו וועניגסטענס פון צוויי צימערן? וואו וועסטו נעהמען אַ טיש, בעטען, שטוהלען און נאָך און נאָך? האָסט אפשר אַ רייכע משפחה?

באָריס (פעסט): עס וועט אַלץ זיין...

בערטע: נו, אדרבא בעוויי'ז... מאַך אַ רעפּעטיציע: דינג אַ וואָהנונג האָטש אויף אַ חודש. גיעב מיר אַלע טאָג אויף מיטאָג קאָכען, איין מאָל אין וואָך נעם מיר אין טעאַטער, — אויב דו וועסט אויסהאַלטען אַזוי אַ חודש בין איך דיינע, ביזטו אַ טאַלאַנט און קענסט שפּיעלען אַזאַ שווערע דראַמע.

באָריס (לאַכט פלומר'שט): אַנ' איינפאַל אַ ביסעל... חאַ=חאַ=חאַ! אַ רעפּעטיציע, ווי אַזוי צו לעבען נאָך דער חתונה...
מיינכט עס ערנסט?...

בערטע: נאָר ניט דאָס, וואָס דו מיינסט... אין אַ רעפּעטיציע לאָזט מען קלייניגקייטען דורך...

באָריס: איך מיין נישט קיין בייז, מיין קלוגע בערטעלע...
איך ווייס וואָס אַ רעפּעטיציע בעדייט.

בערטע: אויב דו ווייסט איז גוט, נאָר טאָמער וואָלסטו ניט געוואוסט, ווייס איך... נו, איז וואָס בלייבט? נעמסט זיך אונטער צו מאַכען אַ רעפּעטיציע?

באָריס: אָח, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען... מאָרגען הייב איך אָן, וועסט מיר העלפען? יאָ, בערטעלע?

בערטע: קויפען וועל איך און דו וועסט געלד געבען...

באָריס: גוט — גוט...

אברהם רייזען.

בערטע: אַלזאָ בלײַבט עס אַזוי ?

באָרים: איך בין גרייט...

בערטע: געדענק־זשע זאָלסט אויספֿיהרען...

באָרים: איך בין זיכער...

בערטע: נו, גערה איך יעצט אַוועק, אַ גוטע נאַכט (זי דערלאַנגט איהם די האַנד).

באָרים (ווייל זי אַ קוש טהון, בערטע שטויסט אָב און פֿליהט אַרויס).

באָרים (אַליין): נו אַ קאָפּ! זאָל זיין!... (ער שמייכעלט) איך וועל עס אויספֿיהרען! יאָ, יאָ! אַ רעפּעטיציע! חאַ־חאַ־חאַ!... נו, אַ קאָפּ!... זאָל זיין!...

(פֿאָרהאַנג)

צווייטער אקט.

[אין א חדש ארום]:

(די סצענע שטעלט פאר א גרויס מעבלירט צימער, אין מיט'ן שטעהט א קאלעכדיגער טיש, ארום איהם פיער שטוהלען, ביי א וואנד — א ווייכע קושעטקע, רעכטס פון צימער געפינט זיך א טהיר, וואס פיהרט אין נאך א קליין צימעריל, באָרים געהט אום הין און צוריק איבער'ן צימער, רייבט דעם שטערן, מאכט צו די אויגען, עפענט זיי, בעטראכט א שטוהל, דעם טיש און ברומט אליין: ניין, ניין. עס הערט זיך קלאפען אין טהיר. באָרים שטעלט זיך מיט'ן פנים צו דער טהיר און פרעגט אונרוהיג):

באָרים: ווער איז דאָרט?

א גראָבע שטימע: איך.

באָרים: (לייכטער אבעטהעמענדיג) זעלצער? געה אריין!

(עס געהט אריין א יונגער מענש פון 25 יאָהר, אָרים, אָבער ריין און פראנטיש געקליידט. ווארפט אום זיינע בליקען איבער'ן צימער, קוועטשט מיט די פלייטשעס און פרעגט):

זעלצער: וואס בעדייט עס אלץ, באָרים?

באָרִים: זעץ זיך, איך וועל דיר דערצעהלען. נאָר אײַל זיך ניט.

זעלצער: וואָס זעהט מען דיר עס ניט ערגיץ, ביזט אַ גביר געוואָרען — דיר שטעהט שוין ניט אָן צו האָבען געשעפטען מיט אונז, קבצנים?

באָרים (מיט איראָניע): עס קען זײַן.

זעלצער: שוין לאַנג, אַז דו וואָהנסט אין אַזאַ רײַכען צימער?

באָרים: שוין אַ מאָנאַט (זיפצט).

זעלצער: וואָס=זשע זיפצסטו, גוטער ברודער? דאַכט זיך חוץ דײַן שאָדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען...

באָרים (טאַפּט זיך די טאַשע): האָסט אֶפּשר אַ פּאַפּיראָס.

זעלצער: גראַדע ניט — איך האָב געוואָלט בײַ דיר בעטען. וואָס איז אויף דיר געקומען אַזאַ דלות?

באָרים: איך בין אַ גרויסער בעל=הוצאה. איך האָב דאָך שוין אַ ווײַ...

זעלצער: וואָס?

באָרים: גאָר נישט (געהט איבערן צימער).

זעלצער (קוקט זיך אום): זאָג מיר, וואָס איז דאָרטען פאַר אַ שלאָפצימערל?

באָרים (אין פערלעגענהייט): גאָר נישט... גאָר נישט...

זעלצער: נו, אויב דו האָסט פאַר מיר סודות וויל איך מיט דיר ניט רעדען — אַדיע! (ער שטעלט זיך אויף און שמעקט אום די האַנד).

באָרים: זײַ ניט קיין נאַר! (האַלט איהם אָב) וואָס ווילסטו וויסען? דאָ איז קיין סודות ניטאָ, אַ צרה איז דאָ יע. פערהאַן, אָבער ניט קיין סוד... אַ גרויסע צרה...

זעלצער: דערצעהל דעם סוד, דײַן צרה — אַבי דערצעהל.

באָרים: קאָנסט דאָך בערטהען?

זעלצער: נו? וואָס איז דאָ די צרה? דאַכט זיך אַ גאַנץ וואָהל מיידעל...

באָרים: איך האָב אויך אַזוי געמיינט... פערקעהרט – איך האָב געמיינט, אַז קיין גרעסערעס גליק איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, ווי צו האָבען חתונה פאַר אַזאַ מיידעל ווי בערטהע איז.

זעלצער (ערשטוינט): דו האָסט מיט איהר שוין חתונה געהאַט?

באָרים: שרעק זיך ניט... איך קען נאָך חרטה האָבען... עס איז נאָר אַ רעפּעטיציע..!

זעלצער: ווי הייסט אַ רעפּעטיציע?

באָרים: פּשוט אַ רעפּעטיציע ווי צו געבען אַ ווייב ברויט עסען, אַ דירה און נאָך אַזעלכע זאַכען...

זעלצער (לאַכט): אַנ' איינפאַל, ווי איך בין אַ איד, וועמעס אויפטהו איז דאָס? מסתמא איהרער -- דאָס איז אַ קעפּעלע!...

באָרים: וואָס דען האָסטו גערעכענט, אַז עס איז מיין אויפ־טהו. מיר וואָלט אַזאַ חכמה קיינמאָל אין קאָפּ ניט אַריינגעפאַלען...

זעלצער: נו, איז זי צופריעדען... קענסטו געבען ברויט?

באָרים: יאָ – איך בין שוין אַ בעל־חוב איבער הונדערט רובעל... (קראַצט זיך אין קאָפּ).

זעלצער (מיט איראָניע): אַזאַ חכם, הייסט עס ביזטו... נו, וואָס וועט זיין ווייטער?

באָרים: ווייטער איז ניט גוט... זי דאַרף באַלד קומען און וועט אַוודאי וועלען האָטש מאָרגען צו דער חופּה גיעהן... אַ קלוגע איז זי אַפילו, נאָר פאָרט ווייבער־שער שכל – וואו איך האָב גענומען דעם גאַנצען חדש געלד, קען זי דאָך ניט פערשטעהן...

זעלצער: אַ שאָד פון דעסטוועגען אײַנלאָזען בערטען...

באָריס: (מיט יאוש) עט... גלויב מיר ברודער, אַז עס איז אַלץ נאַרישקײַט, צום אָנהײב האָב איך געמײַנט, אַז איך וועל זײַן דער גליקליכסטער מענש, אויב בערטע וועט זײַן מײַנע, און יעצט אַז זי איז שוין כמעט ווי מײַנע, איז מיר דאָס לעבען ניט ניחא... וואָס איז דאָ פאַר אַ גליק? חתונה האָבען און אַגאַנץ לעבען אַזוי שווינדלען, דרעהען מיט'ן מח וואו צו לײַהען, וואו צו באָרגען, ניט האָבען קײַן בערוהטע מינוט... הײַנט נאָכדעם — קינדער, אַ גרעסערע הוצאה... עס פאַלט אָן אָ פּחד!

זעלצער: אַביסעל איז דאָס אֶמת... (פּויזע) איז וואָס רעכענסטו קײַנמאָל ניט חתונה האָבען?

באָריס: וואו איך וועל ניט זײַן אין שטאַנד גוט צו פערדינען, אַז מײַן פרוי זאָל קענען גוט לעבען אָהן שווינדלערײַען, אָהן קאָפּ דרעהעניש, וועל איך טאַקי ניט חתונה האָבען... טאָר איך ניט חתונה האָבען... די רעפּיטיציע האָט מיר בעוויזען, ווי אַזוי מיר טאַרען קײַנער ניט חתונה האָבען...

זעלצער: עמיצער געהט, דאַכט זיך...

באָריס (שרעקען): דאָס איז זי. געה יעצט אַוועק, פאָלג מיר איך דאַרף מיט איהר רעדען, און פאַר אַ זײַטיגען מענשען וועל איך ניט קענען...

זעלצער: אַוודאַי אַזוי (אָב).

(בערטע פליהט אַרײַן מיט אַ פרייליכען שטראַהלענדען געזיכט, דערלאַנגט באָריס'ן די האַנד און זעצט זיך אויף אַ שטוהל).

בערטע: אוי, בין איך דאָס מיעד!...

באָריס: וואו ביזטו דאָס אַזוי אומגעלאָפען?

בערטע: ווייס איך, אהער, אהין... וואס ביזטו עפּיס צעטראָגען.

באָרים: איך בין אויך עפּעס מיעד —

ברעטע: נו, אויב דו ביסט מיעד וועל איך יעצט מיט דיר ניט רעדען.

באָרים: וואָס האָסטו געוואָלט רעדען?

בערטע (מיט א שמייכעל): הײנט ענדיגט זיך דאָך אונזער רעפּעטיציע...

באָרים: איך ווייס.

בערטע (געהט צו צו איהם נאָהענט און לעגט איהם ארויף די האנד אויפ'ן פּלײצע) ביזט א חוואַט, איך האָב דיך ליעב...

באָרים (מיט שמייכעל): איך וועל קענען שפּיעלען די ראָלע? האָ?

בערטע: יאָ—יעצט גלויב איך דיר. דעם חדש האָסטו מיך אויסגעהאלטען מיט אלע פערגעניגענס, טעאטער אפילו האָט אויך ניט געפעהלט...

באָרים (לעגט איהר ארויף די האנד אויפ'ן פּלײצע): בערטעלע, קענסט מיר אפשר לאָזען אָברוהען... איך בין זעהר מיעד פון דער רעפּעטיציע, דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר...

בערטע (ערשראָקען): ווי הייסט?

באָרים: ווילסט וויסען דעם אמת...

בערטע: אַוודאי דעם אמת...

באָרים: נו, טאָ ווייס, אז די רעפּיטיציע איז טאַקי זעהר נויטיג געוועזען... איצטער זעה איך, ווי ווייט איך קען ניט שפּיעלען... איך קען ניט, איך קען ניט!...

באָרים: יאָ, בערטעלע איך האָב חרטה, און דער עיקר — איך האָב מוראָ... זיי מיר געזונד און א דאנק דיר פאר דיין לעקציע, וואָס דו האָסט מיר געגעבען,

זי האָט מיר אפשר געקאָסט אַסך געלד, אָבער עס איז ווערטה, זעהר ווערטה... (ער לאָזט אַראָב דעם קאָפּ און פערטראַכט זיך).

בערטע (שפּרינגט אויף פון אָרט, קוקט זיך איבער אַלע פיער ווינקלען. גיט אַ שפּיי, לאַכט זיך פערנאַנדער און שרייט אויס): מאוסער טרוס... חאַ־חאַ־האַ.

(זי לויפט אַרויס).

פאָרהאַנג פאַלט.

די פּערזאָנען:

לאה: אַ מיידעל פֿון אַ יאָהר 27 מיט אַ פֿערוועלקט געזיכט, האַלב אויסגעלאָשענע אויגען, אַ נעטהאָרין.

ביילקע: אַ יונג מיידעל, מיט אַ בליהענדען געזיכט, שוואַרצע ברענענדיגע און גוטע אויגען, אויף שכירות ביי לאה'ן.

די אַלטע מוטער: אַ יודענע פֿון אַ יאָהר 65 געהט איינגע־בויגען, רוקט זיך אין שטיבעל ווי אַ שאָטען, רעדט שטיל מיט אַ קרעכץ.

איסאַק: אַ בחור פֿון אַ יאָהר 30 מיט אַ ערנסט פּנים, טראָגט אַ שוואַרצע בלוזע.

די סצענע קומט פֿאָר אין אַ פּראָווינציאַלער שטאָדט אין ליטא, אין די לעצטע יאָהרען.

שוין שפּעט.

די סצענע שטעלט פֿאָר אַ קליין שטיבעל, ביי דער טהיר, רעכטס, אַן אויווען, קעגען איבער דער טהיר ביי'ם איינציגען פֿענסטער, וואָס קוקט אַרויס אין שמוציגען הויף, אַ הילצערנער ניט געפֿאַרבטער טיש, אויף וועלכען עס זענען אָנגעוואָרפֿען וועשצייג. נעבען טיש שטעט אַ נעה־מאַשין און אַ טאַבורעט. ביי די איבעריגע צוויי שוואַרצע וועגד פֿון שטיבעל שטעהען רעכטס אַ בעטעל מיט בעט־צייג, לינקס אַ הילצערנע סאָפֿקע.

אַ ווינטער אָבענד. לאה און ביילקע זיצען ביי דער אַרבייט ביי'ם טיש און נעהען, פֿערזונקען אין געדאַנקען. דער לאָמפּ אין מיטען טיש ברענט דונקעל.

ביילקע (נאָך אַ לאַנגער פּויזע, קוקענדיג צום אַלטען זייגער): שוין צוואַנציג מינוט צו אַכט, נאָך צוואַנציג מינוט...

לאה (גוטמיטיג): קוקסט מיר צופֿיעל אויפֿ'ן זייגער.

ביילקע (האַלב פֿערשעמט): ס'איז אַ געוועהנהייט...

לאה: ס'איז ניט קיין געוועהנהייט. ס'איז אַ ליעבע, ער שטעהט שוין אַודאַי אין ראָג און וואַרט אויף דיר. יאָ, ביילקע...

ביילקע (לאַכט): ס'איז ניט אַזוי ברענענדיג, ווי איהר מיינט. (קוקט ווידער צום זייגער, מיינענדיג, אַז לאה בעמערקט ניט).

לאה (מיט אַ זיפֿץ): יאָ, ס'איז ניט אַזוי ווי איך מיין, וואָס ווייסען מיר פֿון אַזוינע זאַכען... (שטיל ווי צו זיך) אויף מיר האָט קיינער ניט געוואַרט... קיינער ניט געוואַרט...

ביילקע: וואָס איז?... פֿאַר וואָס? (קוקט אויף איהר, ווי מיט מיטגעפֿיהל).

אברהם רייזען.

לאה: פֿאַר וואָס? האַ, פֿאַר וואָס, (שמייכעלט ביטערליך) כ'לעבען, איך ווייס אַליין ניט פֿאַר וואָס. (קוקט אויפ'ן זייגער). נו, קענסט שוין באַלד געהן, וועסטו איהם שוין זעהן באַלד... עס ציהט, וואָס?... זאָג, שעם זיך ניט...

ביילקע (מיט אַראָבגעלאָזטע בליקען): וואָס איז זיך דאָ צו שעמען, איך וויל איהם טאַקי... ס'ציהט טאַקי...

לאה: יאָ, עס ציהט, איך ווייס... (אויפגערעגט עטוואָס) זאָג מיר ביילקע, אַז איהר טרעפֿט זיך ביידע, וואָס טהוט איהר? זאָג נאַרעלע, זאָג...

ביילקע (פֿערשעמט): וואָס הייסט וואָס טהוען מיר... מיר געהען שפּאַצירען, מיר רעדען...

לאה (קוקט זי אָן ליידענשאַפֿטליך): און אַז דו קומסט צו איהם... זאָג, נאַר...

ביילקע: צו איהם... צו איהם גע‍ה איך זעהר זעלטען... כ'לעבען זעהר זעלטען...

לאה (מיט מעהר ליידענשאַפֿט): אָבער אַז דו ביזט ביי איהם, ווי אַזוי פֿערברענגט איהר?... זאָג... מיר מעגסטו זאָגען... איך בין דאָך דיינע ניט קיין בעל הבית'טע, איך בין דאָך דיינע אַ חבר'טאָרין... זאָג מיר אַלץ.

ביילקע: אַודאַי וועל איך אייך זאָגען... איך האָב גאָר קיין מוראָ ניט... ער גיט מיר אַמאָל אַ קוש...

לאה (לעגט אַוועק די אַרבייט): אַמאָל אַ קוש... נישט מעהר? דאָס ביזטו שוין אַ ליגנערען... איך גלויב ניט... איך מיין אַז איהר מוזט זיצען נאָכאַנאַנד און קושען זיך... יאָ?...

ביילקע (לאַכט פֿערשעמט): נאָכאַנאַנד טאַקי ניט... נאָר מען קושט זיך געגנוג... חי-חי-חי. איך איהם ניט, אפשר זעלטען אַמאָל... אָבער ער — אַ מאָדנער! מילא אייך וועל איך שוין אַלץ דערצעהלען — ער וואָלט נאָר געקושט און געקושט...

לאה (פלאַמט אויף, אָטהעמט שווער): וואו למשל, קושט ער דיך.. זאָג, נאַר, שעם זיך ניט...

בײלקע (שוין ווערענדיג פרײַ): אַ מאָדנער איז ער... איהר ווייסט וואו — אָט דאָ — אָ, (זי ווײַזט אויף איהר ווײַסער האַלז) אָט דאָ! זעלטען־ווען אויף די ליפען.

לאה (לאַכט לײַדענשאַפטליך): ער איז ניט קיין נאַר!... האָסט טאַקי אַ שענע האַלז...

בײלקע (פּלוצלונג צוקאָכענדיג זיך): אַז איך וואָלט וויסען, אַז איהר וועט ניט לאַכען, וואָלט איך אײַך נאָך עפּעס דער־צעהלט... ניין! דאָס דערצעהל איך שוין ניט... ער איז אַזאַ מאָדנער!...

לאה (ווידער שטאַרק אויפגערעגט): נאַרעלע, וועמען וועל איך דערצעהלען? וואָס בין איך עפּיס אַ בערײַדערין... איך האַלט דאָס דען פאַר אַן עולה... אַדרבא, הלואי וואָלט איך אַמאָל... ניין, ניט דאָס... דערצעהל, וואָס איז ער פאַר אַ מאָדנער... איך קען דאָך איהם, ער איז דאָך, פאַרקעהרט אַ גאַנץ ליעבער יונג... דערצעהל...

בײלקע (בויגט זיך אָן צו איהר): אָבער, געדענקט!... איהר זאָלט קיינעם ניט דערצעהלען... אַז מיר בלײַבען אַמאָל לאַנג אַליין, בעט ער מיך... נאָר, ניין... איך שעם מיך... איך וועל עס ניט דערצעהלען.

לאה (שטעלט זיך אויף מיט אַ ציטערענדען קול): איך בעשווער דיך די מוזט דערצעהלען, האָסט אָנגעהויבען, מוזטו דערצעהלען.

בײלקע (שוין אויך לײַדענשאַפטליך, פליסטערט שטיל): אַז ער קושט מיך שוין גוט אָן אָט דאָ אין האַלז, בעט ער מיך איך זאָל אָבשפּילען די בלוזקע... און אַז איך וויל ניט, שפּיליוועט ער אַליין אָב... איך האָב דאַמאָלס קיין שום

כּוחות ניט צו ווערהרען זיך ... איך פֿאַל עפּיס אַריין אַזוי ווי אין אַ חלשות ... עפּיס געהען מיר ויי אויס די כּוחות, און ער קושט מיר אין ברוסט ... אוי, לאה'לע, איך מוז אייך שוין דערצעהלען אַלץ: עס איז מיר דאַמאָלס עפּיס אַזאַ מחיה ... אַזאַ מהיה ... איך געה אויס ...

לאה, (פֿאַלט צו איהר צו און נעמט זי שטאַרק אַרום): אוי, מיין קלוגע ביילקע! דו טהוסט גוט! גוט! גוט!

ביילקע (ווי ניט גלויבענדיג): טאַקי איהר מיינט עס מיט אַן' אמת? זאָגט, איהר זענט דאָך אַ געבילדעטע ... איהר לייענט דאָך אַזוי פיעל ביכלעך ... איך ווייס גאָר ניט, אַמאָל האָב איך חרטה דאַרויף און אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז עס איז גאָר נישט, ער זאָגט, אַז מען מעג אַלץ ... פון דעסטוועגען „אַלץ" וויל איך ניט ...

לאה (העכסט אויפגערעגט): מען מעג אַלץ, אַלץ! ...

ביילקע: איך מיין אויך, אַז מען מעג, אויב מען האָט זיך ליעב אויף אַן' אמת.

לאה: מען מעג, מען מעג ... קלוגע מעגען, אָבער נאַרען טאָרען ניט ...

ביילקע: איצטער בעט איך אייך, דערצעהלט מיך אויך, אייער איסאַק קושט אייך אַמאָל? ... ער איז אַזאַ געבילדעטער ... מיינער איז קנאַפּ געבילדעט ... זאָגט, איך בעט אייך ... איך מוז דאָס וויסען ...

לאה (טראַכט אַ ווײַלע): מיינער? איסאַק? ער איז גאָר ניט מיינער ... אַזוי בעקאַנט ... מען אַרבייט צוזאַמען אין בעוועגונג ... ער קומט אַמאָל אַרויף ...

ביילקע: ביי אייך קושט מען זיך ניט, איך ווייס ... איהר זייט ערנסטע מענשען.

לאה (האַלב איראָניש): יאָ, מיר זענען ערנסטע מענשען, מיר

האָבען דערצו קיין צייט ניט, (עס הערען זיך שווערע טריט פון אַן אַלטען מענשען), די מאַמע געהט. געה שוין ביילקעלע שוין אַכט.

די אַלטע מוטער (קומט מיט אַ קויש, אין וועלכע עס ליגען אויפ׳ן דעק אָנגעפּרוירענע עפּעלעך): נו, אַ טאָג אַביסעל... אָנגעקאָלעיעט זיך, און פרעג וואס... ניט געלייזט קיין גאַנצען פערציגער, און דער גאָראָדאָוואָי, אַ קלאָג נאָך איהם, ס׳אַרא מין הונד אַ גוי דאָס איז, לאָזט ניט שטעהן אויפ׳ן טראָטואַר, חאָטש גיב איהם אַ קרענק... אוי, מיינע שטעכעניש איהם! (קרעכצט).

ביילקע (שוין אַנ׳אָנגעטהוענע צום אַוועקגעהן, שטיל צו לאה): געדענקט־זשע, לאה... אַ סוד...

לאה: גוט, מיין קינד, האָב קיין מורא ניט... געה שוין גיכער. אַ רחמנות אויף איהם...

ביילקע: ניקשה, ער האָט צייט, (לאַכט) אַ גוטע נאַכט.

די אַלטע מוטער: אַ גוטע נאַכט, טאָכטער׳קע... געה געזונד, (צו לאה׳ן) ס׳אַרא פאַרשוין אַ מיידעל: אַ מחיה אויף איהר צו קוקען... האָט שוין אַ חתן, האָב איך געהערט.

לאה (פערטראַכט): יאָ... זי האָט...

די מוטער: נו, וואס ביזטו אַזוי פערזאָרגט... דו וועסט אויך האָבען...

לאה (בייז): מאַמע, רעד נישט...

די מוטער (מיט אַ קרעכץ): נו, שאַ, איך רעד נישט, נו עס עפּיס, איך האָב געבראַכט אַגוטען שטיקעל שמעטענע קעז, אָבער טאַקי אמת שמעטענע קעז...

לאה: מאַמע, איך בעט דיך, רעד ניט וועגען קעז...

די מוטער: רעד ניט וועגען קעז?... פאַר וואס ניט רעדען?... איך האָב מיט אַ כיון געקויפט שמעטענע קעז... עס היילט אין האַרצען...

לאה (איראָניש): היילט אין הארצען... וועסט שוין מיר דאָס הארץ ניט היילען...

די מוטער: ביי דיר איז דאָך אלץ פערקעהרט, וואָס מען זאָגט דיר פאָלגסטו ניט... זעה ס'אַרא פּנים דו האָסט טאַקי!...

לאה (אויפגערעגט): מאַמע, הערסט ניט אויף אַמאָל!... (שטעלט זיך און געהט צו צום קליינעם שפּיגעלע ביי דער וואַנד, פערריכט גערוועזן די האָר) • מאַמע!

די מוטער: וואָס איז?

לאה (ניט דרייסט): מאַמע... איך וויל דיך עפּיס בעטען, זאָלסט קיין פאַראיבעל ניט האָבען... דו מוזט דאָס מיר טהון... איך וויל זאָלסט היינט געהן נעכטיגען צו דער מומע שרה'ן...

די מוטער (ערשטוינט): וואָס איז אַזוינס? צו וואָס? האַ, לאה?

לאה (ניט געפינענדיג באַלד קיין ווערטער): פערשטעהסטו, איסאַק האָט מיר געבעטען... איסאַק האָט געזאָגט, אַז מען וועט זיך דאָ היינט צונויפקלויבען... מען דאַרף דאָ רעדען וועגען אַ וויכטיגע זאַך... ווייסט דאָך... זיי ווילען ניט, אַז אַ פרעמדער מענש זאָל זיין דערביי... פערשטעהסט... ביי דער מוהמע שרה'ן איז דאָך גוט צו שלאָפען...

די מוטער: ס'איז דאָך מיר אַ חרפּה... וואָס וועל איך דאָרט זאָגען, ציצעליסטען דאַרפען זיך אַנ'עצה האַלטען... מען וועט דאָך מיך אויסלאַכען...

לאה: מאַמע, איך בעט דיך, היינט טהו דאָס מיר, אָבער גיכער... (אויפגערעגט) אָבער גיכער!.. מאַמע, האָב קיין פאַראיבעל ניט, איך מוז... איך האָב צוגעזאָגט... (געהט אום הין און צוריק) מאַמע, געה אַוועק...

די מוטער: שאַ, איך געה, איך געה...

לאה: נעם עס עפּיס אָב... נאָר גיכער, מאַמע... ער קומט באַלד... זיי קומען באַלד...

די מוטער (האַלב בייז): איך וועל שוין דאָרטען ... אַז אָח און וועה איז צו מיר... (רוקט זיך אַרויס וו ...). לאה בלייבט אַליין, גייט אום הין און צוריק איבער ... סצענע, קוקט אַלע ווייַלע אין שפּיגעל און מורמעלט).

לאה: (פאַר זיך): היינט מוז איך זיך אויסזאָגען... איך וויל גע-ניסען! געניסען! געניסען! (זי דערהערט טריט, ווערט אויפגערעגט).

איסאַק (גייט אַריין פּאַוואָלע. דער אָבגעטראָגענער מאַנטעל איז פונ-גאַנדערגעשפּילעט, ער וועהט זיך אַרויס די שוואַרצע בלוזע): גוטען אָבענד! (גיט לאה'ן די האַנד).

לאה (האַלט די האַנד אַ לענגערע ווייַלע און דריקט): גוטען אָבענד, איסאַק... נו?...

איסאַק (אַוועקזעצענדיג זיך): וואָס נו? געווען היינט אַ סך אַרבייט... איך מוז באַלד ווידער געהן. היינט איז אַ סחאָדקע...

לאה: אַזוי, אַ סחאָדקע... ווידער אַ סחאָדקע... איהר מוזט געהן טאַקי?

איסאַק (קוקט זי אָן): עס פערשטעהט זיך – איך מוז... וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע... איהר וועט אויך געהן...

לאה: יאָ... אַודאי – איך וועל אויך געהן... (פּויזע) איסאַק!

איסאַק: וואָס איז? (קוקט זי אָן קאַלט).

לאה: איסאַק...

איסאַק: „איסאַק און איסאַק"! וואָס איז אַזוינס?

לאה: איך האָב געוואָלט... בלייבט נאָר דאָ... די מאַמע איז ניטאָ...

איסאַק: וואָס רעדט איהר... מען מוז געהן אויף דער סחאָדקע... מען וואַרט דאָרט... קומט!

לאה: איך קען ניט געהן... די מאַמע איז ניטאָ...

איִסאַק: וואו איז די מאַמע? זי קומט דאָך מסתמא באַלד...

לאה: ניין... זי קומט ניט... זי קומט ניט...

איִסאַק: (פערוואונדערט): פאַר וואָס?

לאה (שטאַמלענדיג): איך האָב זי בביון אַוועקגעשיקט. איך האָב געוואָלט... (האַקט זיך אָב).

איִסאַק: עפּיס זענט איהר, לאה, היינט מאָדנע... איהר רעדט ניט. עפּיס אַ מאָדנע קאָנספּיראַציע...

לאה: אַ קאָנספּיראַציע... יאָ... אַ געפעהרליכע זאַך...

איִסאַק: פאַר מיר האָט איהר קאָנספּיראַציעס?... פאַר מיר?!...

לאה (קוקט איהם אָן): איהר מיינט דען, אַז איהר מעגט וויסען פון קאָנספּיראַציעס... (שמייכלעט ביטער).

איִסאַק (זיכער): איך מיין, אַז יאָ. דאַכט זיך אַז איהר ווייסט עס אויך...

לאה: איך? איך ווייס גאָר ניט... איך ווייס גאָר ניט...

איִסאַק: נו, לאה, דערצעהלט...

לאה: וועט איהר בלייבען דאָ?

איִסאַק: איך קען ניט... די סחאָדקע... מיר מוזען געהן...

לאה: אַזוי, די סחאָדקע... נו, טאָ קומט... איך געה אויך.

איִסאַק: און איהר וועט טאַקי ניט דערצעהלען?

לאה (פאַרביסען): ניין... כ'קען טאָר ניט... מען טאָר ניט... קאָנספּיראַציע... (לאַכט זיך היסטעריש פונאַנדער).

איִסאַק (קוקט זי אָן פערוואונדערט): לאָה, וואָס איז מיט אייך? זאָגט, רעדט!

לאה (בערוהיגט זיך): ניין ס'איז גאָר נישט. פרעג וואָס האָב איך אַוועקגעשיקט די מאַמע... איך האָב עפּיס געמיינט... איך האָב עפּיס געוואָלט און האָב גאָר פערגעסען, אַז ס'איז שוין שפּעט!

איִסאַק (ניט פערשטעהענדיג): יאָ ס'איז שוין טאַקי שפּעט... קומט אויף דער סחאָדקע...